STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09542

GENERAL SAN MARTIN, DER BAFRAYER

Natan Fruchter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. פרוכטער

גענעראַל סאַן מאַרטין

דער באפרייער

ביבליאטעק
ע״ש
אברהם און ברכה קרייסער
ביים
פאריין

אַרויסגעגעבן פון
ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג״

בוענאָס איירעס
יאָר פונעם באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED EN ARGENTINE

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Es propiedad del autor.

איבערדרוקן אינגאַנצן אָדער טיילווייז אָן דערלויבעניש, פאַרבאָטן

Copyrigth by N. FRUCHTER, Buenos Aires

פאָרוואָרט פונעם אויטאָר וועגן סאַן מאַרטין

די ביאָגראַפיע פונעם גרויסן קאַפּיטאַן פון די אַנדן, וואָס ווערט דאָ איי־בערגעגעבן, שילדערט אַ צייט־אָפּשניט פון שטורמישע רעוואָלוציעס, קאָנטער־רעוואָלוציעס, באַפרייונגס־אַקציעס און אויך קאַודיזשאָ־טעטיקייט. יענע עפּאָכע פון אָנהויב 19טן יאָרהונדערט, וואָס איז געווען שטורמיש אין אייראָפּע, האָט מיט זיך געבראַכט די באַפרייונג פון די אַמעריקעס, און ס'איז אויסגע־פאַלן דער גורל אַף גענעראַל סאַן מאַרטין צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער דאָזיקער באַפרייונג. פונקט ווי עס איז געווען אומרויק די צייט, אַזוי אומרויק האָט דורכגעמאַכט זיין לעבן דער באַפרייער, און צוזאַמען מיט אים אַ גאַנצע רייע פּראָסערס פון אונדזער רעפּובליק, ווי פּועירערעדאָן, בעלגראַנאָ, אַלוועאַר, ריוואַדאַוויאַ און אַנדערע, וואָס האָבן פאַרנומען פּאָסטנס אין דער רעגירונג אָדער אין די מיליטערישע רייען אין יענער צייט.

עס ווערט אין דעם בוך געשילדערט די גרויסקייט פון סאַן מאַרטין אַלס אָרגאַניזאַטאָר און שעפער פון אַרמיי־כוחות און זיין אומאייגנוציקייט באַם דורכפירן די גרויסע אַקציע. דער לייענער האָט פאַר זיך אין דער ביאָגראַפיע פון סאַן מאַרטין אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון זיין דורכגעמאַכטן פערזענלעכן לעבן און מיליטערישער טעטיקייט. מיר זעען אים אין פולן גלאַנץ אַלס 34־יעריקן פּילקרעפטיקן מיליטער־שעף באַ דער אַרבעט פון צוגרייטן דעם גראַנאַדירן־רעגימענט אין רעטיראָ, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אינעם זיג באַ סאַן לאָרענסאָ, און דערנאָך אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אַן אַרמיי אין טוקומאַן צום געפּלאַנטן אָפענסיווע־מאַרש אין אַלטאָ פּערו. זיין געזונט־צושטאַנד הויבט זיך אָן צו ברעכן, אָבער ער גיט נישט אויף די אידייע צו שלאָגן דעם שונא און באַפרייען זיין לאַנד. ער פאַרשטייט, אַז נאָר דורך טשילע און לימאַ איז מעג־לעך אַ סוף צו מאַכן צום פיינטלעכן כוח, וואָס וויל מיט גוואַלד הערשן איבער די דעראָבערטע לענדער. און אָט אַזוי, טראָץ זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, אַרבעט ער אויס זיין פּלאַן און באַקומט די פולסטע שטיצע פון העכסטן דירעקטאָר פּועירערעדאָן צו דער גרויסער אונטערנעמונג. ער ווערט גובערנאַ־טאָר פון קוזשאָ און האָט די פולסטע מעגלעכקייט אין מענדאָסאָ צוצוגרייטן זיין

אויסגעהלומטע אַרמיי. אין זיין הויפטקוואַרטיר אין פלומעריזשאַ ווערט געשאַפן די אַנדן אַרמיי. פון אַלע עקן פון דער גרויסער פראָווינץ קוזשאָ, וואָס נעמט אַרום די הייִנטיקע דריי פראָווינצן מענדאָסאַ, סאַן כואַן און סאַן לויס קומען יונגעלייט אַף צו דינען דער אַקציע. מענדאָסער פרויען גיבן זייער צירינג פאַר דער גרויסער זאַך, און סאַן מאַרטינס פרוי מיט אַנדערע אַריסטאָקראַטישע דאַמען פון מענדאָסאַ שטריקן אויס די פאָן וואָס דאַרף זיין דער פאַקל אינעם באַפרייונגס־מאַרש.

די בעסטע מיליטערשעפן פון יענער צייט: לאַס העראַס, לאַוואַזשע, פאַז, דאָרדעגאָ און אַנדערן זענען געווען אין דער דאָזיקער אַרמיי, און אַ סך פון זיי האָבן דערנאָך יאָרנלאַנג געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון אונדזער רעפובליק. און ווי אַזוי ס׳איז צוגעגאַנגען די צוגרייטונג פון דער וואונדערבאַרער אַנדן אַרמיי ווערט דערציילט אַף אַן אָרט: „דער הויפט קוואַרטיר פון סאַן מאַרטין מיט זיין הויפטלאַגער איז געווען אין פלומעריזשאַ, אַ לעגווע ווייט פון מענדאָסאַ. דאָרט איז צוגעגאַנגען כסדרדיקע מושטרירונג, אַן אומאויפהערלעך טרומייטן, באַראַבאַנעווען און שיס־איבונגען. די עקזערצירונג האָט געדויערט דריי ביז פיר שעה פאַרמיטיק און נאָך אַ קורצן איבעררייס פאָרגעזעצט געוואָרן נאָכמיטיק. אויסער מיליטערישע איבונגען האָט יעדער סאָלדאַט געדאַרפט אויך דורכפירן האַנטווערק, ווי מאַכן שיך, שניידעריי־אַרבעט און אַלערליי אַנדערע מלאכות. אין די אָוונטן האָט סאַן מאַרטין געגעבן לעקציעס איבער מיליטערישער סטראַטעגיע און אויסגעאַרבעט פּלענער פאַרן פאָרשטייענדיקן אַרויסמאַרש”. און אָט אַ בריוו צום העכסטן דירעקטאָר פועירעדאָן, געשריבן פון סאַן מאַרטין דעם 9טן נאָוועמבער 1816: „איך באַוואונדער וואָס אַזאַ שוואַך באַפעלקערטע געגנט, אָן מסחר און אָן גרויסע קאַפּיטאַליסטן, באַם מאַנגל אין האָלץ, פעלצוואַרג, וואָל, פּי און אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן איז אימשטאַנד געווען אויפצושטעלן אַ מוסטערהאַפטע אַרמיי פון 3.000 מאַן. עס זענען געשאַפן געוואָרן לאַגערס, צוגעגרייט געוואָרן 3.000 פערד, 7.000 מויל־אייזלען, און ס׳איז געטון געוואָרן אַלץ אויסצוהאַלטן און באַוואָפענען די אַרמיי”.

אָט די דאָזיקע אַרמיי, אונטער דער פירונג פונעם גרויסן קאַפּיטאַן, איז גליקלעך אַריבער די אַנדן, געזיגט אין טשאַקאַבוקאָ, געזיגט אין מאַיפּו, דערנאָך אַריבער צו די ברעגן פון פערו און פאַרטריבן דעם שונא פון לימא.

און פאַר די אַלע זיגן וויל נישט דער באַפרייער קיין שום מאַטעריעלע באַלוינונג. ער וויל נישט זיין קיין מלך און קיין מלוכה־מאַן. ער וויל נישט קיין שום טיטל און אפילו נישט קיין געהויבענע כבודים. אין לימאַ ווערט ער פּראָקלאַמירט אַלס פּראָטעקטאָר און ער נעמט עס אָן אַף אַ קורצער צייט, ווייל די אומשטענדן פאָדערן עס. אָבער ער האָט מיטן באַפרייען לימאַ און קאַזשאַאָ נאָך נישט פאַרענדיקט די באַפרייונג פון פערו און ער זוכט די מיטהילף פון אַ צווייטן באַפרייער, וואָס שטייט מיט אַן אַרמיי אין עקוואַדאָר. עס קומט פאַר אַ קאָנפערענץ צווישן ביידע באַפרייער און באָליוואַר זאָגט אָפּ די געבעטענע הילף. „נישטאָ קיין פלאַץ פאַר צוויי באַפרייער” אין זיד אַמעריקע, באַהויפטעט באָליוואַר, און סאַן מאַרטין טרעט אָפּ דאָס פלאַץ דעם פרעטענזיעזן צווייטן באַפרייער.

עס קומט דערנאָך דאָס שווערע גלות־לעבן. דער באַפרייער פון דריי לענדער ציט זיך צוריק פון עפנטלעכן לעבן און גיט זיך אָפּ אינגאַנצן דער דערציונג פון זיין טאָכטער. עס האַלטן אָן די איבערקערענישן אין זיין פאָטערלאַנד. קאודיזשאָס און מאָנטאנעראָס בושעווען אין די פראָווינצן, און אין בוענאָס איירעס ווערן געביטן אָן אויפהער רעגירונגען. נישט באַשערט געווען דעם באַפרייער צו געניסן פון דער רו, וועלכע ער האָט זיך געוואונטשן.

זיין גרויסער און הייסער וואונטש איז געווען זיך אומקערן אין זיין געבורטסלאַנד און דאָרט זיך אויסלעבן, אָבער די אומשטענדן האָבן עס אים נישט מעגלעך געמאַכט, און ער האָט אויסגעהויכט אָף דער עלטער זיין נשמה אין דער פרעמד, אין פראַנקרייך.

דער אויטאָר וויל האָפן, אַז דאָס דאָזיקע בוך, געהייליקט דעם אָנדענק פון גרויסן קאַפּיטאַן גענעראַל סאַן מאַרטין, וועט אויפגענומען ווערן מיט דער זעלבער ליבע, מיט וועלכער ער האָט עס געשריבן און מיט וועלכער דער פאַריין פון אידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן איז צוגעטרעטן עס אַרויסצוגעבן.

נ. פרוכטער

„אייער פליכט איז צו טרייסטן אַמעריקע. איר קומט נישט דורכצופירן דעראָבערונגען נאָר צו באַפרייען פעלקער" — „די צייט פון גוואַלד און אונטערדריקונג איז שוין פאַרביי. איך קום מאַכן אַ סוף צו דער עפּאָכע פון דערנידערונג". — איך בין אַן אינסטרומענט פון דער גערעכטיקייט און די זאַך וואָס איך פאַרטיידיק איז די זאַך פון מענטשלעכן מין".

גענעראַל סאַן מאַרטין

◈

„סאַן מאַרטין איז נישט געווען קיין משיח, נישט קיין נביא. ער איז געווען אַ מאַן פון האַנדלונג, האָבנדיק פאַר זיך אַ קלאָרן ציל. זיין ציל איז געווען די אומאָפּהענגיקייט פון זיד־אַמעריקע".

באַרטאָלאָמע מיטרע

I

זשאַפּעזשו

דאָס שטעטל זשאַפּעזשו, דער געבורט־פּלאַץ פון גענעראַל סאַן מאַרטין, וואָס הייסט היינט סאַן מאַרטין, אָפּן נאָמען פון באַפרייער, האָט זיך געפונען אין פּראָווינץ קאָריענטעס באַם לינקן ברעג פונעם קליינעם טייכל גואַוויראַווי. די יוריסדיקציע פון זשאַפּעזשו האָט זיך שפּעטער אויסגעשפּרייט באַם מזרח ברעג פונעם טייך אורוגווײַ, פונעם טייך איביקוי ביז דער אַראַזשאַ בעליאַקאַ אַף אַ לענג פון 150 לעגוועס און אַפּן מערב ברעג פון דער ענדיקונג פון קאָריענטעס ביזן בראַזיליענער גרעניץ. איצט הייסט יענץ שטעטל סאַן מאַרטין.

געווען איז עס אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע אין יאָר 1626, ווען דאָס דאָזיקע שטעטל איז געגרינדעט געוואָרן. דער דעמאָלסט געוועזענער גובערנאַטאָר פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ געביט, פראַנציסקאָ דע סעספּעדעס האָט געשיקט דעם יעזואיטישן גייסטלעכן ראָקע גאָנסאַלעז דע סאַנטאַ קרוז צו דער געגנט פונעם טייך אורוגווײַ אויפצושטעלן אַ רעדוקציע, דאָס הייסט אַ ישוב, און ער האָט אַזעלכעס געגרינדעט, אונטערן נאָמען נועסטראַ סעניאָראַ דע לאָס סאַנטאָס רעזשעס דע זשאַפּעזשו. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די יעזואיטישע גלחים האָבן געהאַלטן אין שאַפן אַזעלכע רעדוקציעס, באַפעלקערנדיק זיי מיט אינדיאַנער איינוואוינער, מיטן ציל זיי אַרונטערצונעמען אונטער דער הערשאַפט פון דער קירכע. אַזעלכע רעדוקציעס וואָס זיינען באַקאַנט אַלס מיסיאָנעס, זיינען געווען אין די צענדליקער און האָבן ביסלעכווייז זיך אַנטוויקלט. אונטער דער אָנפירונג פון די יעזואיטישע גייסטלעכע זיינען די אינדיאַנער אַריינגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט באַ בעסערע באַדינגונגען ווי באַ די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן. זיי האָבן אויך באַקומען אַ געוויסע בילדונג. דאָס האָט געדויערט ביז 1767, ווען דער גובערנאַטאָר בוקאַרעלי האָט געמאַכט אַ סוף צו דער טעאָקראַטישער הערשאַפט פון די יעזואיטישע מיסיאָנערן.

ווי געזאָגט, איז אין 1626 געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער רעדוקציע פון זשאַפּעזשו, אָבער עס האָט געדויערט נאָך אַ קורצע צייט ביז עס איז ענטגילטיק געשאַפן געוואָרן זשאַפּעזשו. ערשט דעם 4טן פעברואַר 1627, איז פּאַקטיש געשאַפן געוואָרן דאָס שטעטל. דער גייסטלעכער ניקאָלאַס דוראַן, באַגלייט פונעם גייסטלעכן פּעדראָ ראָמעראָ האָבן אין דערמאָנטן טאָג אָנגעהויבן

מיט הונדערט אינדיאַנער אויפבויען זשאַפּעזשו. מען האָט ביז סוף חודש אויפ־געשטעלט אַ קירכע און אַ הויז פאַרן גייסטלעכן דוראַן, וועלכער האָט באַדאַרפט אָנפירן און רעגירן די באַפעלקערונג.

די רעדוקציעס פון דער יעזואיטישער שאַפונג זיינען באַשטאַנען פון אַ קירכע מיט אַ גרויסן הויף, אין וועלכן עס איז געווען דער בית עולם, די טורמע, אַרבעט־וואַרשטאַטן און שול, און אַרום דער קירכע זיינען געווען וואוינהייזער, דאָס ראַטהויז (קאַבילדאָ), געשעפט־הייזער און אַנדערע געביידעס פאַר פאַר־שידענע צוועקן. אזעלכע „רעדוקציעס" אָדער „מיסיאָנעס" האָבן געשאַפן די גלחים פון די דאָמיניקאַנער, פראַנציסקאַנער און יעזואיטישע אָרדענס, איינ־נעמענדיק די אינדיאַנער מיט ווייכע רייד, אויפקלערנדיק זיי, אַז זיי דאַרפן אָננעמען אַלעס פאַר ליב, ווייל זייער לעבנס־גורל איז פאַרצייכנט אַלס אזעלכער אויבן אין הימל. און מען מוז צוגעבן, אַז די אינדיאַנער וואָס האָבן געלעבט אין די רעדוקציעס, האָבן זיך געפונען אין אַ בעסערן צושטאַנד ווי די וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו שפּאַנישע אַרבעטגעבער, באַצייכנט אַלס „ענקאָמענ־דאָס". דאָרט איז מען געווען אין אמתדיק טיפער שקלאַפעריי.

עס איז געווען דער מזל פון זשאַפּעזשו אויסצוואַקסן גאָר אין גיכן צו אַ בליענדיקן שטעטל, רייך אין פיצוכט, און געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער מיסיאָנערשער פּראָווינץ.

אינעם יאָר 1767, ווען די גלחים זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון די מי־סיאָנעס האָט זשאַפּעזשו זיך געפונען אין פולסטן בליאונג־צושטאַנד, אין דער אַגריקולטור און פיצוכט, און געהאַט דעמאָלסט 48.000 בהמות.

נאָכן באַזייטיקן די גלחים זיינען די מיסיאָנערישע שטעטלעך איבערגע־גאַנגען אונטער דער דירעקטער פאַרוואַלטונג פון דער שפּאַנישער אַדמיניסט־ראַציע. אין פעברואַר 1768 האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער דער מיסיאָנעס געגנט דער קאַפּיטאַן פראַנציסקאָ ברונאָ סאַבאַלאַ, און ער האָט זיך געפונען אין זשאַפּעזשו ביז יאַנואַר 1770. דעמאָלסט איז סאַבאַלאַ באַשטימט געוואָרן אַלס טעניענטע גובערנאַטאָר אין קאַנדעלאַריאַ און זיין אָרט אין זשאַ־פּעזשו האָט פאַרנומען פראַנציסקאָ פּערעז. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, דעם 6טן אַפּריל 1774, האָט איבערגענומען דעם מעלוכע־פּאָסטן אין זשאַפּעזשו אַלס טעניענטע גובערנאַטאָר, כואַן דע סאַן מאַרטין, דער פּאָטער פון שפּעטערדיקן גענעראַל כאָסע דע סאַן מאַרטין.

אין די צייטן פון דער אַדמיניסטראַציע פון גובערנאַטאָר כואַן סאַן מאַרטין האָט זשאַפּעזשו געהאַט 18 עסטאַנציעס און 25 פּאָסטנס (אין שפּאַניש פּאָס־טאָס), יעדע מיט איר קירכע און הייזקעס פאַר די פּעאָנעס פון די גיטער. חוץ די בהמות אויף די פּאַשעס זיינען געווען דעמאָלסט אין די גיטער 60,000 קי, 900 אָקסן, 400 קעלבער, 8,500 שאָף און ציגן, 3.780 געצייכנטע פערד, 830 אייזלען, 61 חזירים און 13 קליינע חזירימלעך. דער גובערנאַטאָר האָט

באַדאַרפט אײַנמאָנען די שטײַערן פון די פּיציכטער, זשערבע פּלאַנטאַטאָרס און אַנדערע שטײַערן און האָט באַקומען דערפאַר זײַער אַ מיזעראַבלע לוין. די באַלוינונג איז אויך געצאָלט געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז עס איז נישט אײנמאָל נויטיק געווען, אַז די פרוי פונעם גובערנאַטאָר, די מוטער פון סאַן מאַרטין זאָל מוזן פאָרן קײן בוענאָס אײַרעס צו בעטן אויסצוצאָלן איר מאַן דעם לוין.

די עלטערן פון כאָסע דע סאַן מאַרטין

אין דער צײַט ווען עס האָט נאָך נישט געהערשט קײן וויצע־קעניגטום אין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ־געביט, נאָר געווען איז נאָך אַ גובערנאַטאָר־רעזשים, איז געקומען אַהער כואַן דע סאַן מאַרטין, אַ יונגערמאַן וואָס איז געבוירן אין סערוואַטאָס דע לאַ קועסאַ, אין שפּאַנישן קעניגרײַך לעאָן. געווען איז עס אין די צײַטן פון קעניג קאַרל 3טער, וואָס איז געהאַט באַצײכנט געוואָרן אַלס ליבע־ראַלער הערשער. ווען כואַן איז געקומען קײן בוענאָס אײַרעס האָבן גראָד די פּאָרטוגעזער אונטערגענומען פון בראַזיל אויס די אינוואַזיע אין באַנדאַ אָריענ־טאַל (הײַנט אורוגווײַ). דער גובערנאַטאָר פונעם לאַ פּלאַטאַ געביט, פראַנציסקאָ דע פּאַולאָ בוקאַרעלי, האָט זיך געזען געצוואונגען אונטערצונעמען דעם קאַמף קעגן די אינוואַזאָרן און צו דעם צוועק אָרגאַניזירט אַ וואָלונטירן מיליץ צו פאַרשטאַרקן דעם מיליטערישן גאַרניזאָן. כואַן דע סאַן מאַרטין איז אַרײַן אין דער מיליץ אַלס לײטענאַנט פון דער אינפאַנטעריע.

אין 1769 האָט בוקאַרעלי באַשטימט כואַן דע סאַן מאַרטין אַלס אַדיוטאַנט מאַיאָר פון דער קאָמפּאַניע אַגוסטין דע איספּוראָ אינעם „פּאָסטן" (ישוב) כואַן וואַסקעז. אַ קורצע צײַט שפּעטער, סוף יוני 1770, האָט ער באַקומען פון זײַן גענעראַל אַ פאַראָרדענונג, באַלד צו פאָרן אין אַ פּלאַץ ווײַט פון בוענאָס אײַרעס מיט אַ געוויסער שליחות. פאַרשטײט זיך, אַז אונטערגעוואָרפן אַ מיליטערישער דיסציפּלין האָט כואַן געמוזט פאָרן, אָבער פריער האָט ער געוואָלט דערלײדיקן אַ פּריוואַטן ענין. ער האָט געבעטן בײַ זײַנע חברים דעם דראַגאָנער קאַפּיטאַן פראַנציסקאָ סאַמאַלאַ, אינפאַנטעריע קאַפּיטאַן כואַן וואַס־קעז און וואָלונטירן לײטענאַנט ניקאָלאַ גאַרסיאַ, אַז אײנער פון זײ זאָל אים פאַרטרעטן און דורך זײַן אָפּוועזנהײט אַרויסנעמען אַ חתונה ביכל אין זײַן נאָמען מיט אַ שפּאַניש מײדל וואָס געפינט זיך אין בוענאָס אײַרעס, און וועל־כער ער האָט פאַרשפּראָכן חתונה צו האָבן מיט איר. דעם 31טן יוני האָט ער געגעבן זײַנע חברים אַ פולמאַכט־דאָקומענט, בײַ דער אָנוועזנהײט פון די עדות כאָסע דע פּאָסאַדאַס, כואַן ראָדריגעז און ציפּריאַנאָ וויליאַטאַ.

דאָס מײדל, וועלכע האָט געדאַרפט חתונה האָבן דורך פולמאַכט פאַר כואַן דע סאַן מאַרטין, איז געווען פרײַלן גרעגאָריאַ מאַטאָראַס, די טאָכטער פון

דאָמינגאַ מאַטאַרראַס און פרוי דאָניאַ מאַריאַ דעל סער, פון פאַרעדעס דע גאַוואַס, אַלט קאַסטיליע.

די חתונה צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן אין בוענאָס איירעס, דעם 1טן אָקטאָבער 1770. דער בישאָף מאַנועל אַנטאָניאָ דע לאַ טאָררע האָט דורכגעפירט דעם חופה־אַקט צווישן דער יתומה גרעגאָריאַ מאַטאַרראַס און דעם



די געביידע וואָס נעמט אַרום די חורבה פונעם הויז, אין וועלכן סאַיז געבוירן געוואָרן דער באַפרייער אין זשאַפעזשו, היינט סאַן מאַרטין, אין פראָווינץ קאָריענטעס

קאַפיטאַן סאַמאַלאַ אין פאַרטרעטונג פונעם אַפוועזנדן חתן. אַזוי ווי די כלה האָט געהאַט אַ מיוחתדיקע משפחה אין בוענאָס איירעס זיינען בייגעווען די חתונה אַ סך געהויבענע געסט.

נאָך דער חתונה איז דאָס יונגע ווייבל אַוועקגעפאָרן צו איר מאַן, וואָס האָט זיך געפונען אין מיסיאָנעס, באַם טייך אורוגוויי, און גאָר אינגיכן, דעם 6טן אַפריל 1774 איז כואַן דע סאַן מאַרטין באַשטימט געוואָרן אַלס גובערנאַטאָר פון זשאַפעזשו. דאָ האָט דער נייער גובערנאַטאָר זיך איינגעאָרדנט אין דער גובערנאַטאָר רעזידענץ, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאַמיליע־הויז מיט אַ גרויסן הויף, אַ פאָר קליינע צימערן פאַרן מיליטער און אַ שטאַל פאַר די פערד.

גרעגאָריאַ האָט באַשאָנקען איר מאַן מיט עטלעכע קינדער, צווישן זיי איין מיידל און פיר אינגלעך. דאָס מיידל האָט באַקומען דעם נאָמען מאַריאַ העלענאַ און די אינגלעך כואַן פערמין, מאַנועל טאַדעאָ, כוסטאָ רופינאָ און דער אינגסטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דעם 25טן פעברואַר 1778, האָט באַקומען דעם נאָמען כ אָ ס ע פ ר אַ נ צ י ס ק אָ. דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער גענעראַל כאָסע דע סאַן מאַרטין.

די יוגנט פון סאַן מאַרטין

זשאַפּעזשו האָט דורך איר גוטן קלימאַט, און זיך געפינענדיק באַם ברעג פון טייך, געהאַט גוטע גערטנער און סעדער, ווי אויך זשערבע־פּלאַנטאַציעס. די פּרוכט־גערטנער האָבן געגעבן אַלערליי פּרוכטן און די אַנדערע גערטנער האָבן געגעבן גענוג גרינצייג. דער קליינער כאָסע סאַן מאַרטין האָט געהאַט גענוג פּלאַץ וואו אַרומצושפּילן און געהאַט גענוג קליינוואַרג מיט וועמען צו שפּילן. ער איז אין באַגלייטונג פון דער מוטער געווען אָן אָפטער גאַסט אין די אַלערליי גערטנער, אָבער איז נאָך געווען צו יונג צו קאָנען געניסן פון דער גאַנצער שיינקייט פון דער נאַטור אין זיין געבורט־שטעטל.

זיין פאָטער, כואַן דע סאַן מאַרטין, דער „גובערנאַטאָר" פונעם שטעטל, האָט פאַר זיין אַרבעט אַלס שטייערן איינמאַנער און אַנדערע מלוכה־פליכטן באַקומען זייער אַ קליינע באַלוינונג און דאָס לעבן אין שטוב איז געווען אַ גאַנץ מיטלמעסיקע. דעריבער איז ער באַלד* אַוועק פון זשאַפּעזשו.

מיט דעם לויף פון די יאָרן זיינען פאָרגעקומען נייע געשעענישן אין לאַ פּלאַטאַ־געביט. ס'איז דורך דער שפּאַנישער קרוין איינגעפירט געוואָרן אין 1776 אַ נייער רעזשים, איינשטעלנדיק אַ וויצע־קעניגטום, און אין יאָר 1778, האָט דער שפּאַנישער קעניג געגעבן נייע רעכטן דעם פּאָרט פון בוענאָס איירעס און בכלל דעם גאַנצן האַנדל מיט דער ריאָ לאַ פּלאַטאַ קאָלאָניע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1781, ווען כאָסע איז אַלט געווען דריי יאָר, האָט דער גובער־נאַטאָר פון זשאַפּעזשו פאַרנומען זיין פאַמיליע און אַוועק קיין בוענאָס איירעס, וואָס איז געווען די הויפּטשטאָט פון נייעם וויצע־קעניגטום (ווירעינאַט). אין יענעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די אינדיאַנער, אָנגעפירט פון טופּאַק אמארו.

אין בוענאָס איירעס האָט דער קליינער כאָסע מיט זיינע עלטערן זיך געפונען אַ צייט פון פיר יאָר. דאָ האָט כאָסע סאַן מאַרטין אָנגעהויבן באַזוכן אַ שול און געלערנט שרייבן און לייענען, און ער האָט אויך באַקומען אָנפאַנג־לעקציעס וועגן רעליגיע. און ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר, האָט זיין פאָטער גענומען ווידעראַמאָל דעם באַגאַזש און זיין פאַמיליע און אַוועק צוריק קיין שפּאַניע.

דאָן כואַן, נישט קאָנענדיק זיך צופּאַסן צום ציווילן שטאַנד, איז אַוועק קיין שפּאַניע צו בלייבן ווייטער אין מיליטער־דינסט, און אויך דערציען די קינדער אין זעלבן גייסט. פאַרשטייט זיך, אַז גרעגאָריאַ, זיין פרוי, האָט אויך באַלד איינגעווילִיקט צוריקצופאָרן קיין שפּאַניע, איר געבורטלאַנד, און אָט אַזוי זיינען די פינף קריאָזשע קינדער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין שפּאַניע, און מיטן אויסנאַם פונעם אינגסטן, כאָסע, האָט קיינער פון זיי מער זיך נישט אומגע־קערט קיין אַרגענטינע. אָבער כאָסע סאַן מאַרטין, ווען אפילו ער איז געקומען

און געקעמפט אין ארגענטינע, האט ער מער נישט געזען זיין געבורט־שטעטל זשאפּעזשו.

צוריקגעקומען קיין שפּאניע האט כואן דע סאן מארטין באקומען אפּן באפעל פונעם קעניג א פלאץ אינעם מיליטערישן הויפטשטאב פון מאלאגא, מיט א לוין פון 300 רעאלן. דאס איז געווען זייער א קליינער לוין פאר א פאמיליע מיט עטלעכע קינדער. דעריבער ווען די צוויי עלטערע אינגלעך כואן פערמין און מאנועל טאדעא זיינען אביסל אונטערגעוואקסן, זיינען זיי אריין אין מיליטער־דינסט, אינעם רעגימענט פון סאריא, און דער דריטער, כוסטא רופינא, איז אריין אין דער גווארדיע פונעם קארפּוס פון דער אמעריקאנער קאמפּאניע, אין וועלכן עס האבן אויך געדינט אנדערע ארגענטינער. כאסע — וועלכער איז אלט געווען זיבן יאר באם קומען קיין שפּאניע, איז אריין אינעם סעמינאר פון אדעליקע אין מאדריד, אן אריסטאקראטישע שול. דארט האט ער געענדיקט די עלעמענטאר־שול, וואס ער האט אנגעהויבן אין בוענאס איירעס. ער האט געלערנט פיר יאר אין שול, אבער ער האט נישט ארויסגעוויזן קיין באזונדערס גרויסן אינטערעס צום לערנען. דער פאטער האט אים דערפאר ארויסגענומען פון שול און אים אריינגעשטעלט אין מיליטער־דינסט.

כאסע סאן מארטין איז אלט געווען קוים עלף יאר, ווען ער האט, זיך געפינענדיק אין הויז פון די עלטערן אין מאלאגא, געבעטן אויפגענומען צו ווערן אלס קאדעט אינעם רעגימענט פון מורסיא. ער האט אין זיין ביטע צום מארקיז דע זאיאס געשריבן אז ער וויל נאכטון דעם ביישפּיל פון זיין פאטער און זיינע ברידער און זיך ווידמען דער וואפן־קאריערע. זיין ביטע איז אנגענומען געווארן, און דעם 9טן יולי 1789 איז כאסע סאן מארטין אריין אין מיליטער־דינסט. פון יענעם טאג אן האט סאן מארטין זיך פארנומען מיט א קאריערע וואס האט אים דערהויבן, און וועלכע ער האט אוועקגעווארפן מיט יארן שפּעטער דורכן אינצידענט מיט באליוואר.

אין דינסט פון דער שפּאנישער קרוין

ווי געזאגט, איז כאסע סאן מארטין אריין אין מיליטער־דינסט אלס קאדעט אין דער מיליטער שול פון מורסיא אין 1789. ס'איז דעמאלסט געווען גאר א שטורמישע צייט אין אייראפּע, און עס האט זיך געהאלטן אין טרייסלען דער שפּאנישער טראן. ס'איז דעריבער אויסגעקומען סאן מארטינען מיטצומאכן א סך מלחמות אין דער נאענטער צייט, אזוי אין שפּאניע ווי אויסער איר. אינעם עלטער פון 13 יאר, אין 1791, איז ער געשיקט געווארן קיין אראן, אין אפריקע צו דערשטיקן אן אויפשטאנד פון די מארן. ס'איז דארט פארגעקומען א ביטערע שלאכט א צייט פון 37 שעה, און די שטאט איז אינגאנצן פארניכטעט געווארן.

דערנאָך האָט ער מיטגעמאַכט אַ צווייטע שלאַכט, דאָס מאָל אין פראַנקרייך, קעמפנדיק קעגן די פראַנצויזן אין מאַסדע, טרוילס און אַ גאַנצער רייע אַנדערע שטעט. אָבער אַמשאַרפסטן אין ראָסעלאָן. צולעצט זיינען די שפּאַניער געבליבן באַזיגט. אין 1795 באַקומט דער זיבעצן יאָריקער סאַן מאַרטין דעם גראַד פון אונטער־אָפיציר.

גאָר אינגיכן איז עס אויסגעקומען סאַן מאַרטינען מיטצומאַכן אַ שלאַכט אויפן ים. אָנהויב 1797 האָט דער לייטענאַנט סאַן מאַרטין מיט זיין באַטאַליאָן זיך פאַרשיפט אויפן שפּאַנישן מיטללענדישן פלאָט צו אַ קאַמף קעגן די ענגלענדער. איצט איז שפּאַניע געגאַנגען צוזאַמען מיט פראַנקרייך. דעם 14טן פעברואַר פון דערמאָנטן יאָר ווערט דער שפּאַנישער פלאָט געשלאָגן דורך די ענגלענדער בא סאַן ווינסענטע. די פראַגאַטן־שיף סאַנטאַ דאָראָטעאַ, אויף וועלכער סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען האָט זיך אונטערגעגעבן דער ענגלישער קריגס־שיף ליאָן.

עס קומט דערנאָך פאָר אַ שלאַכט אין פּאָרטוגאַל. סאַן מאַרטין איז מיט זיינער אַ קאַמפּאַניע פון מורסיאַ, אין יאָר 1801, אריבער דעם גרעניץ בא אַלגאַרוועז און העלפט באַלאַגערן אַליוועגסאַ, און די שטאָט האָט זיך באַלד אונטערגעגעבן אָן קאַמף. אַ צווייט מאָל האָט ער מיטגעמאַכט אַ שלאַכט אין פּאָרטוגאַל אין יאָר 1807 און ברענגט צום פאַלן פון יעלוועס.

שפּאַניע ווערט פאַרוויקלט אין אַ פּאָליטישן מאַנעוור פון פראַנקרייך און גייט מיט איר צוזאַמען. און פּאָרטוגאַל גייט מיט דער ענגלישער אימפּעריע. עס שפּילן זיך אָפּ די קאָמיש־טראַגישע סצענעס צווישן קעניג קאַרל און זיין זון פערנאַנדאָ, וואָס צעטרייסלט די מאַכט פון דער שפּאַנישער קרוין. דעם 19טן מערץ 1808 איז דער פרינץ פערנאַנדאָ פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס קעניג אונטערן נאָמען פערנאַנדאָ 7טער און ער פאַרבינדט זיך מיט נאַפּאָלעאָן. דער העררשער פון פראַנקרייך לאַדט איין קיין באַיאָנאַ דעם נייעם קעניג פערנאַנדאָ, זיין פאָטער קאַרל, זיין פרוי די קעניגן מאַריאַ לואיסאַ און איר געליבטן, גאָדאָי. און נאַפּאָלעאָן צווינגט פערנאַנדאָ צו אַבדיקירן צו גונסטן זיין פאָטער קאַרל. דערנאָך ווערט קאַרל געצוואונגען צו אַבדיקירן צו גונסטן פון נאַפּאָלעאָן. פאַר־שטייט זיך, אַז געפינענדיק זיך אין פראַנקרייך בא נאַפּאָלעאָנען אין די הענט האָבן ביידע עס געמוזט אויספירן. צולעצט איז פערנאַנדאָ אויפגעפאָדערט געוואָרן צו דימיטירן אויך פון זיין טיטל אַלס פּרינץ פון אַסטוריאַס, און ווען יענער האָט נישט געוואָלט, איז נאַפּאָלעאָן צו אים צוגעטראָטן און געזאָגט שאַרף: „פּרינץ, נישטאָ קיין ברירה, אָפּטרעטן אָדער טויט". פערנאַנדאָ האָט דאַן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָנגענומען דאָס ערשטע. דער לערער און דערציער פערנאַנדאָס, עסקאָיקיז האָט אונטערצייכנט אַ דאָקומענט לויט וועלכן „דער פּרינץ פון אַסטוריאַס שליסט זיך אָן צו דער שטעלונג פון זיין פאָטער מיטן אָפּטרעטן די רעכטן פון דער קרוין".

נאָך דער דאָזיקער סצענע וואָס איז פאָרגעקומען דעם 10טן מאַי 1806, זיינען קאַרל און גאָדאָי מיט זייערע פאַמיליעס אָפּגעפירט געוואָרן קיין קאָמ־פיעניע און פערנאַנדאָ מיט זיינע צוויי ברידער קיין וואַלענסיאַ. נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט ווידער, נאָכן באַקומען די מלוכה פון שפּאַניע דורך די אויסגע־פּרעסטע אַבדיקאַציעס, האָט אַבדיקירט פונעם רעכט אויף דער שפּאַנישער קרוין צו גונסטן זיין ברודער זשאָזעף באָנאַפּאַרט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פראַנצויזישע אינוואַזיע אין שפּאַניע, און דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד. דעם 3טן מאַי 1808, איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן די אויפשטאַנד־באַוועגונג און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה צווישן שפּאַנישן פאָלק און די פראַנצויזישע אינוואַזאָרן. דער גענעראַל סאָלאַנאָ, אונטער וועמענס האַנט סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען באַקומט אַ פאַראָרדענונג פונעם ראַט פון סעווילי צו זיין מיטן פאָלק אינעם קאַמף, פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. דאָס פאָלק אין קאַדיז פאָדערט בײַ גענעראַל סאָלאַנאָ צו אַטאַקירן די פראַנצויזישע קריגס־שיפן וואָס זיינען געשטאַנען אין פּאָרט פון קאַדיז, אָבער סאָלאַנאָ וויל עס נישט טון. דאָס פאָלק שטורעמט דאַן דעם פּאַלאַץ, סאַן מאַרטין פּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד בײַ דער טיר, ביכדיי צו פאַרטיידיקן דעם גענעראַל, אָבער אומזיסט. מיט קאַנאָנען ווערט די טיר אויפגעבראָכן; גענעראַל סאָלאַנאָ פּרוּווט אַנטלויפן, נאָר דאָס אויפגעברויזטע פאָלק כאַפּט דעם הויכן מיליטער־שעף און לינטשט אים. די דערמאָרדונג פון זיין שעף האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף סאַן מאַרטינען. ער האָט דאָס מאָל געזען וואָס עס מיינט פאָלקס־צאָרן.

דער קאַמף פאַר דער שפּאַנישער אומאָפּהענגיקייט איז פאָרגעזעצט געוואָרן און אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר. די לופט איז געווען פול מיט פּולווער. פון איין זייט נאַפּאָלעאָן און פון דער אַנדערער זייט דאָס שפּאַנישע פאָלק. די מוניצי־פּאַליטעטן האָבן איבערגענומען די מלוכה־פירונג און ס'זיינען געשאַפן געוואָרן ציווילע פאָלקס־ראַטן. קיינער האָט זיך נישט גערעכנט מיט קרבנות. די דאָזיקע געשעענישן האָבן געמאַכט אַ רושם אויף דער גאַנצער וועלט און דער נייער גייסט האָט זיך באַלד אַריבערגעטראָגן אויך אַהער צום לאַ פּלאַטאַ־געביט און געבראַכט צו דער רעוואָלוציע פון 25טן מאַי 1810 אין בוענאָס איירעס.

כאָטש סאַן מאַרטין איז געבליבן אין די מיליטערישע רייען פונעם וואָלונ־טירן רעגימענט פון קאַמפּאָ־מאַזשאָר. ער איז אין צייט פונעם פאָלקס־אויפ־שטאַנד אין שפּאַניע (1808) אַלט געווען דרייסיק יאָר. דער ראַט פון סעווילי האָט אים דערהויבן צום אַדיוטאַנט פון זיין רעגימענט און אים מיט זיין מיליטער צוגעטיילט צו דער אַרמיי פון אַנדאַלוסיאַ, אָנגעפירט איצט פון גענ. קאַסטאַניאָ. גאָר אין גיכן איז אויסגעקומען סאַן מאַרטינען צו האָבן אַ נייעם קאַמף מיטן פראַנצויזישן מיליטער, אָנגעפירט פון דופּאָן. בײַ אַ שלאַכט אין

אַרכאַנליא, אין וועלכער סאן מארטין האָט זיך באַטייליקט זיינען די פראַנצויזן צעקלאַפּט געוואָרן. פאַר זיין העלדישער אויפירונג איז סאן מארטין דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון קאַוואַלעריע קאַפּיטאַן און ער איז אין אַ טאָג־באַפעל געלויבט געוואָרן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז ער איז עפנטלעך געלויבט געוואָרן.

די מלחמה איז פאַרגעזעצט געוואָרן. דעם 18טן יולי 1808 איז דאָס פראַנצויזישע מיליטער צעקלאַפּט געוואָרן אין באַילען און סאַן מאַרטין האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג, אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיין העלדישער אויפ־פירונג אין דער שלאַכט קעגן נאַפּאָלעאָנס מיליטער.

ווי עס פירט זיך געוויינלעך אין מלחמה, גייט עס נישט שטענדיק מזלדיק. אין אַ שלאַכט באַ טודעלאַ ווערן צעקלאַפּט די שפּאַניער און אין אַלבוערא (אין 1811) האָבן ווידעראַמאָל די שפּאַניער באַם אָנטייל פון סאַן מאַרטין געזיגט. אין יענער שלאַכט איז סאַן מאַרטין פאַרוואונדעט געוואָרן.

סאַן מאַרטין איז נאָך דער שלאַכט פון באַילען דערהויבן געוואָרן צום גראַד פון לייטענאַנט קאָראָנעל פון קאַוואַלעריע און באַלד דערנאָך באַשטימט געוואָרן אַלס אַדיוטאַנט פונעם גענעראַל קופּיני. אין יוני 1811 איז ער דער־הויבן געוואָרן צום קאָמאַנדאַנט פונעם דראַגאָנער רעגימענט פון סאַגונטאָ. דער רעגימענט האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער היסטאָריש־באַרימטער שטאָט סאַגונטאָ, וואָס האָט געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד די פראַנצויזן איבער אַ חודש צייט.

סאַן מאַרטין באַקענט זיך מיט דער באַפרייונגס־באַוועגונג

ווי עס איז געווען צו זען פון פריערדיקן קאַפּיטל האָט סאַן מאַרטין זיך געווידמעט פולשטענדיק דעם מיליטערדינסט אין שפּאַניע, דינענדיק דעם קעניג קאַרל 4טן און שפּעטער די פּאָלקס - באַוועגונג קעגן די פראַנצויזן, קעמפנ־דיק קעגן דער פראַנצויזישער אינוואַזיע. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַרויסרייסן פון גאַרניזאָן און באַזוכן זיינע עלטערן אין מאַלאַגאַ. ער פלעגט אויך קומען אין דער פריילעכער שטאָט סעווילִיאַ, מייסטנס וועגן מיליטערישע ענינים. זיין ליבלינגס־פּלאַץ אָבער איז געווען קאַדיז, די גרויסע פּאָרט־שטאָט און וועלט־שטאָט. דאָ האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער פרוי פּעפּאַ לאַ גאַדיטאַנאַ, וועלכע האָט פאַרערט דעם יונגן מיליטערמאַן און אים דערמאָנט מיט ליבע אפילו דאַן ווען סאַן מאַרטין איז געווען שוין אין פּערו מיט זיין באַפרייונגס־אַרמיי. אין קאַדיז האָט סאַן מאַרטין געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם יונגן אַלעבאַנדראָ אַגואַדאָ, פון יידישן אָפּשטאַם, וועלכער איז מיט דער צייט אויס־געוואַקסן צו אַ גרויסן באַנקיר און אַ סך געהאָלפן סאַן מאַרטינען אין די יאָרן

פון זיין גלות־לעבן אין פראנקרייך. ער האט זיך באקאנט דארט מיטן גענעראל אָרדאָניעז, מיט וועמען ער האט שפעטער זיך צוזאמענגעטראָפן אלס מיליטער־רישן קעגנער אין טשילע און אים געפאנגען אין מאיפו. אין 1802 איז געקומען קיין קאדיז דער יונגער ווענעזועלער סימאָן באָליוואר, מאכנדיק דעמאָלסט א רייזע איבער אייראָפּע אין באגלייטונג פון זיין לערער ראָדריגעז. סאן מארטין איז אויך געווען אין יענער צייט דאָרט, אָבער האָט נישט געהאט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיטן אנדערן צוקונפטיקן באפרייער. געטראָפן האָבן זיי זיך ערשט צוויי יאָרצענדליק שפעטער אין גוואיאקיל, בשעת דער באפרייונגס־אקציע. דארט אין דער רוישיקער פּאָרט־שטאָט קאדיז האָט סאן מארטין מיט קרבנותפולער מי געהאָלפן אין יאָר 1803, באקעמפן די עפּידעמיע און דאָרט האָט ער אויך איבערגעלעבט דעם טראגישן מאָמענט צוקוקנדיק ווי די אויפגערייצטע פאָלקס־מאסע דערהארגעט זיין מיליטער־שעף גענעראל סאָלאנאָ, ווייל ער האָט אזוי גיך נישט אונטערגענומען קיין אקציע קעגן פראנצויזישן פלאָט, וואָס איז געשטאנען געאנקערט אין יענעם פּאָרט. דאָ אין קאדיז האָט דער צוקונפטיקער באפרייער זיך געטראָפן אָפט מיט געקומענע פון אמעריקע, און באזונדערס פון זיין געבורטסלאנד.

אין דער צייט ווען סאן מארטין איז געווען אין שפאניע, זיינען געקומען א סך אמעריקאנער קינדער, געבראכטע פון אלערליי לענדער, פונקט ווי ער, דורך זייערע עלטערן, און די דאָזיקע אמעריקאנער זיינען אריין אין די שולן אָדער אין מיליטער־דינסט. צווישן אָט די אמעריקאנער האָט זיך געפונען א גענינאלער יונגערמאן פון ווענעזועלא פ ר א נ צ י ס ק אָ מ י ר א נ ד א, א געבוירענער אין קאראקאָס. מיראנדא האָט זיך באטייליקט אין דער פראנצויזישער רעוואָלוציע און האָט שפעטער געגרינדעט אין לאָנדאָן א צענטער פאַר דער צוגרייטונג פון א באפרייונגס־אקציע אין די אמעריקאנער לענדער. יענער צענטער איז גערופן געוואָרן „גרויסער אמעריקאנער צוזאמענטערף״ און אהין זיינען געקומען סימאָן באָליוואר, אנדרעס בעליא און א גאנצע רייע פערזענלעכקייטן פון אמעריקאנער אָפּשטאם וואָס האָבן געהאט דעם אינטערעס צו באטייליקן זיך אין דער באפרייונג פון די אמעריקאנער לענדער. מיראנדא האָט אין 1798 פון לאָנדאָן געשריבן צום בארימטן נאָרדאמעריקאנער פּאָליטיקער אלעקסאנדער האמילטאָן: „די השגחה זאָל העלפן אז נאָרדאמעריקע זאָל טון פאַר אונדזערע ברידערלעכע פעלקער אין 1798 דאָס, וואָס דער קעניג פון פראנקרייך האָט געטון פאר די פאראייניקטע שטאטן אין 1778. מיר וועלן געניסן א סך פון אייערע גוטע לעקציעס״. און האמילטאָן האָט געענטפערט מיט א ברכה.

די נאָרדאמעריקאנער האָבן גאָרנישט געטון פאַר דער באפרייונג פון די זיד־אמעריקאנער לענדער, אָבער די השגחה האָט יאָ געטון, און ווידעראמאָל דורך פראנקרייך. די פראנצויזישע אינוואזיע אין שפאניע דורך נאפּאָלעאָנס אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק האָט געטריבן צו דער פארשנעלערונג פון דער בא־

פרייונגס־אַקציע אין די אַמעריקאַנער לענדער, אָנהויבנדיק פון מעקסיקע אין נאָרד און ענדיקנדיק אין אַרגענטינע אינעם עקסטרעמען זיד.

מיראַנדאַס טעטיקייט האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און עס האָבן זיך באַלד געשאַפן ענלעכע אָרגאַניזאַציעס, פּאַטריאָטישע פּאַריינען, לאָזשעס און קלובן אין פּאַריז, קאַדיז, פילאַדעלפיאַ, ניויאָרק, בוענאָס־איירעס, קאַראַקאַס און אַנדערע וויכטיקע שטעט. די האַנדלס־שיפן וואָס האָבן פּאַרקערט צווישן די אַמעריקאַנער ברעגן און שפּאַניע האָבן געפירט הין און צוריק שליחים. עס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די געהיימע צוזאַמענטרעפן די פּאַטריאָטישע עלעמענטן פון די שפּאַנישע קאָלאָניעס, און זיי האָבן געהאַט צו הילף די יעזואַיטישע גייסטלעכע וואָס זיינען געהאַט פאַרטריבן געוואָרן פון מיסיאָנעס און אויך די הילף פון פראַנצויזישע און נאָרדאַמעריקאַנער אַגענטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן בונטעווען די פעלקער פון די אַמעריקאַנער לענדער.

דער לייטענאַנט קאָראָנעל כאָסע דע סאַן מאַרטין (פון קאַוואַלעריע), דער קאַראַבינען אַלפאַרעז קאַרלאָס דע אַלוועאַר און דער שיפס־קאַפּיטאַן אַלפאַרעז מאַטיאַס סאַפּיאָלאַ, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרגענטינער און פון אַנדערע לענדער פון אַמעריקע האָבן אויך אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַזאַ לאָזשע אין קאַדיז און דערנאָך זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די „אַמעריקאַנער פאַרזאַמלונגען" אין לאָנדאָן. דאָרט האָט סאַן מאַרטין זיך שפּעטער געטראָפן מיטן אַרגענטינער פּאַטריאָט מאַנועל מאָרענאָ.

שפּאַניע האָט אָנגעהויבן ווערן אַ פּוסטקייט פאַר סאַן מאַרטינען, כאָטשע ער האָט געהאַלטן אין שטייגן אין זיין קאַריערע. זיין פאָטער כואַן סאַן מאַרטין איז געשטאָרבן אין יאָר 1803, און זיין מוטער גרעגאָריאַ איז געבליבן אין טיפן עלנט. שפּאַניע איז ביסלעכוויז פאַרשלונגען געוואָרן פון די פראַנצויזן. נאַפּאָלעאָנס גענעראַלן האָבן איינגעטפּול פאַרנומען איין פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער. דער פראַנצויזישער גענעראַל סאָלט מיט 80.000 מאַן האָט פאַרנומען גראַנאַדאַ, קאָרדאָבאַ, סעווילאַ און מאַלאַגאַ, און פאַרנומען גאַנץ אַנדאַלוסיאַ אין צוויי חדשים צייט (מערץ 1810) און דער גענעראַל סושע האָט מיטן פאַלן פון טאַראַגאָנאַ פאַרענדיקט די דעראָבערונג פון קאַטאַלוניאַ. פון גאַנץ שפּאַניע איז געבליבן בלויז קאַדיז וואָס האָט מיט דער הילף פון די ענגלענדער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. קאַדיז און דער פישער אינדזל לעאָן זיינען געבליבן די איינציקע פון גאַנץ שפּאַניע. באַ אַזאַ צושטאַנד איז עס געווען די בעסטע געלעגנהייט צו מאַכן אַ סוף צו די רעכטן פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין די קאָלאָניעס. אַזוי האָבן עס פאַרשטאַנען די פּאַטריאָטן פון אַלע אַמעריקאַנער לענדער און האָבן טאַקע אויסגענוצט דעמדאָזיקן מאָמענט. אינעם לאַ פּלאַטאַ געביט האָט דער פּאַריין פון „זיבן" אַקטיוו געאַרבעט פאַר דער באַפרייונג און עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם די רעוואָלוציע פון 25טן מאַי 1810, באַזייטיקנדיק דעם וויצע קעניג סיסנעראָס.

II

סאַן מאַרטין קערט זיך אום קיין אַרגענטינע

אין דער דאָזיקער שטורמישער צייט פונעם גרויסן קאַמף אין שפּאַניע קעגן די פראַנצויזן און אין דער צייט פון די רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן אין די אַמעריקאַנער לענדער האָט די גרופּע אַרגענטינער, דער שיפס־אָפיציר מאַטיאַס כאַפּיאַלאַ מיט זיין גרופּע לאַנדסלייט כאָסע דע סאַן מאַרטין, קאַרלאָס דע אַלוועאַר, כאָסע מאָלדעס, פראַנציסקאָ דע גורוטשאַגאַ און אַנדערע קריאָזשאָס זיך אָרגאַניזירט אין אַ קרייז פון „ראַציאָנעלע קאַוואַלירן” און זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די „אַמעריקאַנער פאַרזאַמלונגען” אין לאָנדאָן און מיט די פּאַטריאָטישע לאָזשעס און קרייזן אין בוענאָס איירעס, אין וועלכע עס האָבן אַקטואירט פּועירעדאָן, לעסיקאַ, ראָדריגעז פּעניא און אַנדערע.

צו יענער צייט האָט סאַן מאַרטין זיך באַקענט אין שפּאַניע מיט אַ סקאָטלענדישן אַדלמאַן מיטן נאָמען לאָרד מעקדוף, וועלכער איז געקומען פון ווין צו שטעלן זיך אין שפּאַניע אַלס פרייוויליקער קעמפער קעגן די פראַנצויזן. צווישן דעם דאָזיקן לאָרד, וואָס איז אויך גערופן געוואָרן לאָרד פּייף, און סאַן מאַרטין האָט זיך געשאַפן אַ פעסטע פריינטשאַפט, און ווען סאַן מאַרטין האָט דערקלערט זיין נייעם פריינט אַז ער מיט נאָך חברים וואָלטן וועלן זיך אומקערן קיין אַרגענטינע, צו דינען זייער געבורטסלאַנד אין דער באַפרייונג־אַקציע, האָט לאָרד מעקדוף זיך דערקלערט גרייט צו געפינען פאַר זיי אַ שיף. עס האָט אויך לאַנג נישט געדויערט און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן. דער סקאָטלענדער האָט געהאַט באַציונגען מיט סער טשאַרל סטואַרט, דיפּלאָמאַטישער אַגענט פון ענגלאַנד אין שפּאַניע, און האָט בא אים גענומען אַ פאַלשן פּאַספּאָרט פאַר סאַן מאַרטינען. אף אַזאַ אופן האָט דער שפּאַנישער קאָראָנעל פונעם סאַגונטאַ רעגימענט, סאַן מאַרטין, פאַרביטן זיין אוניפאָרם אף אַ פּשוטן מלבוש פון אַן ענגלישן פּויער און זיך אַריבערגעשיפט קיין לאָנדאָן סוף 1811. דאָ אין לאָנדאָן האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַלוועאַר, סאַפּיאָלאַ — זיינע חברים פון דער לאָזשע פון קאַדיז — און אויך מיטן קאַוואַלעריע קאַפּיטאַן פראַנציסקאָ דע וועראַ, מיליץ קאַפּיטאַן פראַנציסקאָ שילאַבער, אינפאַנטעריע אונטער אָפיציר אַנטאָניאָ אַדעליאַנאַ. סאַן מאַרטין האָט זיך אין לאָנדאָן אויך שוין געטראָפן מיט מאַנועל מאָרענאָ, אַ ברודער פון מאַריאַנאָ מאָרענאָ, דער

סעקרעטאַר פון דעם ערשטן רעגירונגס־ראַט אין בוענאָס־איירעס, וואָס איז געפאָרן אין דיפּלאָמאַטישער שליחות קיין ענגלאַנד און געשטאָרבן אויף דער שיף. מאַנועל מאָרענאָ און מיט אים טאָמאַס גידאָ האָבן איבערגעגעבן סאַן מאַרטינען וועגן דער פאַרגעקומענער מאַי רעוואָלוציע און די געשעענישן נאָך דער רעוואָלוציע. סאַן מאַרטין האָט אין דער צייט פון זיין אויפהאַלט אין לאָנדאָן, זיך גרייטנדיק צו דער רייזע אָפט באַזוכט דאָס הויז אין וועלכן מיראַנדאַ האָט אָנגעפירט די „אַמעריקאַנער פאַרזאַמלונגען". מיראַנדאַ איז געהאַט נאָר וואָס אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט סימאָן באָליוואַר אונטערצונעמען די באַפרייונג פון ווענעזועלאַ. דאָ אינעם וואַרשטאַט פון רעוואָלוציאָנערע פּלענער האָט זיך געפונען אויך דער טשילענער יונגער פּאַטריאָט אָ׳היגינס און פּאַטריאָטישע לידערס פון מעקסיקע, קובאַ, קאָלאָמביע און אַנדערע לענדער.

אין יאַנואַר 1812, האָט די גרופּע אַרגענטינער זיך פאַרשיפט אויף „זשאָרזש קאַנינג", זיך לאָזנדיק אַפן וועג קיין בוענאָס איירעס. דאָ האָבן זיך געפונען סאַן מאַרטין, אַלוועאַר מיט זיין 19 יעריקער פרוי, סאַפּיאָלאַ, שילאַבערט, באַראָן פאָן האָלעמבערג, אַ געבוירענער אין בייערן וואָס האָט געקעמפט אין שפּאַניע קעגן די פראַנצויזן און געפאָרן קיין אַרגענטינע קעמפן פאַר איר פרייהייט, אַרעליאַנאָ און ווערא. דעם 25טן פעברואַר, ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער שיף, איז סאַן מאַרטין אַלט געוואָרן 34 יאָר, און דער באַווייבטער אַלוועאַר איז אַלט געווען 23 יאָר.

די רייזע איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם. די שיף האָט זיך געשלעפּט איבערן אַטלאַנטיק פופציק טעג, און סאַן מאַרטין האָט געהאַט גענוג צייט צו וואַרפן אַן איבערבליק איבער זיין דורכגעמאַכטן לעבן און וועגן גורל פון זיין פאַמיליע, זיין אַלטע מוטער, שוועסטער און ברידער, וואָס ווער ווייסט צי ער וועט נאָך עמיצן זען. (זיין מוטער איז געשטאָרבן אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר 1813 אין אָרענסע, און זיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מלוכה־באַאַמטן אין שפּאַניע, ראַפאַעל מענטשאַקאַ. זיינע ברידער כואַן פערמין, מאַנועל טאָדעאָ און כוסטאָ רופינאָ זיינען געבליבן מיליטאַרן אין שפּאַניע). די זעגלשיף זשאָרזש קאַנינג האָט געגעבן זייער ווייניק באַקוועמלעכקייטן אירע פּאַסאַזשירן און די קאַמאַראָטן זיינען געווען מיט זייער גערוך פון סמאָלע און געפּייגערטע שטשורעם גאָרנישט צוגעפּאַסט אַלס שלאָפצימערן. דאָס עסן איז אויך נישט געווען פון קאַטעגאָריע. מען האָט וואָכנלאַנג, נאָך דעם ווי עס האָט זיך געענדיקט דאָס פרישע פלייש און אַנדערע פרישע לעבנסמיטלען, זיך געמוזט באַגנוגענען מיט זופּ פון האַרטע אַרבעס, גערויכערט חזיר־פלייש און געטריקנטע פיש. באַנאַכט איז געווען קאַלט און עס האָט געפעלט באַהייצונג. די דעק פון שיף איז געווען פעט און גליטשיק. אָבער נישט געקוקט דערויף קאָן מען נישט זאָגן, אַז עס האָט געהערשט אַ מרה־שחורה (מאָרעשכוירע), צווישן דער גרופּע פּאַסאַזשירן. זיי זיינען געווען יונגע מענטשן פול מיט ענטוזיאַזם פאַר דער צו־

קונפט. א באזונדערן חן האט צוגעטראָגן צו דער אונטערהאלטונג די יונגע פרוי אַלוועאַר, וואָס כאָטשע זי איז געווען אַ שפאניערן איז זי איבערגעגאנגען מיט ברען פאר דער באפרייונגס־זאך פון אמעריקע.

אין די זיבן וואָכן רייזע האָט מען ארומגערעדט אַלערליי פּלענער, דער־מאָנט פארשידענע זכרונות פון דורכגעמאכטן לעבן אין שפאניע. עס האָט אויך נישט געפעלט קיין הומאָר. האַלמבערג האָט דערציילט אָפּט דייטשע אנעקדאָטן און אַלוועאַר האָט אויך געהאט צו דערציילן פּיקאנטע און אינטערעסאנטע זאכן. מען האָט גערעדט ווי פּאָליטיקער, ווי שטאַטסמענער און פארבראכט אויך שעהן ווי פשוטע לעבעדיקע מענטשן, און ענדלעך איז די „זשאָרזש קאנינג" נאָך אָנ־דערהאַלבן חדשים גליטשן זיך אַפן ים, דעם 9טן מערץ 1812 אריינגעקומען אין די אויסערלעכע וואסערן פון בוענאָס איירעס.

פון וויטן האָט מען געזען דעם ברעג, דערנאָך שפּיצן פון קירכעס, צווישן זיי די פון דער קאַטעדראַל, וואו די מוטער פון סאַן מארטין האָט חתונה געהאט דורך פּולמאכט. איצט קומט איר אינגסטער זון כאָטשע פראנציסקאָ צוריק קיין בוענאָס איירעס נאָך אַן אָפּוועזנקייט פון 27 יאָר.

דעם 14טן מערץ 1812 איז אין דער „גאַסעטאַ מיניסטעריאַל" פארעפנט־לעכט געוואָרן אַ קורצע מעלדונג וועגן קומען פון די זיבן יונגעלייט וואָס קומען אָנבאָטן זייערע וואָפן דעם פּאַטערלאַנד. די דאָזיקע ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן אביסל מיט פארדאכט, ווייל ווער ווייסט צי איז עס נישט אַ גרופּע שפּיאָנען, אָדער סתם אַגענטן פון שפּאניע? אַלוועאַר אָבער, וואָס האָט געהאט דאָ איינפלוסרייכע קרובים, צווישן זיי דעם בכבודיקן כערוואַסיאָ אַנטאָניאָ דע פּאָסאַדאַס, האָט געבראכט צו אַן ענדערונג אין דער מיינונג וועגן די געקומענע. סאַן מארטין און אַלוועאַר האָבן אויך באַלד איבערצייגט וועגן זייער ערנסטן ווילן צו קעמפן פאר דער זיכערונג פון דער רעוואָלוציע.

עס ווערט אָרגאַניזירט דער גראַנאַדירער סקוואַדראָן

ווען סאַן מארטין מיט זיינע חברים זיינען געקומען אין 1812 קיין בוענאָס איירעס האָט געהערשט די ערשטע טריומווירעט רעגירונג, אין באַשטאַנד פון פּועירעדאָן, ריוואַדאַוויאַ און טשיקלאַנאַ. דאָס איז נאָך די ערשטע צוויי רעגי־רונגס־ראַטן געווען די דריטע רעגירונג אין לויף פון צוויי יאָר אין די „פאַריייניק־טע פּראָווינצן".

דעם 10טן מערץ 1812 זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער וואוינונג פון קאַרלאָס מאַריאַ דע אַלוועאַר די פינף ארגענטינער וואָס זיינען געקומען מיט דער שיף „זשאָרזש קאנינג", און לויט אַ פּלאַן וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט אויף דער שיף האָבן זיי געדאַרפט אין זעלבן טאָג זיין אין דער פעסטונג, וואו

ס'איז געווען דאָס רעגירונגס־הויז און רעזידענץ פון באַזייטיקטן וויצע־קעניג. דער דאָזיקער באַזוך איז פאַר סאַן מאַרטינען געווען פון גרויס וויכטיקייט. עס האָט זיך געהאַנדלט בּאַ אים אין אַ לעבנס־פראַגע און שאַפן זיך אַ פּאָזיציע.

אַלוועאַר איז געקומען אַהער ווי אין אַ באַקאַנטער היים. ער איז געווען פון אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם, איז געווען פאַרמעגלעך און געהאַט רייכע און אָנגעזעענע קרובים. אָבער סאַן מאַרטין? אַ געבוירענער ערגעץ דאָרט אין זשאַפּעזשו, מיסיאָנעס, אַ זון פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן שפּאַנישן מיליטערמאַן, אָן פאַמיליע, אָן פאַרמעגן און אָן פּרעסטיזש. און אויסערדעם איז געבליבן די פראַגע:

דריי מאָמענטן אין לעבן פון סאַן מאַרטין

פאַרוואָס עפּעס האָט דער יונגער מיליטאַר מיט אַזאַ גלענצנדער קאַריערע פאַרלאָזט שפּאַניע? סאַיז שווער געווען צו גלויבן, אַז ער זאָל האָבן געקומען מיטן ערלעכן אינטערעס צו קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון זיין געבורטסלאַנד. דעריבער איז עס פאַר סאַן מאַרטינען געווען פון גרויס אינטערעס צו שטעלן זיך תיכף פאַר דער רעגירונג און אָנבאָטן זיין אָרעם און זיין מיליטערישע וויסן פאַר זיין געבורטסלאַנד.

די געסט זיינען גאַנץ וואַרעם אויפגענומען געוואָרן אין דער פעסטונג. בשעתן באַזוך האָבן די מלוכה־מענער זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער לאַגע אין אייראָפּע, און נאָך אַ געהעריקן דורכשמועס האָט סאַן מאַרטין צוגעשטעלט זיין מיליטעריש צייגעניש וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגענומען אין יאָר 1808, ווען ער איז איבערגעגאַנגען פונעם רעגימענט פון מורסיאַ קיין קאַמפּאָ מאַזשאָר. דאָס צייגניש איז אויסגעשטעלט געווען פונעם טעניענטע קאָראָנעל כואַן מאַיאַ און דאָרט האָט זיך געזאָגט: „דער ערשטער אַדיוטאַנט כאָסע דע סאַן מאַרטין אי מאַטאָראַס, אין עלטער פון 27 יאָר, זיין לאַנד בוענאָס אײרעס אין אַמע־

ריקע, זיין קוואַליטעט גלענצנדיק, אַ זון פון אַ קאַפּיטאַן, געזונט־צושטאַנד גוט, האָט קיינמאָל נישט געבעטן קיין אורלויב". דערצו האָט דער באַטאַליאָן קאָמאַנדאַנט, קאָראָנעל ראַפּאַעל מענאַטשאָ פון זעלבן רעגימענט אין מורסיאַ צוגעגעבן די באַמערקונג: „מוטיק, קאַפּאַציטעט און גוטע אויפפירונג".

דאָס איז פּונקט אַ שעה וואָס דאָס לאַנד האָט געדאַרפט.

אַלס מיליטער־שעף פון קאַוואַלעריע איז ער אויך געווען דער פּאַסיקסטער צו שאַפן דאָ אַ רייטער רעגימענט.

דער טריומווויראַט האָט געבעטן סאַן מאַרטינען איבערצורייזן מיט די שעפן פונעם הויפּט־שטאַב, די קאָראָנעלן פראַנציסקאָ כאַוויער דע וויאַנאַ און באַלקאַרסע. פיר טעג שפּעטער, דעם 16טן מערץ, האָט דער הויפּטשטאַב צוגעשטעלט אַ נאָטע דעם טריומווויראַט אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט, אַז לויט די קוואַליטעטן פונעם לייטענאַנט קאָראָנעל סאַן מאַרטין איז געוואונטשן אים צו געבן די געלעגנהייט צו דינען דעם פּאָטערלאַנד, און נאָכמיטיק פון זעלבן טאָג האָט דער טריומווויראַט אונטערצייכנט אַ דעקרעט, דורך וועלכן עס ווערט אַריינגענומען אין עפעקטיוון דינסט כאָסע דע סאַן מאַרטין אַלס לייטענאַנט קאָראָנעל און קאָמאַנדאַנט פונעם סקוואַדראָן גראַנאַדירן אויף פערד, וואָס וועט אָרגאַניזירט ווערן.

דר. אַלוואַרעז כאָנטע איז געקומען אייליק צו לויפן צו סאַן מאַרטינען מיט דער ידיעה און אים געוואונטשן „אין אַ גוטער שעה, אין אַ גוטער שעה, פריינט". באַלד זיינען געקומען אַלוועאַר, גרעגאָריאָ גאָמעז, שילאַבערט און ווערא אים צו באַגריסן. צולעצט איז געקומען דער רעגירונגס סעקרעטאַר ניקאָלאָס דע העררעראָ און געבראַכט אים דעם דאָקומענט וועגן זיין נייעם פּאָסטן. סאַן מאַרטין האָט זיך געפילט גליקלעך פון דעם געשעעניש.

באַם אָרגאַניזירן די רייטער גראַנאַדירן האָט סאַן מאַרטין באַשטימט קאָרלאָס אַלוועאַר אַלס סערזשאַנט מאַיאָר און כאָסע מאַטיאַס סאַפּיאָלאַ אַלס קאַפּיטאַן פון נייעם רעגימענט. סאַן מאַרטין אַלס שעף האָט זיך גענומען באַלד צו דער אַרבעט אויף צו געבן לעבן זיין סקוואַדראָן. ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר די עקזיצירונגען, האָט געצייכנט די אוניפאָרמס און געלאָזט אַריינציען יונגעלייט צום דינסט אין זיין רעגימענט.

אַלס בעסטן פּלאַץ אַפּן מאָמענט האָט סאַן מאַרטין באַטראַכט אַ געגנט אין רעטיראָ, וואו סאַיז היינט די פּלאַסאַ סאַן מאַרטין. דאָרט זיינען אָנגעגאַנגען די מיליטערישע איבונגען, אָנהויבנדיק מיט אַ קליינער צאָל יונגעלייט, און די צאָל איז ביסלעכווייז געוואַקסן. די דאָזיקע גראַנאַדירער האָבן אָפּגעהאַלטן שפּעטער מערערע זיגן און אַ טייל פון זייערע אָפיצירן און שעפן — צווישן זיי גענעראַל לאַוואַזשע — האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרייונג פון אַרגענטינע, טשילע און פּערו.

די חתונה פון כאָסע דע סאַן מאַרטין

טראָץ דער אָנגעשטרענגטער ארבעט אין קוואַרטיר פון זיינע רייטער־גראַנאַדירן, האָט סאַן מאַרטין פון צייט צו צייט אָפּגעריסן פאַר זיך אַ פרייעם מאָמענט צו פאַרברענגען אין געזעלשאַפט. ס'זיינען אין בוענאָס איירעס געווען אייניקע געזעלשאַפטלעכע פאַרוויילונגס־פלעצער אין אַריסטאָקראַטישע הייזער. איינער פון די זאַמל־פלעצער איז געווען דאָס הויז פון מאַריאַ טאָמפּסאָן, אָדער בעסער באַקאַנט אַלס מאַריקיטאַ. אהער פלעגן זיך צוזאַמענקומען פערזענלעכקייטן פון דער העכערער געזעלשאַפט, צווישן זיי ריוואַדאַוויאַ, בעלגראַנאָ און אַנדערע אַקטואירנדיקע מלוכה־מענער. מען האָט דאָ אַרומגערעדט פאַרשידענע ענינים, געטרונקען מאַטע און געזונגען לידער און געטאַנצט. אין דאָזיקן הויז איז געבוירן דער אַרגענטינער נאַציאָנאַלער הימען, געשאַפן פון לאָפּעז אי פּלאַנעס. בלאַס פּערעיראַ, מאַריקיטאַס מוזיק לערער האָט אויסגעאַרבעט די מוזיק צו די ווערטער וואָס פּלאַנעס האָט געשאַפן, און אין איינעם אַ מאַטינע־צוזאַמענקום איז געמאַכט געוואָרן די פּראָבע פון דער מוזיק און דער עולם האָט געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן און באַגריסט מיט באַגייסטערונג דעם מוזיק־מייסטער. שפּעטער זיינען די ווערטער און מוזיק פון דאָזיקן ליד אָנגענומען געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער הימען.

אַ צווייטער גרויסער זאַמל־פּלאַץ איז געווען אין הויז פון אַנטאָניאָ כאָסע דע עסקאַלאַדאַ, אַן אָנגעזעענער סוחר אין בוענאָס איירעס. דאָס הויז האָט זיך געפונען נעבן דער קאַטעדראַל. עסקאַלאַדע איז געווען איינער פון די אַקטיווע וואָרטנעמער אין דער קאַבילדאָ אַביערטאָ (פאָלקס־פאַרזאַמלונג) בשעת דער מאַי רעוואָלוציע פון 1810, און זיין הויז איז געווען שטענדיק אַ צוזאַמענטרעף־פּלאַץ קודם פון אָנגעזעענע שפּאַניער און שפּעטער, אין צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון די פּאַטריאָטן.

אַ דריטער זאַמל־פּלאַץ און ענלעכער איז שפּעטער געווען אין הויז פון ריגלאָס.

עסקאַלאַדאַ האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט דער עלעגאַנטער און שיינער דאָניאַ טאָמאַסאָ דע לאַ קינטאַנאַ, וואָס האָט אים געבוירן צוויי טעכטער, געראָטן אין שיינקייט אין דער מוטער. איינע פון זיי איז געווען מאַריאַ דע לאָס ניעוועס און די אַנדערע מאַריאַ דע לאָס רעמעדיאָס. די ערשטע האָט חתונה געהאַט מיט אָראָמי און די אינגערע, וואָס איז אַלט געווען קוים 15 יאָר, האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן קאָראָנעל פון די גראַנאַדירער כאָסע דע סאַן מאַרטין. נישט איינמאָל האָט מען זי געזען אַרויסקומען צו רעטיראָ, באַגלייט פון פרוי אַלוועאַר צוצוקוקן זיך צו די איבונגען פון די רייטער סאָלדאַטן, אָבער געמיינט האָט זי, פאַרשטייט זיך, צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם קאָמאַנדאַנט. זי איז פאַרליבט געווען אין סאַן מאַרטינען פון ערשטן מאָמענט פון זייער באַגעגעניש, נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשיד אין די יאָרן.

פרוי עסקאלאדא האָט אויך געבוירן א זון, מאַנועל, וועלכער האָט באַגלייט שפּעטער סאַן מאַרטינען איבער די אַנדן און זיך מיטבּיטייליקט אין באַפרייונגס קאַמף אין טשילע.

אין הויז פון עסקאַלאַדאַ פלעגן קומען ריוואַדאַוויאַ און אַנדערע מלוכה־מענער. עס פלעגט אַריינקומען אַלוועאַר, סעגוראָלאַ, הויכע גייסטלעכע און מי־ליטער־שעפן. מען פלעגט אַרומריידן די היימישע פּאָליטיק און די אייראָ־פּעישע, די קירכן ענינים, מיליץ פראַגן און געשעפטלעכע. און דערביי האָט אויך נישט פאַרפעלט אַ טאַנץ. צווישן די געסט האָבן זיך געפונען אַראַמי און סאַן מאַרטין, און דער ערשטער האָט פּאַר זיך דערוואָרבן די ליבע פון דער עלטערער און סאַן מאַרטין פון דער אינגערער טאָכטער. מען האָט געשפּילט גיטאַרע און געטאַנצט און דערביי געפלירטעוועט, און אַט אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז נאָכן אָפּזיין קוים אַ פּאָר חדשים אין בוענאָס איירעס, האָט סאַן מאַרטין זיך געגרייט חתונה צו האָבן מיט דער חנעוודיקער יונגער מאַריאַ דע רעמעדיאָס אי עסקאַלאַדאַ.

אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1812 האָט סאַן מאַרטין געבעטן דעם טריומווירעט צו געבן אים די דערלויבעניש חתונה צו האָבן און דעם 27טן פון זעלבן חודש האָט די רעגירונג אונטערצייכנט פאָלגנדן באַשלוס: „סווערט גע־געבן אורלויב דורך דער העכסטער רעגירונג דעם לייטענאַנט קאַראָנעל און קאָמאַנדאַנט פונעם סקוואַדראָן רייטער גראַנאַדירן, ביכדיי ער זאָל קענען חתונה האָבן מיט דאָניאַ מאַריאַ דע רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, אַ לעגאַלע טאָכטער פון באָסע אַנטאָניאָ עסקאַלאַדאַ און פרוי טאָמאַסאָ דע לאַ קינטאַנאַ, שכנים פון דער דאָזיקער הויפּטשטאָט. אַ קאָפּיע פון דעם זאָל איבערגיין צום הויפּט־שטאַב". די אויטאָריזאַציע איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון טשיקלאַנאַ, פּועי־רעדאָן, ריוואַדאַוויאַ און פונעם סעקרעטאַר ניקאָלאַס הערערא.

דעם 12טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען די חתונה. די חופה־צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער קירכע „נועסטראַ סעניאָראַ דע לאַ מערסעד". אונטערפירער זיינען געווען אַלוועאַר און זיין פרוי מאַריאַ דעל קאַרמען קינ־טאַנילאַ. באַם מאָלצייט וואָס איז געגעבן געוואָרן אין הויז פון דער כלה, עלטערן זיינען בייגעווען צענדליקער אַריסטאָקראַטישע משפחות. די חתונה פון סאַן מאַרטין מיט רעמעדיאַס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע געשעעניש אין שטאָט.

די לאָוטאַרע לאָזשע

סאַן מאַרטין, דער קאַראָנעל און שעף פון די גראַנאַדירער, האָט דורך זיין צוגרייטן דעם גראַנאַדיר־רעגימענט, דערוויזן זיין טרייקייט דער רעוואָלוציאָ־נערער זאַך. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען, נישט בלויז אין דער רעגירונג און באַם פאָלק, נאָר אויך אין אַלע פּאַטריאָטישע קרייזן.

אין בוענאָס איירעס האָט מיט דער הילף פון סאַן מאַרטין זיך אָרגאַניזירט אַ לאָוטאַרע לאָזשע, אין מיטן 1812, אפן נאָמען פונעם יונגן אינדיאַנער העלד, פון די אַראוקאַנער אין טשילע. זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען לעוטאַרא, אָדער לעוטאַרו, געבוירן 1535, און ער האָט אָנגעפירט זיגרייכע אַקציעס קעגן די שפּאַניער. אין איינעם אַזאַ קאַמף באַם טייך טוקאַפּעל, אין יאַנואַר 1554 איז געפאַלן טויט דער שפּאַנישער שעף־קאָמאַנדאַנט וואַלדיוויאַ. שפּעטער איז לאַוטאַראָ אין אַ צווייטער שלאַכט געפאַלן טויט. אין דער דאָזיקער לאַוטאַרע לאָזשע זיינען אַריינגענומען געוואָרן אויסשליסלעך געקליבענע פּערזענלעכקייטן, אַזעלכע וואָס זיינען באַקאַנט געווען אַלס אָנהענגער פון ליבעראַלע פּרינציפּן. פאַקטישע גרינדער פון דער לאָזשע זיינען געווען סאַן מאַרטין און אַלוועאַר, און צוזאַמען מיט זיי זיינען אַריין אין דער לאָזשע אַלע פון דער גרופּע וואָס זיינען געקומען מיט סאַן מאַרטינען אַף דער שיף „קאַנינג״, אפילו דער ביי־דישער בירגער האַלמבערג, כאָטשע עס האָט זיך געפּאָדערט, אז מען זאָל זיין אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, אַף צו קאָנען ווערן אַ מיטגליד. אין דער לאַוטאַרא לאָזשע זיינען אַריין שפּעטער קאַסטעלי, אַגרעלא, מאָנטעאַגודאַ און אָפיצירן פונעם גראַנאַדירן רעגימענט, טעראַדאַ, ראָדריגעז, נעקאָטשעאַ, קינטאַנאַ און ראָכאַס. עס האָבן אויך געהערט צו דער לאָזשע ראָדריגעז פּעניאַ, פּאַסאַדאַס, פּאַסאָ, גידאָ, ראָנדאָו, באַלקאַרסע און אַלוואַרעז כאָנטע. שפּעטער זיינען אויך צוגעקומען פּועירעדאָן און בעלגראַנאָ. ס׳איז געווען אַן עמעסע קאָנצענטראַציע פון די בעסטע קויכעס פון בוענאָס איירעס און געקליבנסטע פּערזענלעכקייטן. דער איינציקער וואָס האָט זיך אַנטשידן קעגנגעשטעלט אין יענער צייט דער לאַוטאַראָ לאָזשע איז געווען בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ.

די אַרגענטינער לאַוטאַראָ לאָזשע האָט אין זיך געהאַט אַ סך ענלעכעס צו די פריימויערער לאָזשעס, אָבער זי איז נישט געווען פאַרבונדן אָדער פאַרפּליכ־טעט צו אויסערלעכע אָרגאַניזאַציעס. די דאָגמע פון דער לאָזשע איז געווען: „קיינמאָל נישט אָנערקענען אַלס לעגאַלע רעגירונג פונעם פאָטערלאַנד, חוץ יענע וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פריי דורכן ווילן פון די פעלקער, און אַזוי ווי דער רעפּובליקאַנער סיסטעם איז דער מער צוגעפּאַסטער אַלס רעזשים פאַר די אַמעריקעס, זאָלסטו שטיצן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען אז די פעלקער זאָלן שטימען פאַר אַזאַ רעזשים״.

באַם אויפנעמען פרישע מיטגלידער פלעגט אין זייער קעגנוואַרט פאָרקו־מען אַזאַ דורכשמועס צווישן דעם גראַן מייסטער (פּאָרזיצער) און דעם סעקרע־טאַר, נאָכדעם ווי די נייע האָבן אָפּגעגעבן זייער שבועה.

— ווּעמען דאַרפן מיר נאָכטון?

— דעם העלדישן לאַוטאַראָ.

— וואָס האָט לאַוטאַראָ געלערנט?

— שטאַרבן פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם פאָטערלאַנד.

— וועלכעס איז געווען זיין לאנד?

— אונדזוערס.

— און ווייסט איר אז די אלע הערן וואָס געפינען זיך דאָ, זיינען גרייט אים נאָכצוטון?

— נישט נאָר די בייוועזנדע, נאָר אלע וואָס באַוואוינען די ערד.

— ווי אזוי ווייסט איר עס?

— ווייל אזוי האָבן זיי געשוואוירן און פארשפּראָכן.

— און אויב זיי וועלן דורך וועלכן ס'איז צופאל, ווי עס געשעט אין דער וועלט, נישט אויספאָלגן זייער פארשפּרעכן, וואָס וועלן מיר טון מיט אים?

— דערמאָרדן אים, דערנאָך פארברענען און וואַרפן זיין אומווירדיק אַש אין די לופטן, אז ס'זאָל נישט בלייבן קיין זכר פון דאָזיקן נידערטרעכטיקן פּארשוין.

דורך דער לאוטאַראָ לאָזשע האָבן סאן מארטין און אַלוועאַר געהאַט אַ גרויסע שטיצע אין דער דורכפירונג פון געוויסע פּאָליטישע אקציעס.

אויסער דער לאוטאַראָ לאָזשע האָט זיך אויך געפונען דער פּאַטריאָטישער פאריין, וועמענס מיטגלידשאפט איז באשטאַנען הויפּטזעכלעך פון יוגנטלעכע. אויך דער דאָזיקער פאריין (סאָסיעדאד פּאַטריאָטיקא) האָט געשטיצט סאן מארטינען.

די לאוטאַראָ לאָזשע האָט גאָר אין גיכן געשפּילט אַ גרויסע ראָל באַם דורכפירן אַ שטאַטס־קלאַפּ.

ווי באַוואוסט איז נאָכן אנטלויפן פון סאַאַוועדראַ פון ערשטן רעגירונגס־ראַט, געבילדעט געוואָרן אַ טריומוויראַט, צוזאמענגעשטעלט פון דריי עקזעקו־טיווע מיטגלידער: דר. כואן כאָסע פּאַסאָ, קאַראַנעל דר. פעליסיאַנאָ טשיקלאַנא, און מאנועל סאראטעאַ. אלס סעקרעטאַרן האָבן מיטגעארבעט בערנארדינאָ רי־וואַדאַוויאַ, וויסענטע לאָפּעז און כאָסע כוליאָ פּערעז. דאָס איז געווען פריער איידער מען האָט אויפגענומען סאן מארטינען און אים געגעבן די אויפגאַבע צו שאַפן דעם גראַנאַדירן רעגימענט. אינעם פּראָוויזאָרישן סטאטוט האָט דער דאָזיקער טריומוויראַט באַשטימט, אַז די מיטגלידער פון דער רעגירונג דאַרפן זיך בייטן אלע זעקס חדשים. דער ערשטער טויש איז געווען דער, אז לויטן גורל איז אַרויסגעפאַלן פון דער רעגירונג דר. פּאַסאָ און אַף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן מארטין פּועירעדאָן, און אזוי ווי סאראטעאַ האָט געפעלט, ווייל ער איז געשיקט געוואָרן מיט אַן ארמיי צו באַלאַגערן מאָנטעווידעאָ איז אריינגעצויגן געוואָרן אַף זיין אָרט אלס דריטער מיטגליד פונעם טריומוויראַט בערנארדינאָ ריוואַדאַוויאַ, געוועזענער סעקרעטאַר און הויפּט־וואָרטזאָגער פון דער רעגירונג.

אין דאָזיקן טריומוויראַט זיינען פּאָרגעקומען אָפטע רייבונגען צווישן דעם מעסיקן פּועירעדאָן און דעם רעוואָלוציאָנערן ריוואַדאַוויאַ. די רייבונגען אין דער רעגירונג האָבן באלד געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין שטאָט. די מעסיקע עלעמענטן

האָבן געהאַלטן אַז די רעגירונג פירט אַ צו רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק, און די מאָרעניסטן, די פון פּאַטריאָטישן פאַריין און פון דער לאַוטאַראָ לאָזשע האָבן אין קעגנטייל באַשולדיקט די רעגירונג אין נאַכלעסיקייט. מען האָט זי באַשולדיקט אין נישט העלפן די אַרמיי אין נאָרדן פאָרצוזעצן דעם קאַמפּיין, און אין פאַראָרדענען טעותדיק בעלגראַנאָן זיך צוריקצוציען פון טוקומאַן. אין דער לאַוטאַראָ לאָזשע האָט זיך צעפלאַקערט אַן אויפברויז און מען האָט זיך געגרייט צו אַן עפנטלעכן אַרויסטריט.

לויטן דערמאָנטן סטאַטוט האָט דער מאַנדאַט פון סאַראַטעאַ (וועמענס פּלאַץ עס האָט פאַרנומען ריוואַדאַוויאַ) זיך געדאַרפט ענדיקן דעם 6טן אָקטאָבער 1812, און די דעפּוטאַטן פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט אויסקלייבן אַ נאָכפאָלגער. ווען עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די דעפּוטאַטן זיינען אייניקע מאַנדאַטן פון פּראָווינצן אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ נייער אומצופרידנקייט מיט דער רעגירונג און קאַבילדאָ, באַשולדיקנדיק זיי אין פּאַרטייאישקייט. די פאַרזאַמלטע דעפּוטאַטן — מיטן אויסנאַם פון די באַזייטיקטע — האָבן דורכגעפירט די וואַלן און אויסגעקליבן דר. פּעדראָ מעדראַנאָ אַלס נייעם מיטגליד פונעם טריומוויראַט. מעדראַנאָ האָט געהערט צו אַ סאַאַוועדריסטישער (קאָנסערוואַטיווער) פראַקציע, און נישט געווען קיין מיטגליד אין דער לאַוטאַראָ לאָזשע און נישט אין פּאַטריאָטישן פאַריין. און דעריבער איז זיין דערוויילונג אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אומצופרידנקייט. די דעמאָקראַטן האָבן באַשלאָסן צו אינטערווענירן, און אָנגעפירט פון סאַן מאַרטין און מאָנטעאַגודאַ איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שטאַטסקלאַפּ. דעם 7טן אָקטאָבער באַנאַכט איז די פּלאַסאַ מאַזשאָ פאַרנומען געוואָרן מיליטעריש. סאַן מאַרטין איז געקומען מיט זיינע גראַנאַדירן און ס'זיינען אויך געקומען אַנדערע מיליטער טיילן, צווישן זיי דער אַרטילעריע רעגימענט מיטן שעף קאָמאַנדאַנט מאַנועל פּינטאָ, 2טער אינפאַנטעריע רעגימענט אָנגעפירט פון קאָראָנעל פראַנציסקאָ א. אָקאַמפּאָ. אויכער דעם האָט זיך אויך פאַרזאַמלט אַן עולם פון אַרום דריי טויזנט ציווילע פּערזאָנען, אויפגעבראַכטע קעגן דער רעגירונג.

ס'איז צוגעשטעלט געוואָרן אַפן אַנדערן טאָג (8טן אָקטאָבער), דעם קאַבילדאָ אַ פּעטיציע, אונטערצייכנט פון 400 אָנגעזעענע בירגער, אין וועלכער ס'איז געפאָדערט געוואָרן:

1) אויפלייזן די דעפּוטאַטן פאַרזאַמלונג און דערקלערן אַנולירט אירע באַשלוסן;

2) אַראָפּזעצן די מיטגלידער פונעם טריומוויראַט (טשיקלאַנא, פּועירעדאָן און ריוואַדאַוויאַ);

3) באַשטימען אַ פּראָוויזאָרישן טריומוויראַט אין באַשטאַנד פון דר. כאָסע פּאַסאָ, ניקאָלאַס ראָדריגעז פּעניאַ און אַנטאָניאָ אַלווארעז כאָנטע;

4) פאַרופן אַ פאָלקס קאָנגרעס פאַר דער שאַפונג פון אַ קאָנסטיטוציע.

אַזוי ווי ניקאָלאַס ראָדריגעז פּעניאַ איז נישט געווען דעמאָלסט אין בוענאָס איירעס, האָט פּראָוויזאָריש באַדאַרפט פאַרנעמען זיין פּלאַץ פראַנציסקאָ בעל־גראַנאָ, א ברודער פונעם גענעראַל.

זעענדיק פאַר זיך די מיליטערישע קאָנצענטראַציע און דעם גרויסן עולם אויף דער פּלאַסאַ האָט דער קאַבילדאָ באַלד נאָכגעגעבן די באַדינגונגען.

אייגנטלעך איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַז אַפן אָרט פון ראָדריגעז פּעניא, וואָס האָט געפעלט, זאָל מען אַריינעמען קאַרלאָס אַלוועאַר, אָבער ער — אַלס צווייטער שעף פון די גראַנאַדירן, און אָנפירער פון דער לאָוטאַראָ לאָזשע, האָט נישט געוואָלט אין יענעם מאָמענט דעם מלוכה־אַמט אָננעמען, און ס׳איז דער־ריבער באַשטימט געוואָרן פראַנציסקאָ בעלגראַנאָ.

באַלד נאָכדעם ווי ס׳איז זיך צוזאַמענגעקומען דער נייער טריומווירַאַט (דעם 24טן אָקטאָבער) האָט ער דורך אַ דעקרעט פאַרופן דאָס פאָלק פון שטאָט און די פּראָווינצן צו שיקן פאָרשטייער צו א קאָנסטיטוציע־פאַרזאַמלונג. ס׳איז אויך געשיקט געוואָרן פאַרשטאַרקונג דער אַרמיי אין נאָרדן און באַנייט די באַלאַגערונג פון מאָנטעווידעאָ.

די לאָוטאַראָ לאָזשע מיט סאַן מאַרטין, אַלוועאַר און מאָנטעאַגודאַ אין דער שפּיץ האָט אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן זיג, געבנדיק דער מאַי־באַוועגונג א קלאָרן וועג פאַר דער זיכערונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פונעם לאַנד — דורך א קאָנסטיטוציע. און מען מוז צוגעבן, אַז די קאָנסטיטוציע וואָס דער קאָנגרעס פון 1813 האָט אויסגעאַרבעט איז געווען און בלייבט א מוסטער פון דעמאָקראַטישער מלוכה־אָרדענונג.

פון דער דורכגעפירטער רעוואָלוציע איז צו זען אַז סאַן מאַרטין האָט ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע אַמביציע, נאָר האָט מיט זיין שווערד געוואָלט דינען דער זאַך פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

די שלאַכט און זיג בײַ סאַן לאָרענסאָ

אין אויגוסט 1812, אין דער צייט וואָס סאַן מאַרטין האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די חתונה־צוגרייטונגען האָט דער טריומווירַאַט, דורך אַ דעקרעט אונטער־צייכנט פון ריוואַדאַוויאַ, באַשטימט פראַנציסקאָ דאַבלאַס צו ברענגען דריי הונדערט געבירטיקע יונגעלייט פון מיסיאָנעס, אַריינצוטרעטן אינעם גראַנאַדיר־סקוואַדראָן, אָנגעפירט פון לייטענאַנט קאָראָנעל כאָסע דע סאַן מאַרטין, „א געבוירענער פון יענער טעריטאָריע". דערמיט האָט די רעגירונג אַרויסגעוויזן די געהעריקע חשיבות פון סאַן מאַרטין.

דער רעגימענט גראַנאַדירער האָט געהאַט דעם קוואַרטיר, ווי געזאָגט, אין רעטיראָ געגנט, אַפן פּלאַץ וואו ס׳איז זייט 1702 געווען דער שקלאַפן־מאַרק און דערנאָך די פּלאַסאַ דע טאָראָס, און צולעצט נאָך די ענגלישע אינוואַזיעס גערופן געוואָרן קאַמפּאָ דע לאַ גלאָריא (רומפעלד) אָדער קאַמפּאָ דע מאַרטע. דער

פלאַץ איז געווען זומפּיק אין רעגנצייט און אומעגלעך זיך צו באַוועגן, אָבער נישט געקוקט דערויף איז דאָרט געשמידט געוואָרן אַ פּאַרטיידיקונגס־ און באַ־פרייונגס־אַרמיי וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין גרויסע שלאַכטן.

רייכע, אַריסטאָקראַטישע דאַמען, שיינע פּאָרטעניאַ מיידלעך פלעגן אָפט אַרויסגיין שפּאַצירן צו רעטיראָ, יענעם פּוסטן פּלאַץ אויסער דער שטאָט, אויף צוצוקוקן זיך צו די עקזערציר־איבונגען פון די יונגע רייטער און באַוואונדערן די דיסציפּלין פון די נייע סאָלדאַטן.

עס האָט נישט אויפגעהערט דאָס טרומייטן און גאַלאָפּירן אויף קאַמפּאָ מאַרטע און עס.האָט נישט אויפגעהערט דאָס קלאַפּן פון די האַמערס, ביז ס׳איז געקומען דער טאָג פון דער ערשטער פייער־פּראָבע.

זייט דער רעוואָלוציע פון 1810 האָט בוענאָס איירעס געהאַט קעגן זיך דעם גובערנאַטאָר פון מאָנטעווידעאָ עליאָ. אין מאָנטעווידעאָ איז אויך גע־שטאַנען אַ באַדייטנדע צאָל שפּאַנישע קריגס־שיפן וואָס האָבן באַדראָעט בוענאָס איירעס.

דער רעגירונגס־ראַט פון בוענאָס איירעס מיט סאַאַוועדראַ אין דער שפּיץ האָט געשיקט קיין מאָנטעווידעאָ דר. כואַן פּאַסאָ אויף צו פּרואוון קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג און אויפקלערן די ווינטשנסווערטקייט אז אויך באַנדאַ אָריענ־טאַל (איצט אורוגוויי), זאָל זיך באַפרייען פון שפּאַנישער הערשאַפט. דר. פּאַסאָ איז אויפגעטראָטן אין מאָנטעווידעאָ פאַר דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג (קאַבילדאָ אַביערטאָ) און אויפגעקלערט די צילן פון בוענאָס איירעסער רעוואָלוציע, אָבער די מערהייט פון די אַדעליקע באַ דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען שפּאַניער, אַזוי אַז די רייד פונעם בוענאָס איירעסער שליח האָבן נישט געהאַט קיין שום וויר־קונג און די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן נישט צו אָנערקענען די אויטאָריטעט פונעם ראַט פון בוענאָס איירעס אַזוי לאַנג ער אָנערקענט נישט די סואווערע־ניטעט פונעם העכסטן רעגענטן־ראַט פון שפּאַניע, וואָס האָט זיך געפונען אפן פּישער־אינדזל לעאָן, קעגנאיבער קאַדיז (אונטער ענגלישן שוץ). דער ראַט אויף יענעם קליינעם אינדזל האָט געהאַט פאַרגעשטעלט מיט זיך די רעגירונג פון שפּאַניע. דר. פּאַסאָ האָט זיך דעריבער אומגעקערט קיין בוענאָס איירעס מיט גאָרנישט. מאָנטעווידעאָ איז געבליבן פיינטלעך. ס׳איז דערנאָך געקומען קיין מאָנטעווידעאָ אַ שליח פון שפּאַנישן רעגענטן־ראַט, גאַספּאַר דע וויגאָדעט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס נייער גובערנאַטאָר פון מאָנטעווידעאָ, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו פירן קריג מיט בוענאָס איירעס.

אַזוי ווי די רעגירונג פון בוענאָס איירעס האָט נישט געקאָנט אויפשטעלן קיין פלאָט צו זיכערן די טייכן לאַ פּלאַטאַ און פּאַראַנאַ האָבן די שפּאַנישע קריגס־שיפן געמאַכט פרייע שפּאַצירן איבער דיביידע טייכן. די מאַנ־שאַפטן פלעגן אַראָפּ אויף די ברעגן און צוגערויבט בהמות, עופות און אַנדערע לעבנסמיטלען.

אין יאַנואַר 1813, אין דער צייט ערב דעם ערשטן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס האָט די רעגירונג פון בוענאָס איירעס באַקומען א ידיעה, אז א פלאָט פון עלף שיפן גרייט זיך צו אַ רייזע איבערן פּאַראַנאַ מיטן ציל ווי שטענדיק דורכצופירן רויב־איבערפאַלן אַף די ברעגן. סאַן מארטין האָט דאַן באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו לאָזן זיך מיט אַ טייל פון זיינע גרענאַדירן צו אַטאַקירן די שפּאַניער, ווען זיי וועלן אַראָפּ פון די שיפן.

דעם 28טן יאַנואַר האָט סאַן מארטין מיט אַן אָפּטיילונג פון 120 מאַן פון זיינע סאָלדאַטן און אַנדערע געהילפס־רייטער זיך געלאָזט אפן וועג צו ראָזאַריע. זיי זיינען פאַרביי סאַראַטע, סאַן ניקאָלאַס און ראָזאַריע, וואו עס האָט זיך געפונען אַ קליינער גאַרניזאָן אונטער דער קאָמאַנדע פונעם אורוגווייער סעלעראָניא עסקאַלאַדאַ. ער איז געווען דער וואָס האָט געשיקט די ערשטע מעלדונג קיין בוענאָס איירעס וועגן דער באַוועגונג פון די פיינטלעכע שיפן. ווען סאַן מארטין איז אַהין געקומען האָבן די שפּאַנישע שיפן זיך שוין געפונען קעגנאיבער די בערגלעך פון סאַן לאָרענסאָ, אַ קליינער ישוב צווישן ראָזאַריע און כאַנטאַ פע. דאָרט איז געווען אַ פראַנציסקאַנער מאָנאַסטיר, מיט אַ קירכע פון וועמענס טורעם מען האָט געקענט זען יעדע באַוועגונג אפן טייך און אומגעבונג. אלס פאָרזיכט־מיטל קעגן שפּאַנישן רויב האָט סאַן מארטין פאַראָרדנט אַרויסצופירן די בהמות און עופות און אַנדערע לעבנסמיטלען פון דער ברעגזאָנע טיפער אין אינערן. דערנאָך האָבן די גרענאַדירער זיך געלאָזט באַנאַכט אפן וועג צו סאַן לאָרענסאָ. פּלוצים האָבן צוויי סאָלדאַטן אָנגעטראָפן אַן אָפּגעשפּאַנטע קארעטע אין וועלכער עס האָט געשלאָפן א מאַן. דאָס איז געווען א יונגער ענגלענדער, וויליאַם פּאַריש ראָבערטסאָן, וואָס האָט זיך געפונען מיט אַ לאָדונג פראָוויאַנט אפן וועג צו פּאַראַגוויי. דער דאָזיקער ראָבערטסאָן האָט גראָד געהאַט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט סאַן מארטינען אין בוענאָס איירעס. ער האָט געבעטן דעם גרענאַדיר־שעף צו דערלויבן אים באַגלייטן, און סאַן מאַרטין האָט עס אים דערלויבט מיטן באַדינג נישט צו באַטייליקן זיך אין קאַמף.

דאָס מיליטער האָט צוגעריטן צום מאָנאַסטיר. אַלץ ארום איז געווען שטיל.

די סאָלדאַטן זיינען אַריין דורך אַ הינטער וועג, האָבן פארשלאָסן דעם טויער און געוואַרט אַף א באַפעל. סאַן מארטין איז אַריין אינעם קאָנווענט און איז אַרויף צום טורעם צו קאָנען זען דעם אומגעגנט און די פיינטלעכע שיפן.

דעם 3טן פעברואר 1813 פאַרטאָג האָט סאַן מארטין געזען פון דער הויך ווי די אינוואַזאָרן הויבן אָן פאַרלאָזן די שיפן און גייען אפן ברעג אַרויס אין דער ריכטונג צו אַ בערגל וואָס איז בלויז 300 מעטער פונעם קאָנוועגט. ער איז שנעל אַראָפּ פונעם טורעם, האָט צעטיילט זיינע סאָלדאַטן, האָט געשטעלט אַ טייל פון זיין מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן בערמודעז, זאָגנדיק אים „אין דערמיט פונעם שונא וועלן מיר זיך טרעפן און דאָרט וועל איך אייך געבן אינסטרוקציעס". דערביי האָט סאַן מארטין אַ צי געטאָן זיין

שווערד פון דער שייד, דער קלאַרנעט האָט געבלאָזן „שטורעם־אָנגריף״ און רעכטס און לינקס האָבן די גראַנאַדירער זיך געוואָרפן אַפן פיינטלעכן מיליטער.

דאָס שפּאַנישע מיליטער איז באַשטאַנען פון אַרום 300 מאַן און אָנגעפירט געווען פון קאָמאַנדאַנט סאַבאַלאַ. די שפּאַניער האָבן געהאַט אַרויסגעבראַכט אַפן ברעג אויך אַ פּאָר קאַנאָנען. מען פאַרשטייט אַז זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַלס ציל אויסצורייבן די ברעג באַפעלקערונג, איבערשניידן דעם האנדל מיט פּאַראַגוויי און מאַכן פּראָבע פאַר אַ וועג צו בוענאָס איירעס.

אין מאָמענט פון דער אַטאַקע האָבן זיך געטראָפן סאַן מארטין און סאַבאַלאַ פּנים צו פּנים, און אין דעם מאָמענט האָט אַ מעטראַליע־קויל פון די שפּאַניער געטראָפן דאָס פערד פון סאַן מארטין און ס'איז געפאַלן טויט, האַלטנדיק אונטער זיך אין קלעם דעם רייטער. באַלד האָט אָנגעיאָגט אַ שפּאַנישער סאָלדאַט און אים געוואָלט דערשטעכן, נאָר אַ גראַנאַדיר מיטן נאָמען באַיאַ־גאָרי איז גיך אונטערגעלאָפן און דערהארגעט דעם שפּאַנישן אינפאַנטעריסט. אַ דאַנק דער פלינקייט פון יענעם מוטיקן גראַנאַדיר איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דאָס לעבן פון צוקונפטיקן באַפרייער. אין זעלבן מאָמענט איז אויך אונטערגעקומען אַ צווייטער פּאַטריאָטישער קעמפער, דער סערזשאַנט כואַן באַוטיסטאַ קאַבראַל, אַ געבוירענער אין קאָריענטעס, און געהאָלפן באַפרייען סאַן מארטינען פונעם פערד. ער האָט דערביי באַקומען צוויי טויטלעכע וואונדן און איז שפּעטער מיט צוויי שאָ געשטאָרבן. האַלטנדיק באַם שטאַרבן האָט ער געזאָגט: „איך שטאַרב צופרידן, דער שונא איז געשלאָגן״...

די וואַסערן פון פּאַראַנאַ האָבן זיך געשטויסן צווישן די שפּאַנישע שיפן, לויפנדיק צום לאַ פּלאַטאַ, נישט קימערנדיק זיך וואָס עס קומט פאָר אַפן מערבדיקן ברעג. דער קאַמף איז געווען אַ בלוטיקער. עס זיינען די שיסערייען און שווערדן קלאַפּעריי אויסגעמישט געוואָרן מיט וויי־געשרייען פון די פאַרוואונדעטע און אויסרופן פון „וויוואַ על רעי״ מיצאַד די שפּאַניער און „וויוואַ לאַ פּאַטריאַ״ מיצאַד די אַרגענטינער. דער קאַפּיטאַן בערמודעז האָט זיך געוואָרפן מיט זיינע רייטער אין מעכטיקן אָנגריף אַפן שונא און פּונקט ווי ער אַזוי האָבן אין פּאַטריאָטישער התלהבות זיך געוואָרפן אַפן שונא דער אונטער־אָפיציר היפּאָליטאָ באוטשאַרד, לייטענאַנט מאַנועל דיאַז וועלעז, די וואָלונטירן אָפיצירן וויסענטע מאַרמאָל און כוליאַן קאַרוועראַ. בלויז דער גייסטלעכער כוליאַן נאַוואַראַ איז געשטאַנען און נישט געוואוסט וואָס צו טון אין דעם גרויסן געראַנגל. ענדלעך האָבן די שפּאַניער אָנערקעט זייער מפּלה און אָנגעהויבן זיך צוריקציען. אונטערן שוץ פון די קאַנאָנען פון די שיפן איז עס געלונגען דעם שונא צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט זייער קאָמאַנדאַנט כואַן אַנטאָניאָ סאַבאַלאַ. זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזט אַפן שלאַכטפעלד 40 טויטע, 14 געפאַנגענע, 2 קאַנאָנען, 50 ביקסן און די קריגס־פאָן. מיצאַד די פּאַטריאָטן זיינען געפאַלן 15 מאַן טויט און 27 פאַרוואונדעטע, צווישן זיי דער לייטענאַנט דיאַז וועלעס.

דורכן זיג בא סאַן לאָרענסאָ, איז געזיכערט געבליבן דער פרייער פאַרקער אױפן פּאַראַנאַ, און פאַר די שפאַניער איז נאָך שווערער געוואָרן די לאַגע אין מאָנטעווידעאָ.

ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער קאַמף האָט דער ענגלענדער מיט זיינע לעבנסמיטלען געזעטיקט די סאָלדאַטן און דערקוויקט די פאַרוואונדעטע. דער



דער קאַמפּיין פון סאַן מאַרטין באַם פּאַראַנאַ, וואו ס'איז פאָרגעקומען די שלאַכט בא סאַן לאָרענזאָ דעם 3טן פעברואַר 1813

גייסטלעכער נאַוואַראָ האָט אויך גענומען אָנטייל אין דער אַרבעט פון געבן הילף די פאַרוואונדעטע.

סאַן מאַרטין, אַ פאַרמאַטערטער, אַ פאַרשוויצטער און באַדעקט פון שטויב האָט זיך געלאָזט צום קאָנווענט און דאָרט אונטערן שאָטן פון דעם סאָסנע בוים אָנגעשריבן דעם באַריכט וועגן זיג. ער האָט אויסגערעכנט די אַלע וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אינעם פאָרגעקומענעם קאַמף, נישט דערמאָנענדיק בלויז איינעם — זיך אַליין.

דורך דער שלאַכט בא סאַן לאָרענסאָ קעגן אַן אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער באַוואָפנטן שונא האָט סאַן מאַרטין זיך אַרויסגעוויזן אַלס גלענצנדער שעף.

די ידיעה פונעם זיג אין סאַן לאָרענסאָ איז אויפגענומען געוואָרן אין בוענאָס איירעס מיט גרויס פרייד און דער נאָמען סאַן מאַרטין איז געגאַנגען פון מויל צו מויל.

III

סאַן מאַרטינס צוזאַמענטרעף מיט בעלגראַנאָ

זייט דעם זיג פון דער מאַי־רעוואָלוציע ביזן קאָנגרעס פון טוקומאַן און נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער איז נישט באַשערט געווען דער רעגירונג, אָדער די רעגירונגען פון בוענאָס איירעס צו האָבן אַ טאָג רו אַף צו קאָנען אָנגיין מיט פּלענער פון אויפבוי ארבעט און אָרגאַניזירונג פון דער מלוכה. מען האָט געמוזט כסדר אין זינען האָבן מיליטערישע קאמפּיינען אַף צו זיכערן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע און דערגרייכן אַ פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט.

דער צווייטער טריומווירא‍ַט וואָס איז געווען אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג, געבילדעט דורך דער רעוואָלוציע פון 8טן אָקטאָבער 1812, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט גרויס אינטערעס אויסצופירן די אידייע פון מאָרענאָ, וואָס איז אויך געווען דער וואונטש פון אַלע פּאַטריאָטן און פון גאַנצן לאַנד, צו פאַרופן אַ דעפּוטאַטן־פאַרזאמלונג אין וועלכער ס׳זאָלן זיין פאַרטראָטן אַלע פּראָווינצן, און ס׳זאָל אויסגעקליבן ווערן אַ לעגאַלע רעגירונג וואָס זאָל האָבן די פולע אויטאָ־ריטעט און צוטרוי פונעם פאָלק. פריער פלעגן די דעפּוטאַטן אויסגעקליבן ווערן דורך די קאבילדאָס פון די שטעט, אָבער די נייע רעגירונג האָט דורך איר דעקרעט פון 24טן אָקטאָבער 1812 פאָרגעשלאָגן אַן אנדער וואַל־סיסטעם. עס זאָלן אויסגעקליבן ווערן עלעקטאָרן און זיי ווידער זאָלן אויסקלייבן דעפּוטאטן. דער דאָזיקער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם 31טן יאנואר 1813, און יענע דעפּוטאטן־פּאַרזאמלונג האָט געזאָלט שאַפן די קאָנסטיטוציע און פּראָ־קלאמירן די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, אָבער די אומאויפהערלעכע מלחמה האָט געשטערט דערצו. פונקט אין דער צייט פון דער דערעפענונג פונעם קאָנג־רעס האָט געמוזט געשיקט ווערן אייליק סאַן מארטין צו אַן אַטאַקע אַף די שפּאַנישע קריגס־שיפן בא סאַן לאָרענסאָ, און אין דער זעלבער צייט האָט בעלגראַנאָ זיך געפונען מיט אַן ארמיי אין נאָרדן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די שפּאַניער, וואָס זיינען געקומען פון פּערו, און מען האָט אויך אָנגעהאלטן צו גלייכער צייט די באַלאַגערונג פון מאָנטעווידעאָ.

דער קאָנסטיטואַנטע־קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין אייגנטלעכער מיסיע, אויסאַרבעטנדיק אַ קאָנסטיטוציע, אָבער די דע־פּוטאטן האָבן אויך געמוזט אָפּגעבן אַ סך צייט אַף די מיליטערישע קאמפּיינען.

מאָנטעווידעאָ, וואו עס האָט זיך געפונען פארשפארט א גרויסער שפאנישער גארניזאָן, איז געווען באלאגערט דורך א פאטריאָטישער ארמיי אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל ראָנדאָ, כאָטש שעף־קאָמאנדאנט פון דער פאטריאָטי־שער ארמיי איז געווען סאראטעאַ. אין נאָרדן ווידער זיינען געווען פארנומען מיטן קאמף אזעלכע פערזענלעכקייטן ווי פועירעדאָן, דיאַז וועלעס, באלקארסע, כאָסע מאריאָ פאַז, לאַמאדריד און אנדערע. אין סוף מאַי 1812 האָט גענעראל בעלגראַנאָ איבערגענומען די קאָמאנדע איבערן מיליטער אין סאלטאַ און פועי־רעדאָן איז אָפּגעפאָרן קיין בוענאָס איירעס. בעלגראַנאָ האָט אָפּגעהאלטן א זיג איבער די שפאניער אין טוקומאַן דעם 24טן סעפטעמבער 1812, אָבער שפּעטער איז אונטערגעקומען א נייע שפאנישע ארמיי געשיקט פונעם וויצע־קעניג פון פערו, אין באשטאנד פון 4,000 מאַן און אין א קאמף אין ווילקאפור־כיאַ, דעם 1טן אָקטאָבער 1813 און אין א ווייטערדיקער שלאכט אין איאָהומאַ אין נאָוועמבער איז בעלגראַנאָס ארמיי גענצלעך צעקלאַפּט געוואָרן. פון דער פאטריאָטישער ארמיי פון בעלגראַנאָ איז געבליבן קוים ארום טויזנט מאַן. בעלגראַנאָ האָט דערנאָך אָפּגעהאלטן א נייעם זיג אין סאלטאַ, נאָר צולעצט (דעם 14טן נאָוועמבער 1813) אין א גרויסער שלאכט אין איאָהומאַ, איז בעלגראַנאָס מיליטער פולשטענדיק צעקלאַפּט געוואָרן.

דער קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס און די רעגירונג האָבן געמוזט באשליסן באלד דרינגענדיקע מיטלען צו זיכערן די לאַגע.

ס'איז איילִיק אויפגעשטעלט געוואָרן א קריגס־פלאָט אָנגעפירט פון אדמי־ראל בראָון צו אטאקירן דעם שפאנישן פלאָט און באלאגערן דעם פּאָרט פון מאָנטעווידעאָ, און ס'איז ארויסגעשיקט געוואָרן קאָראָנעל אלוועאַר מיט טויזנט מאַן צו העלפן דער באלאגערונג פון מאָנטעווידעאָ אף דער יאבאָשע זייט. אלוועאַר האָט איבערגענומען די קאָמאנדע פון ראָנדאָס מיליטער און דורכגע־פירט א שטורעם־אָנגריף אף מאָנטעווידעאָ, און צו דער זעלבער צייט האָט אדמיראל בראָון צעקלאַפּט דעם שפאנישן פלאָט. דעם 22טן יוני 1813 האָט אלוועאַר געשטורעמט די פעסטונג פון סעראָ און דעם 23טן איז די פאטריאָ־טישע ארמיי ארײַן קיין מאָנטעווידעאָ.

וואָס אָנבאלאנגט ווידער דעם פראָנט אין נאָרדן, איז באשלאָסן געוואָרן אַז גענעראל סאַן מארטין זאָל איבערנעמען די קאָמאנדע בא בעלגראַנאָ און אונטערנעמען אן אקציע קעגן די שפאניער אין אלטאָ פערו. ס'איז באשטימט געוואָרן, אַז סאַן מארטין זאָל ארויספאָרן מיטן זיבעטן רעגימענט אינפאנטעריע, 100 ארטילעריסטן און 250 מאַן פון זיין גראַנאַדירער רעגימענט. דער מארש זאָל דורכגעפירט ווערן וואָס שנעלער. ס'איז פאָראָרדנט געוואָרן דעם פאָסט־אדמיניסטראַטאָר צו העלפן דעם מיליטער קומען וואָס גיכער אפן פּלאַץ. די גראַנאַדירער זאָלן רייטן אף זייערע פערד, די ארטילעריסטן זאָלן מיטפירן זייערע קאנאָנען און אמוניציע וועגעלעך און די אינפאנטעריע זאָל געפירט ווערן

אף וועגענער. בא די גארניזאָן פּאָסטנס זאָל דאָס מיליטער באזאָרגט ווערן מיט לעבנסמיטלען און ס'זאָלן אין נויטיקן פאַל געביטן ווערן די פערד.

סאַן מארטין האָט איבערגעלאָזט זיין יונגע פרוי רעמעדיטאַס, ווי ער האָט זי גערופן, בא אירע עלטערן אין בוענאָס איירעס און האָט זיך (אין דעצעמבער 1813) געלאָזט אין מארש מיט זיין מיליטער אפן וועג צו טוקומאן.

זעקס טעג האָט געדויערט די רייזע און אין לויף פון די דאָזיקע פאָר טעג האָט סאַן מארטין און זיין מיליטער געהאַט אויסצושטיין אלערליי שוועריקייטן



סאַן מאַרטין — מאַנועל בעלגראַנאָ

און אומאנגענעמלעכקייטן, אָבער דער גרויסער קאָמאנדאנט האָט זיך נישט געקלאָגט. ער האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט זיין נייער מיסיע, האָפנדיק צו קאָנען געבן דעם שונא א טויט־קלאַפּ אין נאָרדן און באפרייען אַלטאַ פּערו. דאָס נייע לעבן אין אַרגענטינע איז אים געווען זייער מזלדיק. באלד נאָך זיין קומען האָט ער באקומען די אויפגאבע צו אָרגאַניזירן דעם גראַנאַדירן רעגימענט; גאָר אינגיכן האָט ער זיך פארליבט און כאַסענע געהאַט; און צו דער זעלבער צייט האָט ער אָרגאניזירט די לאוטאַראָ לאָזשע און דורכגעפירט געלונגען דעם

שטאַטסקלאַפ פון אָקטאָבער; דריי וואָכן נאָך דער חתונה (אין פעברואר 1813), האָט ער צעשלאָגן די שפאַניער אין סאַן לאָרענסאָ און איצט איז ער אפן וועג צו א נייעם גרויסן קאמפיין. ער האָט בלויז באַדויערט וואָס ער האָט געמוזט איבערלאָזן זיין יונגע פרוי, וואָס ווער ווייסט ווען ער וועט זי ווידער זען. איצט האָט ער באַ זיך א בריוו פונעם דירעקטאָר פּאָסאַדאַס (אין בוענאָס איירעס איז אפן אָרט פון טריומוויראַט געשאַפן געוואָרן א נייער סאָרט רעגירונג, א דירעקטאָריום, און אפן פאָרשלאָג פונעם שטאַרקן מאַן פון יענער צייט, אַלוועאַר, איז באַשטימט געוואָרן זיין פעטער כערוואַסיאָ אַנטאָניאָ פּאָסאַדאַס אַלס העכסטער דירעקטאָר, (וואָס מיינט מלוכה־שעף). און פּאָסאַדאַס שרייבט אַז כאָטש בעלגראַנאָ האָט זיך זיינע פאַרדינסטן און ער וועט האָבן אייביקע דאנקבארקייט פון זיינע מיטבירגער, איז אָבער נויטיק אַז ער, סאַן מארטין, זאָל איצט איבערנעמען די קאָמאַנדע. בעלגראַנאָ דער רעוואָלוציאָנער פון 1810, און דער שעפער פון דער פאָן האָט געמוזט איבערגעבן די קאָמאַנדע, און דערצו נאָך זיך שטעלן פאַר אַ געריכט געמשפּט צו ווערן פאַר זיינע מיליטערישע דורכפאַלן.

דער נייער קאָמאַנדאַנט פון נאָרדן, סאַן מארטין, האָט דורכמארשירט טוקומאַן און זיך אָפּגעשטעלט באַם טייך כוראַמענטאָ, אָפּוואַרטנדיק בעלגראַנאָן, וועלכער איז שוין געהאַט ארויסגעפאָרן פון כוכוי.

ביידע פּאַטריאָטן האָבן זיך געטראָפן אין י א ט אַ ס ט אָ , דרום־מזרח פון סאַלטאַ. ביז דעמאָלסט האָבן זיי זיך פערזענלעך נישט געקאָנט, כאָטש זיי זיינען געשטאַנען אין בריוולעכער פאַרבינדונג. סאַן מארטין, דער געשולמער מיליטערמאַן און סטראַטעג האָט געגעבן אָפט מיליטערישע עצות בעלגראַנאָן. דאָ אין יאַטאַסטאָ האָט דער גורל זיי צוזאַמענגעבראַכט באַ א טראַגישן מאָמענט: איינער האָט באַדאַרפט איבערנעמען די קאָמאַנדע פון צווייטן. זיי האָבן זיך אומאַרעמט און ס'האָט זיך אין יענעם מאָמענט פאַרבונדן צווישן ביידע אַ פריינטשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן זייער גאַנץ לעבן. בעלגראַנאָ האָט געשילדערט די לאַגע און זיך ארויסגעפּגערעדט דאָס הארץ פאַרן נייעם קאָמאַנדאַנט. „ווייל גאָט האָט געוואָלט בין איך א גענעראַל, כאָטשע איך ווייס נישט פאַרוואָס עס קומט מיר דער ראַנג. נישט דאָס איז מיין קאַריערע. אַ סך שאָדן האָבן מיר געבראַכט די דיוויזיע־שעפן, ווייל נישט אומעטום קאָן זיין דער גענעראַל. איך האָב נישט און האָב נישט געהאַט ווער עס זאָל מיר העלפן און ס'איז מיר אויסגעקומען צו פירן מלחמה ווי אַן אַנטדעקער, איך האָב נישט קיין איין אָפיציר, וואָס זאָל זיין גוט באַקאַנט מיט וועלכע וואָפן, איך האָב געפירט די מלחמה אַף בלינד און וועל אומקומען אין קאַמף, איידער זיך צו קערן צו אים מיטן רוקן".

סאַן מארטין האָט מיט גרויס באַדויערן און טיפן ווייטאָג געהערט די ערלעכע רייד פון טוגנטלעכן בעלגראַנאָ. דערנאָך האָט דער לעצטער נאָך צוגעגעבן: „איר דאַרפט מיר זיין נישט בלויז אַ פריינט, נאָר מיין לערער, מיין חבר און מיין שעף, אויב איר ווילט".

בעלגראַנאָ האָט איבערגעגעבן סאַן מאַרטינען וועגן דער בראַוועט אויפפי־רונג פונעם יונגן גאַוטשאָ שעף, קאָראָנעל מאַרטין גועמעז, וועלכער האָלט אין שאַך די שפּאַניער אין סאַלטאַ און געשילדערט די לאַגע אויך אין אַנדערע פּראָנטן.

די רעגירונג פון בוענאָס איירעס, וואו אַלוועאַר איז געוואָרן דער אומדי־רעקטער וואָרטזאָגער, האָט באַשטימט צו פּראָקטיצירן בעלגראַנאָ פאַר זיין דורכ־פאַל, פונקט ווי ס'איז געטון געוואָרן פריער מיט קאַסטעלין.

האָבנדיק אַלע נויטיקע דאַטן האָט סאַן מאַרטין זיך גענומען אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע אַרמיי אין נאָרדן.

סאַן מאַרטין שאַפט אַן אַרמיי אין טוקומאַן

די רעשטלעך סאָלדאַטן וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון בעלגראַנאָ אונטער דער קאָמאַנדע פון סאַן מאַרטין זיינען געווען דעמאָראַליזירט נאָך די גרויסע נידערלאַגעס אין ווילקאַפּוכיאָ און איאַהומאַ, זייערע מלבושים אויסגענוצטע, צע־ריסן, און זייערע אָפיצירן נישט באַלוינטע זייט אַ לאַנגער צייט. אַף צו קאָנען אַרויסטרעטן ווירקזאַם קעגן דעם שונא אין אַלטאָ פּערו איז נויטיק געווען אַ גרויסע, גוט דיסציפּלינירטע און גוט באַוואָפנטע אַרמיי. און דאָס האָט סאַן מאַרטין אָנגעהויבן צוגרייטן.

דעם 30טן יאַנואַר 1814 האָט סאַן מאַרטין אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמע צום מיליטער וואָס האָט זיך געפונען אונטער זיין קאָמאַנדע אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט: „העלדישע זין פונעם פאָטערלאַנד, די רעגירונג האָט מיר אָנפאַרטרויט די הויפּט־קאָמאַנדע פון דער אַרמיי, אַרויפלייגנדיק אַף מיר און מיינע מענטשן די ווירדיקע לאַסט פון דער פּאַרטיידיקונג. סאָלדאַטן; צוטרוי! איך באַוואונדער אייערע אָנשטרענגונגען און וויל אייך באַגלייטן אין אייערע אַרבעטן אַף צו טיילן זיך מיט אייער דום. איך וועל טון אַלעס מעגלעכעס, אַז איר זאָלט ליידן ווייניקער פונעם שלעכטן. זיגער פון טופּיזאַ, פּיעדראַס, טוקו־מאַן און סאַלטאַ: לאָמיר באַנייען די זיגרייכע טעג! דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר אונטערצוגיין. לאָמיר דעריבער, סאָלדאַטן, עס ראַטעווען!"

דאָס דערמוטיקנדיקע און ענערגישע וואָרט פונעם נייעם שעף־קאָמאַנדאַנט האָט געווירקט. פון די רעשטלעך איז געשאַפן געוואָרן אַ גוט דיסציפּלינירטע און קעמפעריש גרייטע אַרמיי.

די רעשטלעך וואָס סאַן מאַרטין האָט געפונען אין נאָרדן באַם איבערנעמען די קאָמאַנדע האָט ער געשילדערט אין אַ באַריכט צו דער רעגירונג אין בוענאָס איירעס מיט פאָלגנדע ווערטער: „כ'האָב געפונען נישט מער ווי טרויעריקע רעשטלעך פון אַ צעקלאַפּטער אַרמיי. אַ שפּיטאָל אָן מעדיקאַמענטן און אָן איינ־

סטרומענטן. די מענטשן אָן קליידונג, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ ספּעקטאַקל פון געוואָרפענע אַף דער ערד, וואָס קאָנען נישט באַהאַנדלט ווערן ווי עס דאַרף צו זיין, ווי עס פאָדערט די מענטשלעכקייט און זייערע פאַרדינסטן. האַלב־נאַקעטע סאָלדאַטן, באַקליידט מיט שמאַטעס; אָפיצירן וואָס קאָנען זיך נישט ווייזן אין דער עפנטלעכקייט. פאָדערונגען פון אומבאַצאָלטן לוין; דרינגענדע הוצאות אַף צוגרייטונג, אָן וועלכן ס'איז נישט מעגלעך צו באַנוצן אונדזערע וואָפן קעגן שטאַרקן שונא".

סאַן מאַרטין, וואָס איז אַריין אין אַקטיוון דינסט אין בוענאָס איירעס מיט צוויי יאָר צוריק מיט פולער האָפענונג און גרויסע אויסזיכטן, האָט זיך אָנגע־טראָפן פלוצים מיט גרויסע שוועריקייטן. דאָס ערשטע וואָס איז נויטיק געווען איצט, איז אַ געהעריקע סומע צו צאָלן די אָפיצירן, וויניקסטנס אַ טייל פונעם שולדיקן לוין. די סאָלדאַטן האָט מען געדאַרפט געבן אוניפאָרמס, אַף צו געווינען זייער צוטרוי און טרייהייט. פון בוענאָס איירעס איז נישט געווען צו דער־וואַרטן קיין שום פינאַנציעלע הילף. פאַרקערט, ס'איז פון בוענאָס איירעס געקו־מען צו אים די פאָדערונג, אַז ער זאָל אָפּשיקן באַלד דאָס געלט, וואָס איז פון בעלגראַנאָס מיליטער אַרויסגענומען געוואָרן פון פּאָטאָסי, בשעתן דיקצוג, ווייל אויך אין בוענאָס איירעס איז מען שולדיק געווען דעם מיליטער לוין פאַר פיר חדשים.

און באַ אָט דעם צושטאַנד האָט סאַן מאַרטין צום ערשטן מאָל געבראָכן די דיסציפּלין און נישט אויסגעפאָלגט די פאָדערונג פון דער רעגירונג. ער האָט אַראָפּגענומען אַ טייל פונעם געלט אַף צו דעקן די דאָרטיקע מיליטערישע נויטי־קייט. פאַרשטייט זיך, אַז אין בוענאָס איירעס איז מען געווען אומצופרידן און עס האָט זיך מצד אייניקע אָנגעהויבן אַ מורמעריי קעגן סאַן מאַרטין פאַר זיין אומגעהאָרכזאַמקייט. זיין פריינט, דער העכסטער. דירעקטאָר פּאָסאַדאַס, האָט אים געשריבן אין אַ פּערזענלעכן בריוו: „מיטן אויספאָלגן די פאָדערונג — וואָלט איר זיך געפונען געדריקט (אין געלט מיטלען); מיטן נישט אויספאָלגן בין איך דאָ געבליבן ווי אַ פּאַסקודניאַק". פון דעמאָלסט אָן האָט סאַן מאַרטין געזען, אַז ער האָט נישט וואָס צו דערוואַרטן פון בוענאָס איירעס.

די צייט האָט געטריבן. ס'איז נויטיק געווען וואָס גיכער צו שאַפן אַ גע־זונטע אַרמיי אַף קעגנצושטעלן זיך דער שפּאַנישער אַרמיי וואָס פּעסועלאַ, דער וויצע־קעניג פון פּערו האָט געשיקט צו דעראָבערן כוכוי, סאַלטאַ און טוקומאַן, אַרום 5,000 מאַן גוט באַוואָפנט.

מען האָט זיך באַדאַרפט נעמען צו דער אַרבעט.

צו יענער צייט האָט סאַן מאַרטין געהאַט באַ זיך קוים 600 מאַן, אָבער עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן נייע רעקרוטן פון געגנט און עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ שטאַרקע עקזערציר־אַרבעט. סאַנטיאַגאָ אַליין האָט צוגעשטעלט 300 רעקרוטן, טוקומאַן, סאַלטאַ און אַנדערע אַרומיקע פּראָווינצן האָבן צוגעשטעלט

הונדערטער רעקרוטן, אזוי, אַז גאָר אין גיכן איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרמיי פון 2.000 מאַן, קעגן די 5.000 פון פעסועלאַ.

אפן זעלבן אופן פון אַנגעשטרענגטע איבונגען אין רעטיראָ באַם שאַפן דעם גראַנאַדיר־רעגימענט איז אַנגעגאַנגען די עקזעציר־אַרבעט דאָ אין דער ציטאַדעל (סיודאַדעלאַ) פון טוקומאַן, שאַפנדיק אַ גוט מושטרירטע אינפאַנטעריע און קאַוואַלעריע. די ציטאַדעל איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ אין אַן אומגעגנט פון טוקומאַן, אַרומגענומען מיט פאַרשאַנצונג, וואוהין קיינער האָט נישט געהאַט קיין צוטריט אויסער די סאָלדאַטן און אָפיצירן. סאַן מאַרטין האָט דאָ געשאַפן אַן אַרמיי, לויט דער מאָדערנסטער אייראָפּעישער מיליטערישער דאָקטרינע. ער האָט געגרינדעט אַן אַקאַדעמיע פאַר אָפיצירן, אַ שול פון מאַטעמאַטיק אַף צו־צוגרייטן אינזשעניערן און אַליין געגעבן לעקציעס. ער האָט געהאַט אונטער זיין האַנט אייניקע זייער אָנגעזעענע הויכע אָפיצירן, וועלכע האָבן שפּעטער זיך אויסגעצייכנט אין גרויסע שלאַכטן.

געפירט האָט זיך סאַן מאַרטין זייער פריינטלעך צו זיין מאַנשאַפט, אָבער ער האָט געפאָדערט דיסציפּלין. אלס ביישפּיל ווערן איבערגעגעבן פאָלגנדיקע פאַלן: ער האָט אין איינעם אַ טאָג, געהאַט פאַראָרדנט אַז יעדער קאָרפּוס זאָל שיקן אין אַ געוויסער שאָ 25 מאַן צו קאַוואַלעריע איבונגען. פּלוצים קומט דער קאָמאַנדאַנט לאַ מאַדריד אָן זיינע סאָלדאַטן, אַף צו מאַכן וועלכע באַמער־קונג, אָדער עפּעס פרעגן דעם שעף. ווען דער געוואַגטער לאַ מאַדריד האָט אָנגעהויבן עפּעס זאָגן האָט סאַן מאַרטין אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ קוק געטאָן, און געזאָגט שאַרף:

— ס'זיינען שוין אוועק צוויי מינוט פון דער צייט ווען עס האָבן געדאַרפט שטיין אין דער ריי די סאָלדאַטן, וואָס כ'האָב געפאָדערט.

לאַ־מאַדריד האָט אַ שווייגנדיקער זיך צוריקגעצויגן אַף צו דערפילן דעם באַפעל, און דאָס איז געווען אַ לעקציע פאַר די אַנדערע אָפיצירן.

איינמאָל, ווען די אָפיצירן האָבן זיך געפונען אין דער אַקאַדעמיע און סאַן מאַרטין האָט געגעבן אַ לעקציע, באַ וועלכער ס'איז אויך בייגעווען דער דורכ־געפאַלענער בעלגראַנאָ, נישט האָבנדיק נאָך אָפּגעפאָרן קיין ב. איירעס, האָט קאָראָנעל דאָרעגאָ זיך דערלויבט חוזק צו מאַכן פון בעלגראַנאָ, נאָכמאַכנדיק זיין קאָמאַנדע שטימע. סאַן מאַרטין, האָט אויסגערופן קאָראָנעל דאָרעגאָ, אַז ער זאָל מאַכן אַ קאָמאַנדע רוף, און דאָרעגאָ, וואָס איז באַקאַנט געווען אלס חוזק־מאַכער, האָט נאָכגעמאַכט דעם קאָמאַנדע רוף פון בעלגראַנאָ, און סאַן מאַרטין אַן אויפגעברויזטער האָט אַ זעץ־געטון מיט אַ לייכטער וואָס איז געשטאַנען אפן טיש, און געזאָגט:

„סעניאָר קאָראָנעל, מיר זיינען געקומען אהער איבן די קאָמאַנדע שטימען". אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט ער פאַרשיקט דאָרעגאָן קיין סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, אלס שטראָף פאַר זיין לייכטזין.

לא־מאדריד און דאָרעגאָ האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט אלס קעמפּער פאַר דער זיכערונג פון דער רעוואָלוציע.

אין דער מיליטער שול פון סאַן מארטין אין טוקומאַן זיינען געווען שילער גענעראַל לוסוריאנא, גענעראַל פּאַז און אַ גאַנצע רייע שפּעטער אָנגעזעענע מיליטער־שעפן.

מען מוז דאָ צוגעבן, אז סאַן מארטין האָט געקאָנט אָנגיין רואיק מיט דער אויסבילדונג פון זיין נייער ארמיי אַ דאַנק דער העלדישער אויפפירונג פונעם יונגן לידער פון דער גאַוטשאָ־מיליץ מארטין גועמעז, א זון פון אַן אדעליקער פאַמיליע, פון סאַלטאַ. דער דאָזיקער יונגער העלד האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דער באַלאגערונג אין מאָנטעווידעאָ און שפּעטער, ווען ער האָט געהערט פון בעלגראַנאָס דורכפאַל אין ווילקאַפּוכיאָ, האָט ער פארשטאַנען די געפאַר פון זיין פּראָווינץ און איז אוועק אייליק קיין סאַלטאַ. דאָרט האָט ער מיט אַן אָרגאַני־זירטער גאַוטשאָ־מיליץ אונטערגענומען אַ פּאַרטיזאַנער קאַמף קעגן די שפּאַניער. ער האָט צוזאַמען מיט קאָראָנעל דאָרעגאָ באַשיצט די אַרגענטינער אַרמיי אין ריקצוג, און דעמאָלט איז אויסגעוואַקסן די באַרימטע גאַוטשאָ ארמיי וואָס האָט אומויפהערלעך געקעמפט דורך שנעלע איבעראַשונג־איבערפאַלן אויף די שפּאַ־ניער און געצוואונגען פעסועלאַן זיך צוריקצוציען ביז סויפּאַטשאַ.

גועמעז, דער שפּעטערדיקער גובערנאַטאָר פון סאַלטאַ, מיט זיין געטרייער ארמיי, האָט אָנגעפירט אַ גלענצנדיקע פארטיידיקונג פון נאָרדלעכן פראָנט. ער און זיינע מענטשן, מיט דער פּאָנטשאָ און מעסער, זיינען געוואָרן דער טעראָר פאַר די שפּאַניער און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט סאַן מארטינען רואיק אָנצוגיין מיט דער צוגרייטונג פון זיין אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט געהאָפט צו קאָנען אַרויסשטויסן פולשטענדיק די שפּאַניער פון דער נאָרדלעכער זאָנע און פון אָלטאָ פּערו. מארטין גועמעז איז פון סאַן מארטינען באַטראַכט געוואָרן אלס דער רעטער פון סאַלטאַ און טוקומאַן. צו יענער צייט האָבן אויך אָפּגעהאַלטן זיגן איבער די שפּאַניער דער גענעראַל אַרענאַלעס און גענעראַל וואַרנעס; דער ערשטער איז אַרום מיט זיין אַרמיי פון קאָטשאַבאַמבאַ און געזיגט אין לאַ פלאָרידאַ און דער צווייטער האָט געזיגט אין סאַנטאַ קרוז דע לאַ סיעררא. די באַקומענע קלעפּ האָבן געצוואונגען דעם גענעראַל ראַמירעז צוריקצוציען זיך מיט זיין שפּאַנישער ארמיי נישט בלויז פון דער אַרגענטינער טעריטאָריע נאָר אויך פון אָלטאָ פּערו.

פעסועלאַ האָט פאַראָרדנט אַ פולשטענדיקע עוואַקואַציע, כּדי צו קאָנ־צענטרירן דאָס שפּאַנישע מיליטער אין פּערו. ערשטנס, צו פארטיידיקן די אייגענע הויפּטשטאָט, לימאַ, און צווייטנס, צו שיקן אַ פארשטאַרקונגס־ארמיי קיין טשילע צו דערשטיקן דאָרט די רעוואָלוציע.

פאַר סאַן מארטינען איז איצט געווען די אויפגאַבע צו גרייטן זיך צו דער אינוואַזיע אין אָלטאָ פּערו.

אויפגעגעבן דעם פּלאַן צו אינוואַדירן אַלטאַ פּערו

אין דער ציטאַדעל נעבן טוקומאַן איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג פון אַ קאַמפּס־אַרמיי, וואָס סאַן מאַרטין האָט געהאָפט צו באַנוצן אין אַן אַלגעמיינער אָפענסיווע קעגן די שפּאַניער אין אַלטאַ פּערו, ברעכן די פיינטלעכע כוחות פון גענעראַל פּעסועלאַ, גרייכן ביז לימאַ און דאָרט פאַרענדיקן דעם קאַמפּיין. ס'איז אָבער געשען עפּעס אומדערוואַרטעטעס פאַר סאַן מאַרטין; פון די צו שטאַרקע אָנשטרענגונגען איז ער קראַנק געוואָרן און האָט געשפּיגן מיט בלוט, צו גלייכער צייט האָט ער באַמערקט, אַז בועלנאָס איירעס וואָס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון אַלוועאַר ווייזט נישט אַרויס קיין אינטערעס צו העלפן אים אינעם קאַמפּיין אין אַלטאַ פּערו. דריטנס, האָט ער אָנגעהויבן דענקען, אַז אָנשטאָט גיין אויף לימאַ דורך אַלטאַ פּערו איז גלייכער צו גיין דורך טשילע, שאַפנדיק פאַרן שונא די שוועריקייט פון צוויי פראָנטן מיט אַמאָל.

פון די פריערדיקע קאַפּיטלען איז געוועזן צו זען, אַז אַלוועאַר און סאַן מאַרטין זיינען געוועזן חברים. זיי האָבן זיך באַקאַנט בא די געהיימע פאַרזאַמלונגען אין קאַדיז, וואו זיי האָבן געפּלאַנט צו פאָרן קיין אַרגענטינע און העלפן קעמפן פאַר דער פרייהייט פון זייער געבורטס־לאַנד; די פריינטשאַפט איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין לאָנדאָן, דערנאָך זיינען זיי צוזאַמען געפאָרן אויף דער „זשאָרזש קאַנינג” אין יאָר 1812 קיין בוענאָס איירעס. דאָ האָבן ביידע זיך געמאָלדן צום טריומווירעט און אָנגעבאָטן זייער אָרעם דעם לאַנד. ביידע האָבן מיטגעאַרבעט אין דער לאָטאָראָ לאָזשע און אַלוועאַר מיט זיין פרוי זיינען געווען אונטערפירער פון סאַן מאַרטין בא זיין חתונה מיט רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ. ביידע האָבן אויך צוזאַמענגעאַרבעט באַם שאַפן דעם גראַנאַדיר רעגימענט. דעם 10טן יאַנואַר 1814 האָט אַלוועאַר אונטערצייכנט אַ דעקרעט דורך וועלכן סאַן מאַרטין איז דערהויבן געוואָרן צום גראַד פון קאָראָנעל מאַיאָר.

ווען סאַן מאַרטין איז געשיקט געוואָרן צום נאָרדן איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער בעלגראַנאָס רעשטן און אַלוועאַר איז געבליבן אין בוענאָס־איירעס האָט מען אים געשיקט צום פראָנט פון מאָנטעווידעאָ און ער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע פון ראָנדאָו. ער האָט נאָכן זיג פון בראָון איבערן שפּאַנישן פלאָט בא מאָנטעווידעאָ אונטערגענומען אַ שטורעם־אָנגריף און אָפּגעהאַלטן דעם גרויסן זיג, צווינגענדיק דעם דאָרטיקן גאַרניזאָן צו קאַפּיטולירן. דורך אָט דעם זיג איז אַלוועאַר געוואָרן דער שטאַרקער מאַן פון בוענאָס איירעס און עס איז געווען באַוואוסט, אַז כאָטשע מלוכה־שעף איז זיין פעטער כערוואַסיאָ אַנטאָניאָ דע פּאָסאַדאַס, איז אין אמתן גאָר אַלוועאַר דער פאַקטישער וואָרטזאָגער אין דער רעגירונג.

און ס'איז אויך קיין חידוש נישט, וואָס אַלוועאַר האָט נישט געקאָנט פאַרגינען סאַן מאַרטינען צו אינוואַדירן אַלטאַ פּערו און באַזיגן דאָרט די שפּאַניער.

ער, קאַרלאָס אַלוועאַר, איז געווען אַ זון פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע און איז געבראַכט געוואָרן דורך זיין פאָטער דיעגאָ קיין שפּאַניע און אַריינגעטרעטן אין קאָרפּוס פון „קעניגלעכע קאַראַבינערס" וואו מען פלעגט אויפנעמען בלויז אדעליקע. באַם פאַרלאָזן שפּאַניע האָט אים זיין פאָטער מיטגעגעבן אַ גרויס פאַרמעגן די ירושה פון זיין פאַרשטאָרבענער מוטער, און ער איז געקומען אהער ווי אַ פּרינץ, מיט אַ נאָמען, געלט און אַ יונגער שיינער פרוי. נאָכן זיג אין מאָנטעווידעאָ איז זיין אָנזען און מאַכט געוואַקסן, איז שוין זיין אַמביציע איצט געווען צו זיגן אויך אין אַלטאָ פּערו. ער, קאַרלאָס אַלוועאַר, האָט נישט געקאָנט פאַרגינען דעם געוועזענעם חבר סאַן מאַרטין, וועלכער איז געקומען אהער אַן אָרימער, אַן אומבאַקאַנטער, אַז ער זאָל זיין דער זיגער און זיין נאָמען זאָל קלינגען אַלס העלד. און ער האָט געווירקט אין דער רעגירונג אַז ס'זאָל נישט געגעבן ווערן קיין הילף און פאַרשטאַרקונג דער נאָרדלעכער אַרמיי. דער ערגייץ האָט געזיגט איבער אַלוועאַרן אין יענעם מאָמענט און ער האָט נישט געוואָלט דולדן אַ צווייטן גרויסן. „אַלוועאַר מיט זיין ריזיק פאַרמעגן — זאָגט וויסענטע פידעל לאָפּעז — וואָלט לייכט געקאָנט אויסשטאַטן אַן אַרמיי פון דריי־פיר טויזנט מאַן, אַף צו שטעלן זיי אין דינסט פון סאַן מאַרטין און זיכערן אים דעם זיג אין אַלטאָ פּערו". ס'איז געווען די בעסטע געלעגנהייט צוצושטעלן אַ נייע פרישע אַרמיי אין סאַלטאַ, אָבער דער גייציג נאָך כבוד האָט אים אָפּגעהאַלטן דאָס צו טון, דעריבער האָט סאַן מאַרטין, אָנשטאָט אונטערצונעמען דעם געפּלאַנטן קאַמפּיין זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע, דערקלערנדיק אַז ער ליידט אַף האַרץ־קראַנקייט, וואָס איז אויך אמת געווען, און געבעטן אורלויב צו קאָנען זיך דערהאָלן אין די בערג פון קאָרדאָבאַ. אַ זאַך וואָס די מעדיקער האָבן געראָטן אים דורכאויס דאָס צו טון.

ווי געזאָגט, האָט זיך סאַן מאַרטין געפילט נישט געזונט און האָט אין איינעם אַ טאָג געשפּיגן מיט בלוט. „זיין קראַנקייט — זאָגט באַרטאָלאָמע מיטרע — האָבן אייניקע אויסגעטייטשט אַלס בלויזן אויסרייד, בכדי צו קאָנען פאַרלאָזן די קאָמאַנדע, אָבער אין אמתן איז די קראַנקייט פעסטגעשטעלט געוואָרן, און זי האָט אים שטענדיק באַגלייט שטענדיק אין געפאַר זיין לעבן". כאַן מאַרטין זיך פילנדיק נישט געזונט און וויסנדיק פון דער אַמביציע פון אַלוועאַרן צו ווערן מיליטער־שעף אין נאָרדן האָט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק זיך צוריקצוציען. ער האָט געוואוסט, אַז אַ סך פון זיינע אָפיצירן זיינען אומצופרידן מיט בוענאָס איירעס און מיט אַלוועאַרן, און האָט פאַרשטאַנען אַז עס קאָן קומען צו אַן אויפשטאַנד קעגן אַלוועאַרן ווען ער זאָל קומען איבערנעמען די קאָמאַנדע, האָט ער נישט געוואָלט זיין פאַרמישט אין דעם.

אויסער די דאָזיקע צוויי מאָטיוון — קראַנקייט און אַלוועאַר — האָט סאַן מאַרטין באַ זיך אין געדאַנק געהאַט דעם דריטן מאָטיוו: זיין אידייע צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי צו קאָנען אַטאַקירן לימאַ, די הויפּט־נעסט פון דער שפּאַ־

נישער מאַכט, דורך טשילע. ער האָט געהאַט דעם 2טן אַפּריל 1814 געשריבן צו זיינעם אַ נאָענטן פריינט אין בוענאָס איירעס, ניקאָלאָס ראָדריגעז פּעניאַ: „איר דאַרפט אייך נישט פריי־ען אין פּאַרויס איבער דעם וואָס איך קאָן דאָ דערגרייכן. איך וועל גאָרנישט טון, און גאָרנישט געפעלט מיר דאָ. דאָס פּאַ־טערלאַנד וועט זיך נישט עפענען קיין וועג אויף דער דאָזיקער זייט פון נאָרדן. דאָ קאָן זיין בלויז אַ דעפענסיווע מלחמה, און נישט מער. דערויף זיינען גענוג די בראַווע גאַוטשאָס פון סאַלטאַ, מיט צוויי סקוואַדראָנען גוטע וועטעראַנען. דענקן אַנדערש מיינט ווארפן אין דער אייראָן אָזערע מענטשן און געלט. איך האָב אייך שוין געזאָגט מיין סעקרעט. אַ קליינע און גוט דיסציפּלינירטע אַרמיי אין מענ־דאָסאַ, צו קאָנען גיין קיין טשילע און דאָרט פאַרענדיקן מיטן שונא, שטיצן אַ רעגירונג פון זיכערע פריינט, אויף צו פאַרענדיקן מיט דער הערשנדיקער אַנאַר־כיע, פאַראייניקנדיק די כוחות וועלן מיר אַריבער מיטן ים צו נעמען לימאַ. יענץ איז דער וועג און נישט דער. איבערצייגט אייך, ביז מיר וועלן נישט זיין אין לימאַ וועט דער קאַמף נישט זיין געענדיקט".

דאָס דאָזיקע געהיימניש אין געדאַנק פון סאַן מאַרטין אין 1814 איז דער־נאָך אויסגעוואַקסן צום גרויסן היסטאָרישן מאַרש איבער די אַנדן. די באַ־פרייונג פון טשילע און אַריינמאַרש קיין לימאַ.

מיט דעם פּאַרדרוס קעגן אַלוועאַרס ערגייץ, מיט דעם וואונטש זיך צו קורירן און מיט דער אידייע פון אַ מאַרש איבער די אַנדן האָט סאַן מאַרטין פאַרלאָזט זיין אַרמיי אין טוקומאַן און דעם פּלאַן צו אינוואַדירן אַלטאַ פּערו. ער איז אַוועק קיין קאָרדאָבאַ, איבערלאָזנדיק אויף זיין אָרט אין דער ציטאַדעל דעם גענעראַל קרוז, ביז ס'איז געקומען דער גענעראַל ראָנדאָו, געוועזענער באַ־לאַגערער פון מאָנטעווידעאָ. גענעראַל ראָנדאָו איז דורך דער רעגירונג פון בוענאָס איירעס באַשטימט געוואָרן אַלס שעף־קאָמאַנדאַנט פון דער אַרמיי אין נאָרדן.

וואָס האָט דערווייל געטון אַלוועאַר?

נאָך זיין זיג אין מאָנטעווידעאָ האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט צוגרייטן אין אַליוואָס אַ נייע שטאַרקע אַרמיי, מיטן ציל אונטערצונעמען מיט איר דעם קאַמפּיין אין נאָרדן, און ער האָט געפאָדערט בא פּאָסאַדאַס צו באַשטימען אים אַלס העכסטן שעף־קאָמאַנדאַנט פון דער נאָרד־אַרמיי, וואו ס'איז נאָך דער דימיסיע פון סאַן מאַרטין געווען שעף־קאָמאַנדאַנט גענעראַל ראָנדאָו, האָבנדיק איינגעאָרדנט זיין הויפּטשטאַב אין כוכוי.

אין אַליוואָס האָט אַלוועאַר געהאַט אָנגעזאַמלט אַלע וואָפן וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון מאָנטעווידעאָ און צוגעגרייט דאָרט אַן אַרמיי פון 7,000 מאַן. פּאָסאַדאַס האָט דערפילט זיין וואונטש און אים באַשטימט אַלס שעף־קאָ־מאַנדאַנט פון נאָרדן, און אין נאָוועמבער 1814 האָט אַלוועאַר אַרויסמאַרשירט מיט זיין מיליטער אויפן וועג צו כוכוי איבערצונעמען די קאָמאַנדע פון גענעראַל

ראָנדאָו, דער זעלבער מיליטער־שעף בא וועמען אַלוועאַר האָט שוין איינמאָל איבערגענומען די קאָמאַנדע, בא דער באַלאַגערונג פון מאָנטעווידעאָ. ווען די ידיעה פון אַלוועאַרס קומען איז באַוואוסט געוואָרן אין גאַרניזאָן פון כוכוי, איז עס געקומען צו א בונט פון אָפיצירן און ס'איז פון זיי באשלאָסן געוואָרן נישט צוצולאָזן אים צו דער קאָמאַנדע.

אַלוועאַר גופא איז געפאָרן באַגלייט פון זיין הויפּטשטאַב און א סוויטע פון אַרום הונדערט מאַן צווישן ציווילע באַאמטע און פּאָליטישע פריינט, און ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון קאָרדאָבא און געקומען נעבן סאַנטא קרוז, איז ער געוואָר געוואָרן אז ס'איז דעם 7טן דעצעמבער פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד אינעם גאַרניזאָן פון כוכוי און דער גענעראַל וואַסקעז, זיינער א פּאַרטרויענס־מאַן, און אַנדערע אָפיצירן וואָס זיינען געווען אַלוועאַרס אָנהענגער זייען אַרעס־טירט געוואָרן און מען האָט זיי דעפּאָרטירט קיין קאַטאַמאַרקא און לאַ ריאָכא.

דערהערנדיק וועגן דער קעגנערשאַפט צו אים אין כוכוי האָט אַלוועאַר זיך באַלד אומגעקערט קיין בוענאָס איירעס.

סאַן מאַרטין האָט אַזוי אַרום געהאַט רעכט מיט זיין באַצייטנדיקן צוריק־ציען זיך פון דער נאָרדישער אַרמיי.

די ידיעה פונעם רעוואָלט פון דער נאָרד־אַרמיי איז געקומען קיין בוענאָס איירעס דעם 2טן יאַנואַר 1815, און אפן צווייטן טאָג האָט פּאָסאַדאַס פאַרופן א דרינגענדע אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פון דער קאָנסטיטוּאַנטע־פאַרזאַמלונג אפן 9טן יאַנואַר, און ער האָט צוגעשטעלט זיין דימיסיע, דערקלערנדיק, אז ער פאַרשטייט, אז „אַן אויטאָריטעט וואָס האָט נישט קיין געהאָרכזאַמקייט איז נישט קיין אויטאָריטעט". זיין דימיסיע איז אָנגענומען געוואָרן און אפן צווייטן טאָג איז באַשטימט געוואָרן אַלס נייער העכסטער דירעקטאָר זיין פּלימעניק קאָראָנעל אַלוועאַר.* אַזוי אַרום האָט אַלוועאַר דערגרייכט דאָס צו וועלכן ער האָט געשטרעבט און אין געהיים געצילט. ער האָט באַקומען די פולסטע רעגי־רונגס־מאַכט.

IV

סאַן מאַרטין גובערנאַטאָר פון קוזשאָ

אין סוף מאַי 1814 איז סאַן מאַרטין געקומען קיין קאָרדאָבאַ און זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליינעם גוט 20 קילאָמעטער פון דער שטאָט. ער האָט דאָ אין די בערג געהאַט אַ גוט פאַרדינטן אָפרו. ער האָט אין קאָרדאָבאַ פאַרבראַכט מערערע וואָכן און זיך אָפּגעגעבן מיט זיינע נייע פּלענער פון אַ באַפרייאונגס אַקציע אין טשילע און פּערו. אין שטילע מאָמענטן האָט ער אויך איבערגעבלע־טערט אין געדאַנק די איבערלעבונגען אין דער לעצטער צייט: געקומען קיין טוקומאַן און איבערגענומען די קאָמאַנדע פון דעם ערלעכן גענעראַל בעלגראַנאָ; דערנאָך אויסמושטרירט אַ נייע אַרמיי אין דער ציטאַדעל פון טוקומאַן און געהאַט גרויסע פּלענער צו שלאָגן דעם שונא. ער פאַרלאָזט אָבער אַלעס, ווייל ער וויל נישט קומען אין קאָנפליקט מיט זיינעם אַ געוויסעם פריינט, אַלוועאַר. ער מעלדעט דעם העכסטן דירעקטאָר אַז ער דימיטירט פון דער קאָמאַנדע און פּאָסאַדאָס נעמט אָן זיין דימיסיע. פּאָסאַדאָס שלאָגט אים אויך פאָר די אינטענ־דענסיאַ פון קאָרדאָבאַ, אָבער ער דאַקעגן האָט אָנשטאָט דעם געבעטן די אינ־טענדענסיאָ פון קוזשאָ (מענדאָסאַ), וועלכע איז פריי געוואָרן דעמאָלט, ווייל באַלקאַרסע, וועלכער האָט געהאַט די אינטענדענסיאַ איז אַוועק מיט אַן אָפּטיי־לונג מיליטער קיין טשילע, צו העלפן דאָרט דעם קאַמף פון די פּאַטריאָטן.

איצט געפינט ער זיך, דער גרויסער העלד דאָ אין די בערג גאַנץ עלנט און קראַנק. דורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן, זיך באַטייליקט אין אַלערליי שלאַכטן אין שפּאַניע, אַנטלאָפן דערנאָך אַ פאַרשטעלטער קיין ענגלאַנד, געקויפט אין לאָנדאָן אין אַ געשעפט פון אַלערליי געווערן אַ שווערד אין אַ קרומער שייד און געקומען קיין אַרגענטינע קעמפן און העלפן זיכערן די רעוואָלוציע, און איצט געבליבן אַ באַזייטיקטער.

דאָרט אין בוענאָס איירעס געפינט זיך זיין רעמעדיסטאַ און וואַרט זיכער אויפן צוריקקער פון איר העלד, און ער דאָ קאָן נישט וויסן ווען דאָס וועט קאָנען געשען.

זיך געפינענדיק אַזוי איינזאַם האָט ער זיך דערמאָנט אינעם גורל פון בעלגראַנאָ און געלייענט זיינע בריוו. אין איינעם פון די בריוו האָט בעלגראַנאָ אים געשריבן פון סאַנטיאַגאָ: „כ'האָב מיך נאָך נישט געלאָזט אין וועג אַריין,

איבער די ווייטיקן וואָס איך לייד". און ווייטער: „ווען איך וואָלט געקאָנט, טראָץ דעם, גיין באַטש אַלס פּשוטער סאָלדאַט מיט אייך, וואָלט עס מיך געפרייט". איצט דאַרף ער גיין דער בראַווער בעלגראַנאָ קיין בוענאָס איירעס צום משפּט...

טאָמאַס גידאָ, זיין אַלטער פריינט, איז געווען דער איינציקער וואָס האָט פאַרבראַכט מיט סאַן מאַרטין און געזוכט אים אויפצוהייטערן. ער האָט באַקומען איניקע בריוו פונעם העכסטן דירעקטאָר פּאָסאַדאָס, געשריבן אין אַ גאַנץ פריינטלעכן טאָן. ס'איז געקומען אַהער אויך אין די בערג צו באַזוכן סאַן מאַרטינען דער לייטענאַנט פּאַז, אָפיציר פון דער נאָרד־אַרמיי. ער איז געקומען פון טוקומאַן צו באַזוכן זיין פאַמיליע אין קאָרדאָבאַ, האָט ער נישט געקאָנט פאַרפעלן אַ באַזוך דעם גרויסן שעף. ער האָט אויך באַקומען אַ בריוו פון אַלוועאַר נאָך זיין זיג אין מאָנטעווידעאָ, שרייבנדיק: „דאָס מזל האָט מיך באַגינסטיקט גלענצנדיק אין אַלע אונטערנעמונגען; זאָל עס אייך אויך אַזוי באַגינסטיקן".

***

דעם 10טן אויגוסט 1814 האָט דער דירעקטאָריום (רעגירונג) באַשטימט נאָכצוקומען די ביטע פון סאַן מאַרטין צו געבן אים די אינטענדענסיאַ פון קוזשאָ, נעמענדיק אין אַכט זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, און אויך ער זאָל קאָנען פאָרזעצן זיינע לייסטונגען דעם פאָטערלאַנד.

די אינטענדענסיאַ אין קוזשאָ האָט געמיינט די רעגירונגס מאַכט אין יענער פּראָווינץ — וואָס האָט אַרומגענומען די זאָנעס פון מענדאָסאַ, סאַן כואַן און סאַן לואיס. סאַן מאַרטין האָט געדאַרפט פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון גובערנאַטאָר־אינטענדענט, דאָס צו וועלכן ער האָט געשטרעבט. דאָרט וועט ער האָבן די פרייהייט צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי, צו קאָנען דורך טשילע אַטאַקירן די שפּאַניער אין פּערו און ברעכן די מאַכט פונעם וויצע־קעניג אבאַסאַקאַל אין לימאַ.

אַזוי גיך ער האָט באַקומען די באַשטעטיקונג צום נייעם פּאָסטן האָט סאַן מאַרטין פאַרלאָזט קאָרדאָבאַ און געקומען (סעפּטעמבער 1814) קיין מענדאָסאַ.

דער קאַבילדאָ פון מענדאָסאַ האָט צוגעגרייט אַ פּאַסיקע דירה פאַרן נייעם גובערנאַטאָר, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען, דערקלערנדיק, אַז ער וויל בעסער וואוינען נעבן זיין מיליטער. שפּעטער אָבער האָט ער אָנגענומען דאָס אָנגעבאָטענע הויז, בכדי ס'זאָל נישט בלייבן באַליידיקט דער קאַבילדאָ און אויך וויל ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען אַהער זיין פרוי פון בוענאָס איירעס. דאָס הויז אין וועלכן סאַן מאַרטין האָט געוואוינט עקזיסטירט נאָך.

דעם מיליטערישן לאַגער האָט סאַן מאַרטין איינגעאָרדנט אין פּלומעריזשאַ.

דאָ אין מענדאָסאַ האָט סאַן מאַרטין אויפגעלעבט. ער האָט זיך געפילט ווי נײַ־געבוירן. ער האָט געהאַט אַלס גובערנאַטאָר טאָפּלטע פליכטן: מיליטעריש און ציווילע, און ער האָט ביידע אויסגעפירט מיט ענטוזיאַזם. ער האָט געהאַט געטרייע מיטאַרבעטער אין אַלע דריי זאָנעס פון דער קוזשאָ פּראָווינץ: אין סאַן כואַן האָט ער געהאַט אַלס לייטענאַנט גובערנאַטאָר דע לאַ ראָסאַ, אין סאַן לואיס דופּאָי, ביידע גרויסע פּאַטריאָטן און לאָיאַלע מיטאַרבעטער און אין

גענעראַל ראָנדאָ

קאָראָנעל מאַרטין גועמעז

מענדאָסאַ האָט ער געהאַט דעם גענעראַל לוסוריאַגא און דר. גאָדאָי קרוז אַלס פּאַרטרויונגס־מענער. דער 36־יאָריקער גובערנאַטאָר פון קוזשאָ האָט זיך געפילט גוט און גליקלעך אין זיין נייעם פּאָסטן. ער האָט זיך געפונען ווייט פון דער רוישנדיקער בוענאָס איירעס, ווייט פון דער אומזיכערער פּראָווינץ טוקומאַן. דאָס קלימאַט איז גוט, ענלעך צו דעם פון קאָרדאָבאַ און אין דער זייט די אַנדן, די בערג וואָס רופן און רייצן.

ס'איז איצט געווען די העכסטע צייט אַרויסצונעמען רעמעדיטאָס, און געבן איר אַ היים.

דאָס יונגע ווייבל, מאַריאַ רעמעדיאַס אי עסקאַלאַדאַ דע סאַן מאַרטין, איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 18 יאָר. זי האָט באַלד באַם באַקומען אַ רוף פון איר מאַן זיך געפּאַקט אין וועג אַריין. דער העכסטער דירעקטאָר פּאָסאַדאַס

האָט איר געגעבן 600 פּעזעס אַלס „פּריוואַטע הלוואה, וואָס סאַן מאַרטין וועט באַצאָלן מיט זיין לוין” און האָט מיטגעגעבן דער דאָניאַ רעמעדיאָס, ווען ער האָט געקענט נאָך אַלס קליין קינד, אַ בריוו צו סאַן מאַרטינען. זי האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון אירע עלטערן, מיטנעמענדיק אַלס באַגלייטערן די שקלאַפן כעסוסאַ, וואָס איר פאָטער עסקאַלאַדאַ האָט איר געשאָנקען. ס'זיינען אויך מיטגעפאָרן קיין מענדאָסאַ אין זעלבן וואָגן אייניקע מענדאָסער פרויען. היינט איז עס אַ קלייניקייט דורכצושניידן די קנאַפּע עלף־הונדערט קילאָמעטער פון בוענאָס איירעס קיין מענדאָסאַ. מיט דער באַן דויערט עס בלויז 16 שעה מיטן שנעלצוג און מיט אַן אַוויאָן דויערט עס אַרום צוויי שעה. אַנדערש אָבער איז עס געווען אין יענער צייט פאָרנדיק מיט אַ דעליזשאַנס איבער די בלאָטיקע וועגן, איבער בערג און טאָלן צווישן פּוסטע פעלדער און בלויז זעלטן ווען האָט מען געקאָנט זען אַ פאַרבלאָנדזשעטע בהמה, אַ האָז אָדער וועלכע אַנדערע חיה, און נאָך זעלטענער האָט מען אויף דער ווייטער שטרעקע געקאָנט זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַ דעליזשאַנס אָדער אַ שווערן לאַסטוואָגן געשלעפּט פון אָקסן.

ס'איז געווען אַ זייער מיפּולע רייזע פאַר רעמידיטאָס עסקאַלאַדאַ, אָבער עס האָט זיך געלוינט. דעם 12־טן סעפּטעמבער פון יענעם יאָר (1815) איז געוואָרן פּונקט דריי יאָר אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט סאַן מאַרטינען און זיי האָבן געלעבט צוזאַמען בלויז פּופּצן חדשים. דערנאָך (אין דעצעמבער 1813) איז ער געשיקט געוואָרן צום נאָרדן אויף איבערצונעמען בעלגראַנאָס אַרמיי און זיי האָבן ביז איצט זיך נישט געזען.

ווען רעמעדיאַ איז געקומען קיין מענדאָסאַ און איבערגענומען די פירונג פונעם הויז, איז דאָס הויז פונעם גובערנאַטאָר סאַן מאַרטין געוואָרן אַ זאַמלפּלאַץ פון דער הויכער געזעלשאַפט. פּונקט ווי אין הויז פון איר פאָטער, האָט זי אין איר אייגן הויז אָרגאַניזירט אַלערליי פאַרווייליגונגען און טאַנץ־אונטערהאַלטן, צו וועלכע עס פלעגן קומען פּאָליטיקער, מיליטערלייט און באַזונדערס פּאַטריאָטישע יוגנט. זי האָט געשלאָסן גיך באַקאַנטשאַפט מיט דער געזעלשאַפט און אָרגאַניזירט אַ פּאַטריאָטישן דאַמען פאַריין. זי מיט אַ גרופּע פריינדינס האָבן אויסגעשטיקט די פאָן פון די אַנדן, וועלכע איז געפירט געוואָרן זיגרייך ביז לימאַ. אין הויז פון סאַן מאַרטין איז ענג פאַרבונדן געוואָרן טשילע מיט מענדאָסאַ. עס פלעגן אַהער קומען פון טשילע אָפט געסט ברענגענדיק ידיעות וועגן די געשעענישן אינעם שכייניש לאַנד, אין יענער זייט אַנדן, און עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער פון אַ גרויסער אַקציע, אויף אַרויסצושטויסן די שפּאַניער פון טשילע און זיי אַטאַקירן אין פּערו.

דער יונגער גובערנאַטאָר פון קוזשאָ, האָבנדיק זיין רעמעדיטאַ אַלס געהילף, האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט אויף צוצוגרייטן אַ גרויסע באַפרייאונגס־אַרמיי, צום אַרויסמאַרש איבער די אַנדן. ער האָט זיך אינטערעסירט

מיט יעדן סאָלדאַט און אָפיציר און זיך באַמיט צו באַרואיקן פּריינטלעך די געמיטער פון זיינע מענטשן.

אלס ביישפּיל פון זיין ענערגישער ארבעט אין יענער צייט קאָן דינען זיינס אַ פאַרצייכענונג־העפט. נישט אַ טאָג־בוך, נאָר פּשוט „אַ פאַרצייכענונג צום געדענקען". אָט אַ מוסטער פון בלעטער פונעם דאַטום פון 27־טן דעצעמבער 1815.

אינעם העפט זאָגט זיך: „דער גראַנאַדיר קלעמענטע אַקומאַדאָ פון 2־טן רעגימענט, קלאָגט זיך קעגן אלפּארעז אַריאַס, אַז ער האָט אים געשלאָגן בשעת דעם עקזעצירן". — „פּלאַקאַטן פאַר די פּעאָנעם פון דער פּולווער פאַבריק" — רופן דאָן גאַדאָי. — פרעגן אין סאַן לואיס צי ס'איז געקומען אהין לוקאַס דוראַן. — מעלדן פּעסקאַראַן, אַז די 400 פערד וואָס ער דאַרף שיקן וועלן אַלע צוגענומען ווערן. — פאָדערן אַ באַריכט פונעם פאַראַנענעם געלט אין דער קאַסע. — פאָדערן דעם ענין פון אַלדאַי און גערערעאָ. — דער אַדמיניסטראַטאָר זאָל שיקן צוויי קאַסטנס ליכט קיין אוספּאַליאַטאַ. — די פאַרשלאָגן פון דער אַרטילעריע. — מוניאָז אין פרייהייט. — פרעגן דאָן פּעדראָ מאָלינאַ דעם פּרייז פון די פּיסטוילן. — דער ענין פון פּעליטאַס. — מעלדן לוקאַס גאָנסאַלעס, אַז ער זאָל ביזן 3־טן טאָג אַרויספאָרן קיין סאַן לואיס. — אַ בריוו צו הערמידאַ. — די אַדואַנאַ זאָל צונעמען צען טוץ ציינגען פון דאָמינגאָ טאַרעס. — דאָמינגאָ מאַסיאַס דאַרף באַצאָלן אין קאַסע פּופציק פּעזעס ביז דריי טעג, אלס שטראָף ווייל ער האָט געגנבעט אַ פּאָנטשאָ. ער וואוינט אין הויז פון דאָניאַ פּעטראָנאַ מעפּעדאַ אין דער נייער פּלאַסאַ. — דערמאָנען די 25 פּעזעס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פּיסאַראָן. — פאָדערן מאַכן אַ חשבון פון די קאַטרעס, בעטן, קאָלטשאָנעס, און עס צושטעלן דער רעגירונג צום באַצאָלן".

אזוי האָט סאַן מאַרטין געהאַט אַף זיך דעם גרויסן יאָך פון אָנפירן די אַדמיניסטראַציע און צוגרייטן אַן אַרמיי. ער האָט געדאַרפט זאָרגן, אַז די פערד און מאַנשאַפט פונעם גאַרניזאָן זאָלן האָבן גענוג עסן, און די מאַנשאַפט זאָל זיין גוט געקליידט. ער האָט געדאַרפט זאָרגן, אַז אַלע חשבונות זאָלן ליקווידירט ווערן. ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר אַלע און פאַר אַלעם אין זיין גרויסער אָבער אָרעמער פּראָווינץ קוזשאָ, און געמוזט אָנהאַלטן באַציונגען מיט בוענאָס איירעס. די רייזע פון אַ שליח פון מענדאָסאַ קיין בוענאָס איירעס הין און צוריק אין גאַלאָפּ האָט געדויערט אַ חודש צייט.

ס'איז געווען פאַר סאַן מאַרטינען אַ פיזיש־שווער לעבן, כסדר אָנגעשטרענגט און שטענדיק פיל מיט זאָרגן. דאָך איז ער געווען צופרידן און גליקלעך מיטן דאָזיקן לעבן.

די געשעענישן אין טשילע

דאָס יאָר 1808 וואָס האָט געבראַכט דאָס איבערקערעניש אין שפּאַניע, דורכן אַראָפּזעצן דעם שפּאַנישן קעניג דורך נאַפּאָלעאָן, האָט געבראַכט אַן אויפרודערונג אין אַלע אַמעריקאַנער לענדער וואָס האָבן זיך געפונען אונטער שפּאַנישער הערשאַפט, און צווישן זיי אויך אין טשילע. אויך דאָרט האָבן זיך געבילדעט געהיימע פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטן וואָס האָבן געאַרבעט אונ־טערערדיש. דער ערשטער אַרויסטריט איז געווען מיט אַ פאָדערונג צו בילדן אַן אייגענעם רעגירונגס ראַט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין קאָנסעפּסיאָן. עס איז געווען דאָרט אַ רעוואָ־לוציאָנערער קלוב, וועלכער האָט אָנגעפירט אַן אונטערערדישע אַרבעט און געהאַט באַציאונגען מיט די טשילענער פּאַטריאָטן אין גאַנצן לאַנד און אויך געפירט קאָרעספּאָנדענץ מיט בוענאָס איירעס. עס האָבן אין יענעם קלוב אַקטיוו מיטגעאַרבעט מ א ר ט י נ ע ז ר אָ ס אָ ס און כואַן מאַקענא. שפּעטער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אָהיגינס.

דאָס טשילענער פאָלק האָט אונטער דער אָנפירונג פון די פּאַטריאָטישע לידערס געמאַכט אַן אויפשטאַנד און דעם 18־טן סעפּטעמבער 1810 איז געביל־דעט געוואָרן אין סאַנטיאַגאָ אַ רעגירונגס ראַט מיט מאַטעאָ טאָראָ סאַמבראַנא, אַלס פּאָרזיצער. דאָס איז געווען פיר חדשים נאָך דעם ווי אין בוענאָס איירעס איז דורך אַן ענלעכער רעוואָלוציע געבילדעט געוואָרן אַ רעגירונגס ראַט מיט כאַאוועדרא און מאָרענאָ אין דער שפּיץ. און פּונקט ווי אין בוענאָס איירעס האָט אויך דער רעגירונגס ראַט אין סאַנטיאַגאָ איבערגענומען די מלוכה אין נאָמען פון קעניג פערנאַנדאָ 7־טן.

די מיטגלידער פונעם ראַט, צום גרעסטן טייל אָנהענגער פון אַלטן רעזשים, האָבן גערעכנט צו בלייבן אין ראַט בלויז ביז נאַפּאָלעאָן וועט באַפרייען דעם שפּאַנישן קעניג און דער לעצטער וועט באַשטימען אַ נייעם גובערנאַטאָר. צווישן די מיטגלידער פונעם ראַט האָט זיך אָבער געפונען אויך מ א ר ט י נ ע ז ד ע ר אָ ס אָ ס, וועלכער האָט שוין פריער געאַרבעט פאַר אַ פ ו ל־ ש ט ע נ ד י ק ע ר או מ אָ פּ ה ע נ ג י ק י י ט פון טשילע און געוואָלט עס איצט דורכזעצן. מיט זיין שאַרף וואָרט און געוואַגטן אויפטריט פאַרן ראַט האָט ער געצוואונגען די אַנדערע מיטגלידער אָנצונעמען אַ באַשלוס צו קויפן וואָפן, רעקרוטירן מיליטער און אָרגאַניזירן אַן אַרמיי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן יעדן פיינט. דערצו האָט ער געהאַט דעם גוטן אויסרייד פון ענגלישן פּרוּוו צו פאַרכאַפּן בוענאָס איירעס. ער האָט אויך געפאָדערט צו עפענען די פּאָרטן פון קאָקימבאָ, וואַלפּאַראַיסאָ, טאַלקאַהואַנאָ און וואַלדיוויאַ פאַר אַלע פעלקער, און מאַכן אַ סוף צו די פאַרבאָטן פון שפּאַנישן קעניג, וואָס האָבן געהאַלטן טשילע אָפּגעזונדערט פון דער וועלט.

מאַרטינעז דע ראָסאַס האָט געהאַט גרויס אָנהענגערשאַפֿט פֿאַר זיינע פּלענער, און באַזונדערס שטאַרק האָט זיך אָנגעשלאָסן אין זיינע רייען בערנאַרדאָ אָהיגינס.

אַף דער אויסדריקלעכער און צודרינגלעכער פֿאָדערונג פֿון מאַרטינעז דע ראָסאַס האָט דער ערשטער רעגירונגס ראַט געמוזט פֿאַרופֿן דאָס פֿאָלק צו וואַלן אויסצוקלייבן אַ קאָנסטיטואַנטע פֿאַרזאַמלונג, אָדער קאָנגרעס. דער דאָזי־קער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם 4־טן יולי 1811 און האָט אין אויגוסט פֿון זעלבן יאָר באַשטימט אַז אַפֿן אָרט פֿון רעגירונגס ראַט זאָל זיין אַ טרומוויראַט (אַ רעגירונגס ראַט פֿון דריי מענער). דער נייער מלוכה־ראַט האָט אָנגענומען אַ גאַנצע רייע וויכטיקע באַשלוסן, צווישן זיי אויך דעם פֿאַרבאָט צו ברענגען שקלאַפֿן קיין טשילע, און דערקלערט פֿריי קינדער פֿון די שקלאַפֿן.

די אָנהענגער פֿונעם קעניג האָבן נישט גערוט און געמאַכט אַלערליי שטע־רונגען דורך אויפֿשטאַנדס פּרואוון קעגן דער רעגירונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומאויפֿהערלעכער קאַמף וואָס האָט מיד געמאַכט דעם קאָנגרעס, און מאַרטינעז ראָסאַס האָט זיך געוואָלט צוריקציען, אָבער אָהיגינס האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפֿון, אָנווייזנדיק אַף דער נויטווענדיקייט פֿאָרצוזעצן דעם קאַמף פֿאַר דער זיכערונג פֿון דער רעוואָלוציע.

דעם 11־טן סעפּטעמבער 1812 האָט דורכגעפֿירט אַ שטאַטסקלאַפּ קעגן דער רעגירונג כאָסע מיגעל קארעראָ און ער האָט זיך דערקלערט אַלס דיקטאַטאָר. און כאָטש אָהיגינס איז געווען קעגן דיקטאַטור האָט ער איינגעוויליקט מיטצו־אַרבעטן מיט קארעראָ, פֿאַרשטייענדיק די נויטווענדיקייט פֿון מאָמענט, ווייל אין אַנדערן פֿאַל וואָלט טשילע געוואָרן צוריק אַ קאָלאָניע פֿון דער שפּאַנישער קרוין. און ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות. דעם 26־טן מערץ 1813 איז געקומען אַ שפּאַנישער פֿלאָט און אַרויסגעזעצט מיליטער אין סאַן וויסענטע, אָנגעפֿירט פֿון גענעראַל פּאַרעאָ. דרייסיק שעה שפּעטער, נאָכן דעסאַנט פֿונעם שפּאַנישן מיליטער, האָט אָהיגינס אַרויסגעמאַרשירט מיט אַ גרויסער מיליץ פֿון לאַכאַ אין דער ריכטונג צו קאָנסעפּסיאָן, אָבער אונטערוועגנס האָט ער געהערט אַז די שטאָט האָט שוין קאַפּיטולירט. ס'איז דערנאָך אונטערגעקומען אַן אַרמיי פֿון כאָסע מיגעל קארעראָ און די שפּאַניער זיינען געשלאָגן געוואָרן אין לינאַרעס.

דער רעגירונגס ראַט אין סאַנטיאַגאָ האָט באַשטימט אָהיגינס אַלס קאָראָ־נעל, און ער האָט אָרגאַניזירט אַ שטאַרקע דיוויזיע רייטער, און געשלאָגן די שפּאַניער אין טיבאַן, לאַכועלאַס און מאַיפּאַ. דערדאָזיקער זיג האָט שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט אָהיגינס אַלס העלד און פֿרייהייטס קעמפֿער. זיין נאָמען איז געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט, און ער איז דערהויבן געוואָרן צום גראַד פֿון גענעראַל.

דער דיקטאַטאָר קארערא האָט מורא באַקומען אַז דער זיגערישער אָהיגינס זאָל נישט פֿאַרטונקלען זיין נאָמען און שטעלן אין געפֿאַר זיין מאַכט, האָט ער

דאריבער פאַרראַטן אָהיגינסן אין אַ שלאַכט וואָס ער האָט געהאַט אין סעפטעמ־בער 1814 אין ראַנקאַגוואַ. דער וויצע־קעניג פון פּערו, אַבאַסאַקל, האָט געשיקט אַ נייע שטאַרקע אַרמיי קיין טשילע אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אָסאָריאָ, און דער לעצטער האָט אַטאַקירט די טשילענער פּאַטריאָטישע אַרמיי פון אָ׳היגינס אין ר אַ נ ק אַ ג ו אַ. די לאַגע איז געוואָרן קריטיש און אָ׳היגינס

גענעראַל קאַרלאָס אַלוועאַר

כאָסע מיגעל קאַררעראַ

האָט געבעטן הילף אין סאַנטיאַגאָ. קאַררעראַ האָט אים פאַרשפּראָכן באַלד אונ־טערצוקומען מיט פאַרשטאַרקונג, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן און אַזוי אַרום פאַרראַטן די פּאַטריאָטישע אַרמיי. די שפּאַניער, אין דער גרויסער איבערצאָל, האָבן שרעקלעך צעקלאַפּט די טשילענער.

אַ פאַרביטערטער און אַנטוישטער איז אָ׳היגינס צוריקגעקומען קיין סאַנטיאַגאָ, האָט גענומען זיין מוטער און שוועסטער און אַוועק קיין מענדאָסאַ און דערנאָך קיין בוענאָס איירעס. דאָ האָט ער געפירט אַ באַשיידן לעבן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז אָהיגינס איינגעלאַדן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין דער אַרגענטינער אַרמיי וואָס סאַן מאַרטין האָט אָרגאַניזירט אין מענדאָסאַ, אַף אונטערצונעמען אַ באַפרייאונגס אַקציע אין טשילע און דערנאָך אין פּערו. און גענעראַל אָהיגינס האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

נאָך דער נידערלאַגע אין ראַנקאַגוואַ האָבן די שפּאַנישע גענעראַלן און זייערע אונטעראָרדנטע אומרחמנותדיק פאַרפאָלגט די פּאַטריאָטן און אַ סך

פון זיי געפּייניקט און דערמאָרדעט. אַ גרויסע צאָל פון די אָנפירנדיקע פּערזענ־לעכקייטן זיינען אַנטלאָפן איבער די אַנדן קיין אַרגענטינע און צווישן זיי דעם גענעראַל אָ'היגינס טרייער וואָפן חבר גענעראַל ראַמאָן פרעירע און אַנדערע מיליטער־שעפן.

קאַררעראַ האָט דערנאָך אויך געמוזט אַנטלויפן. ער האָט פאַרנומען דעם מלוכה אוצר און זיך געלאָזט אַפּן וועג צו די אַנדן. ער איז אין דער שפּיץ פון אַ פּאָר הונדערט סאָלדאַטן און באַגלייט פון מויל אייזלען באַלאָדענע מיט זילבער געקומען דעם 13־טן אָקטאָבער 1814 באַנאַכט אַף אַרגענטינער ערד, אָבער דער מלוכה אוצר איז פאַרלוירן געגאַנגען באַם מאַרש איבער די אַנדן. ווען ער איז געקומען קיין מענדאָסאַ איז ער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַררעטער און סאַן מאַרטין האָט געקוקט זייער שלעכט אַף אים. ער האָט נישט געפעלט קיין סך אַז קאַררעראַ זאָל פאַרפירן אַ קאַמף מיט סאַן מאַרטינען אין מענדאָסאַ. אָבער סאַן מאַרטין האָט אים שטרענג פאַראָרדנט תיכף צו פאַרלאָזן די פּראָווינץ קוזשאָ און קאַררעראַ איז אַוועק אַ פאַרביטערטער קיין בוענאָס איירעס.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט אַ מיליטערישע קאָמיסיע געפונען דעם טשילע־נער מלוכה אוצר, וואָס קאַררעראַ האָט געהאַט פאַרנומען און אונטערוועגנס פאַרלוירן.

דורכגעפאַלן אַלוועאַרס אַ שפּיצל קעגן סאַן מאַרטינען

קאַררעראַ איז געווען אַ געבוירענער אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע, נאָר איז יונגערהייט אַוועק קיין שפּאַניע און מיטגעמאַכט דעם מיליטער־דינסט, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אַמעריקאַנער יונגעלייט אין יענער צייט. אין שפּאַניע האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַלוועאַר און זיי האָבן געשלאָסן פריינטשאַפט אין 1808. דערנאָך איז אַלוועאַר אַוועק קיין אַרגענטינע און קאַררעראַ קיין טשילע. איצט ווען דער טשילענער געוועזענער דיקטאַטאָרישער מלוכה־שעף איז געקומען אַ געשלאָגענער קיין בוענאָס איירעס האָט ער באַנייט די פריינטשאַפט מיט אַלוועאַרן.

ס'איז גראָד געווען אין דער צייט ווען אַלוועאַר האָט אויסגעפירט דעם מאַנעוור אַז ער זאָל ווערן העכסטער דירעקטאָר, נאָך דעם ווי די נערדלעכע אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל ראָנדאָ האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים. אַלוועאַר האָט בלומרשט אָנגעהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיט סאַן מאַרטינען, אָבער אין דער שטיל האָט ער געהאַט אַ האַס צום גובערנאַטאָר פון קוזשאָ. אויך קאַררעראַ, דער דורכגעפאַלענער דיקטאַטאָר פון טשילע האָט געהאַסט סאַן מאַרטינען, און ביידע האָבן איצט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי צוטון דעם גרויסן מיליטער־שעף.

אַלוועאַר, דער העכסטער דירעקטאָר, האָט באַשטימט דעם קאָראָנעל גרעגאָריאָ פּערדריעל אַלס נייעם גובערנאַטאָר פון קוזשאָ, און אים געשיקט באַלד איבערצונעמען זיין נייעם פּאָסטן אין מענדאָסאַ, אַפן אָרט פון סאַן מאַרטינען.

מענדאָסאַ איז געווען פון די ערשטע שטעט פונעם וויצע־קעניגטום, וואָס האָט געענטפערט אַפן רעוואָלוציאָנערן רוף פון בוענאָס איירעס, דעם 25־טן מאַי 1810, און אַ חודש שפּעטער, דעם 25־טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן די פאָלקס פאַרזאַמלונג (קאַבילדאָ אַביערטאָ) און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעוואָלוציע און מען האָט געשוואוירן טרייהייט דער נייער נאַציאָנאַלער רעגירונג. אויך סאַן כואַן און סאַן לואיס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציע. אין 1813 זיינען ווידער די דריי פּראָווינצן פאַראייניקט געוואָרן אונטער דעם אַלטן נאָמען פון קוזשאָ מיט מענדאָסאַ אַלס הויפּטשטאָט. דאָ, אין מענדאָסאַ, איז איצט געווען גובערנאַטאָר ס אַ ן מ אַ ר ט י ן און דאָס פאָלק האָט אים פאַרגעטערט.

גענעראַל פוערדעדאָן

די פּראָווינץ קוזשאָ האָט אין יענער צייט געציילט אַרום 50.000 איינוואוינער. עס זיינען געווען ווינציק רייכע, אָבער פרנסה האָט מער ווייניקער יעדער געהאַט. מענדאָסאַ האָט פּראָדוצירט וויין, בוימל, בראָנפן, געטרוקנטע פרוכט און תבואה, און עס איז געפירט געוואָרן מסחר מיט טשילע און די ליטאָראַל פּראָווינצן. די באַפעלקערונג האָט זיך געפילט זייער גוט אונטער דער רעגירונג פון סאַן מאַרטין און נישט בלויז אויסגעפירט זיינע אָנווייזונגען, נאָר אויך געקומען פרייוויליק זיך שטעלן צו דינסט פונעם גובערנאַטאָר און זיין אַרמיי.

ווען עס איז געקומען די ידיעה, אַז דער העכסטער דירעקטאָר האָט באַשטימט אַן אַנדערן גובערנאַטאָר, און אַז דער דאָזיקער נייער, קאָראָנעל פּערדריעל געפינט זיך שוין אונטערוועגנס, האָט זיך דעם 16־טן יאַנואַר 1815

פּאַרזאַמלט אַף דער פּלאַסאַ אַן עולם פון איבער 500 בירגער און אַזאַ צאָל באַוואָפנטע מיליציאַנטן און געפּאַדערט באַם קאַבילדאָ, אַז סאַן מארטין זאָל בלייבן גובערנאטאָר. עס איז געקומען צו לויפן סאַן מארטין און דערקלערט, אַז מען האָט אים נישט אָראָפּגעזעצט, נאָר ער האָט אַליין צוגעשטעלט די דימיסיע. דער גרויסער מיליטער־שעף האָט נישט געוואָלט אַרויסטרעטן קעגן זיין אַמאָליקן חבר און איצטיקן מלוכה־שעף, אָבער דער עולם האָט געשטורעמט, אַז ס׳וועט נישט דערלאָזט ווערן די באַזייטיקונג פון סאַן מאַרטינען.

דער קאַבילדאָ האָט געבעטן סאַן מאַרטינען צו פאַרלאָזן די זיצונג, וויל עס דאַרף באַהאַנדלט ווערן זיינער אַן ענין, און נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז באַשטימט געוואָרן צו שיקן אַ דעפּוטאַט קיין בוענאָס איירעס און אויפקלערן די לאַגע, אַז די באַפעלקערונג איז קעגן יעדער ענדערונג אינעם גובערנאַטאָר־אַמט. דאָס האָט געווירקט און פּערדיעל האָט זיך געמוזט אומקערן קיין בוענאָס איירעס.

דריי חדשים שפּעטער איז געפאַלן די רעגירונג פון אַלוועאַר. דעם 3־טן אַפּריל 1815 האָט דער קאַבילדאָ אין בוענאָס איירעס זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער דיקטאַטור פון אַלוועאַר, און דעם 15־טן אַפּריל האָט אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד קעגן אַלוועאַר און קעגן דער קאָנסטיטואַנטע פאַרזאַמלונג. אַלוועאַר האָט פאַרלאָזט די רעגירונג און אַוועק מיט אַן ענגלישער שיף קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ.

סאַן מאַרטין פאַרלאָזט דעם גובערנאַטאָר־פּאָסטן

די כסדרדיקע אָנשטרענגונגען אַלס מלוכהמאַן און מיליטער־שעף האָט ווידעראַמאָל געבראַכן דעם געזונטצושטאַנד פון סאַן מאַרטין. ער האָט זיך צו־געוואוינט אויפצושטיין גאַנץ פרי און אַרבעטן ביז מיטיק. דעם מיטיק־מאָלצייט וואָס איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון פוטשעראָ, היימישער צושפּייז, צוויי גלעזער ווין און אַ שוואַרצע קאַווע, האָט ער געכאַפּט איילנדיק. דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ שוואַרצן ציגאַר און געכאַפּט אַ דרימל אַף אַ לעדערנער קאַטרע. אויפגעשטאַנען, איז ער ווידער אַוועק צו דער אַרבעט, געשמועסט, געשריבן, געגעבן באַפעלן, באַזאָרגט וואָפן און זיך אינטערעסירט מיט אַלערליי מלוכה־ענינים ביז אָונט. נאָך דער וועטשערע פלעגט ער אָפט שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך און דערנאָך געגאַנגען שלאָפן. דורך די אַלערליי זאָרגן און דורך דער גרויסער מידקייט האָט ער אָבער נישט געקאָנט אַזוי גיך איינשלאָפן.

די פּראָווינץ קוזשאָ איז געווען אַן אָרעמע און אָן אינדוסטריע און עס איז שווער געווען צו באַקומען די נויטיקע הכנסה אַף אַלעס, דערצו נאָך צוגרייטן די אַרמיי פאַרן נייעם באַפרייאונגס מאַרש. קיין חידוש נישט, וואָס ער האָט

געליטן פון שלאָפלאָזיקייט. ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון מאָגן‑קראַמפּן און דאָס גאַנצע געזונט איז אים געבראָכן געוואָרן. אַף צו שטילן די ווייטיקן האָט ער אָנגעהויבן נוצן אָפּיום, צעלאָזנדיק די אַנאַסטעסיע אין וואַסער.

אין יאַנואַר 1816 האָט ער ווידעראַמאָל געשפּיגן מיט בלוט. עס האָט זיך ווידערהאָלט דאָס וואָס ער האָט געהאַט מיט צוויי יאָר צוריק אין טוקומאַן, און ער האָט געמוזט ליגן צו בעט. קנאַפּע דריי וואָכן (ניינצן טעג) איז ער געלעגן צו בעט, אָפּגעריסן פון יעדער מלוכה־אַרבעט. אין אַ בריוו צו גאָדאָי קרוז, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, האָט ער געשריבן: „עס פעלט מיר צייט, און עס פעלט געלט; געזונט צושטאַנד שלעכט, אָבער אָט אַזוי וועלן מיר שוין ציען ביזן גרויסן שטורעם". אין אַ צווייטן בריוו האָט ער געשריבן: „איך ווייס נישט וואו עס איז מיין קאָפּ, כ'בין ארומגערינגלט פון נויט און כ'האָב נישט פאַרן מיליטער קיין קוואַרטירל אַפילו אַף קומענדיקן חודש. אויב איך וועל פון דעם מיך ארויסדרייען, וועל איך אָנהויבן שאַנעווען מיין טרויעריק געזונט, ווייל דאָס איז אומדערטרעגלעך פאַר אַ קראַנקן". זיין גייסט איז געווען שטאַרק, זיין קאָפּ פול מיט פּלענער, נאָר זיין קערפּער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אין זעלבן יאָר האָט דער קאַבילדאָ פון מענדאָסאַ געוואָלט העכערן זיין ראַנג, אָבער סאַן מאַרטין האָט פּראָטעסטירט: „די שונאים וועלן מיינען, אַז דאָס האָב איך אַזוי געראָטן". דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אין 1815, ווען דער דירעקטאָריום אונטערן פּאָרזיץ פון אַלוועאַר האָט באַשטימט צו העכערן זיין ראַנג אַף בריגאַדע גענעראַל. סאַן מאַרטין האָט דאַרויף געענטפערט, אַז ער וועט נישט אָננעמען קיין שום העכערונג: „ווען שפּאַניע וועט באַזיגט ווערן — האָט ער געשריבן אין זיין ענטפער דעם דירעקטאָריום — וועל איך פאַרלאָזן דעם דינסט און מיך צוריקציען טראָץ מיינע קראַנקע טעג אין דער איינזאַמקייט". ער האָט אויך זיך אָפּגעזאָגט פונעם פולן לוין וואָס עס איז אים געקומען אַלס קאָראָנעל, נעמענדיק בלויז אַ העלפט, און האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט אין מענדאָסאַ פון אַ העלפט פונעם לוין אַלס גובערנאַטאָר.

זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט באַשטימט אויפצוגעבן זיין שטוב ־ווירטשאַפט און צוריקשיקן זיין פרוי צו אירע עלטערן אין בוענאָס איירעס. ווען ס'איז באַוואוסט געוואָרן די דאָזיקע ידיעה, האָבן זיינע פריינט און אָנגעזעענע שכנים געווירקט אַף אים ער זאָל דאָס נישט טאָן, אויפקלערנדיק אים, אַז דאָס וועט אויסגעטייטשט ווערן, אַז ער האָט מורא פאַר אַ אינוואַזיע פון די שפּאַניער דורך טשילע. דער קאַבילדאָ האָט באַשטימט צו געבן אים די צווייטע העלפט פונעם לוין, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען, און בכדי די געמיטער זאָלן זיך באַרואיקן, האָט ער געלאָזט בלייבן זיין פרוי רעמעדיאָס אין מענדאָסאַ מיט אים.

דעם 24־טן אויגוסט 1816 האָט אים רעמעדיאָס געבוירן אַ קינד, אַ מיי־

דעלע, וואָס איז געווען די ערשטע און איינציקע טאָכטער סאַן מאַרטינס, און זי האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם לעבן פון איר פאָטער. צו די זיבן טעג איז זי געטויפט געוואָרן מיטן נאָמען מערסעדעס טאָמאַסאַ.

אין יענער צייט האָט סאַן מאַרטין פאַרלאָזט דעם גובערנאַטאָר־אַמט, בכדי צו קאָנען זיך ווידמענען אין גאַנצן דעם מיליטער. גובערנאַטאָר איז געוואָרן לוסוריאַגאַ.

ווען רעמעדיאָס האָט אים געבוירן דאָס מיידעלע, האָט אין סאַן מאַרטינען אויפגעוואַכט די זאָרג פון אַ פאָטער, און ער האָט געוואָלט זיך פאַרזאָרגן מיט עפּעס אַף דער עלטער און לאָזן ירושה זיין קינד. ער האָט זיך דעריבער געווענדט מיט אַ בריוו צו דער רעגירונג פון מענדאָסאַ, אין וועלכן ער האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ: ס׳איז זייער נאַטירלעך אַז אַ מענטש זאָל זיך וועלן פאַרזאָרגן מיט עפּעס אַף דער עלטער, און ער גלויבט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען פאַר אים זיך אָפּצוגעבן מיט ערד־אַרבעט. קיין געלט האָט ער נישט, ווייל פון דעם לוין וואָס איז אים געקומען, פלעגט ער נעמען בלויז אַ העלפט. פאַראַן אין נאָרדן פון רעטאַמאַ גרויסע שטרעקעס נישט־באַאַרבעט לאַנד און עס וואָלט אים געפרייט צו קאָנען באַקומען פופציק קוואַדרעס, אַף צו קאָנען זיי באַאַרבעטן. די ערד צאָלט זיך דאָרט העכסטנס פיר פּעזעס אַ קוואַדרע, וואָס מיינט אין טאָטאַל אַ סומע פון 200 פּעזעס, און דאָס, העלפט אין מזומנים און העלפט אַף אויסצאָלן. „וואָלט איך געהאַט די 200 פּעזעס, וואָלט איך עס באַצאָלט, אָבער האָבנדיק גענומען בלויז אַ העלפט פונעם לוין, האָב איך געלעבט אין גרויס שפּאָרזאַמקייט און נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן דעם מינדסטע צו קאָנען עפּעס קויפן”.

די רעגירונג האָט באַשטימט צו שענקען סאַן מאַרטינען די פופציק קוואַדרעס, וואָס ער האָט געבעטן אין על רעטאַמאַ און אויסער דעם 200 קוואַדרעס פאַר זיין קינד מערסעדעס, וואָס איז נאָרוואָס געבוירן געוואָרן. סאַן מאַרטין האָט אָפּגעזאָגט די מתנה פאַר זיין טאָכטער, און געבעטן אַז די דאָזיקע ערד פון 200 קוואַדרעס זאָלן קאָנען באַנוצט ווערן אַלס באַלוינונג פאַר די אַרמיי־אָפיצירן וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אינעם דינסט פאַרן פאָטערלאַנד נאָכן מאַרש איבער די אַנדן. די רעגירונג האָט איבערגעגעבן דעם ענין דעם פּראָקוראָר אָרטיז, און יענער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז עלטערן האָבן נישט קיין רעכט זיך אַרויסצוזאָגן צום שאָדן פון זייערע מינדעריעריקע קינדער. די רעגירונג האָט דעריבער באַשלאָסן אָנצוהאַלטן די מתנה פאַר מערסעדעס, און עס וועלן צוגעגרייט ווערן אַנדערע צוויי־הונדערט קוואַדרעס פאַר מיליטערישע פּרעמיעס ווי סאַן מאַרטין האָט עס פאָרגעשלאָגן.

אָט אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן סאַן מאַרטינס ערד־באַזיץ אין מענדאָסאַ, פון וועלכן ער האָט אַף דער עלטער געהאַט אַ קליינעם נוצן.

די רעגירונג האָט אויך באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ סאַן מאַרטין מאָנומענט אינעם אויפגייענדיקן שטעטל לאָס באַרריאַלעס, וואָס סאַן מאַרטין האָט געגרינ־

דעט און געהאָלפן צו זיין וואוקס, באַזאָרגנדיק די באַפעלקערונג מיט וואַסער. דער מאָנומענט האָט געדאַרפט זיין אַ פּיראַמיד אויף דער פּלאַסאַ, מיט פּאָלגנדן אויפשריפט אויף דער מערב זייט: „דעם טוגנטהאַפטן העלד, דעם עקסעלענטן הער גענעראַל קאַפּיטאַן פון דער פּראָווינץ, כאָסע דע סאַן מאַרטין, ערשטער גענעראַל־שעף פון דער אַנדן־אַרמיי".

מענדאָסאַ און איר באַפעלקערונג זיינען געבליבן טיף איינגעקריצט אין האַרצן פון סאַן מאַרטינען. ער האָט דעמאָלט, אין 1816 געשריבן פּאַרטרויליך צו זיינעם אַ פריינט: „דער רואיקסטער שלום הערשט אין דער דאָזיקער פּראָווינץ אַדאַנק אירע פרידלעכע און גוטע איינוואוינער". און פּונקט ווי באַם פאָלק איז ער געווען באַליבט באַ זיין אַרמיי. דער גענעראַל כעראָנימאָ עספּעכאָ, וואָס האָט געדינט אין דער אַנדן אַרמיי, האָט אין זיינע מעמואַרן געשריבן וועגן סאַן מאַרטינען: „ער האָט גערופן זיינע אָפיצירן „מיינע יאַטן", מיט ליבע פון אַ פאָטער אָדער לערער, און געווען שטאָלץ מיט זיי. עס האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט באַ אים וואָס זאָל עמיצן באַליידיקן. ער האָט באַזעסן די קונסט צו קאָנען מיט יעדן ריידן אין זיין שפּראַך, און אַלע האָבן געגלייבט בלינד אין אים".

ס'איז געווען אַ גליקלעכע צייט אין לעבן פון סאַן־מאַרטין, און ער האָט געמעגט שטאָלץ זיין מיט זיין מענדאָסאַ, ווייל דאָס פאָלק און רעגירונג פון מענדאָסאַ, האָט באַנייט זיין שטרעבונג צו גיין שלאָגן דעם שונא אין טשילע און דערנאָך אין פּערו, צו זיכערן די רו אין אַרגענטינע. מיט גרויס אייפער האָט ער זיך אָפּגעגעבן זיין אַרמיי.

דער הויפּט־קוואַרטיר פון סאַן מאַרטין מיט זיין הויפּט־לאַגער האָבן זיך געפונען אין פּלומעריזשאָ, אַ לעגווע ווייט פון מענדאָסאַ. דאָרט איז צוגעגאַנגען אַ כסדרדיק מושטירונג, אַן אומאויפהערלעך טרומייטן, באַראַבאַנעווען און שיס־איבונגען. די עקזיצירונג האָט געדויערט געוויינלעך דריי ביז פיר שעה פּאַר מיטיק, און נאָך אַ קורצן איבעררייס פאָרגעזעצט געוואָרן נאָכמיטיק. אויסער מיליטערישע איבונגען האָט יעדער סאָלדאַט געדאַרפט אויך דורכפירן האַנט־אַרבעט, ווי מאַכן שיך, שניידעריי אַרבעט און אַלערליי אַנדערע מלאָכעס. אין די אָוונטן האָט סאַן מאַרטין געגעבן לעקציעס איבער מיליטערישער סטראַטע־גיע און אויסגעאַרבעט פּלענער פאַרן נעקסטן אַרויסמאַרש.

אין אַ בריוו צום העכסטן דירעקטאָר פּועירעדאָן האָט סאַן מאַרטין גע־שריבן דעם 19־טן נאָוועמבער 1816: „איך באַוואונדער וואָס אין אַזאַ שוואַך באַפעלקערטער געגנט, אָן מסחר און אָן גרויסע קאַפּיטאַליסטן, באַם מאַנגל אין האָלץ, פּעלצוואַרג, וואָל און פּי און אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן, און אויך אָן רעגירונגס הילף, איז אימשטאַנד געווען אויפצושטעלן אַ מוסטערהאַפטע אַרמיי פון 3.000 מאַן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן לאַגערס, צוגעגרייט געוואָרן 3.000 פערד, 7.000 מויל־אייזלען און עס איז געטאָן געוואָרן אַלעס אויסצוהאַלטן און באַוואָפענען די אַרמיי".

אינערלעכע רייבונגען און מיליטערישע דורכפאַלן

איידער סאַן מאַרטין האָט אונטערגענומען דעם מאַרש איבער די אַנדן זיינען פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס און אַנדערע ערטער אַלערליי געשעע־נישן פון באַדייטונג.

נאָכן אויפשטאַנד קעגן אַלוועאַר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די „נאָטאַב־לען" דעם 18־טן אַפּריל 1815 און באַשטימט צו פאַרופן די ווילערשאַפט פון שטאָט אויסצוקלויבן אַ פּראָוויזאָרישן העכסטן דירעקטאָר און צו גלייכער צייט צוגרייטן אַ נייעם פאָלקס קאָנגרעס, אָדער קאָנסטיטואַנטע פאַרזאַמלונג. דער קאַבילדאָ האָט צעטיילט די שטאָט אין פיר עלעקטאָרן דיסטריקטן און געפאָ־דערט אַז ס'זאָל דורך שטימצעטלען אויסגעקליבן ווערן צו דריי דעלעגאַטן פון יעדן דיסטריקט. די צוועלף דעלעגאַטן זאָלן אויסקלויבן אַ פּראָוויזאָרישן העכסטן דירעקטאָר. אָפּן צווייטן טאָג נאָכן איבערנעמען די מעלוכע־מאַכט זאָל דער העכסטער דירעקטאָר פאַררופן די פּראָווינצן אויסצוקלויבן דעפּוטאַטן צום נאַ־ציאָנאַלן קאָנגרעס. פינף פון די צוועלף דעלעגאַטן וואָס וועלן האָבן באַקומען די מייסטע צאָל שטימען זאָלן בלייבן אַמטירן אין קאַבילדאָ מיטן טיטל „באָאַ־באַכטונגס ראַט" (כונטאַ דע אָבסערוואַסיאָן).

די דערוויילטע צוועלף דעלעגאַטן האָבן אויסגעקליבן דעם גענעראַל ראָנדאָ, שעף־קאָמענדאַנט פון דער נאָרד־אַרמיי אַלס העכסטן דירעקטאָר, אַזוי ווי אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין מיליטער האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז אַל־וואַרעז טאָמאַס זאָל באַשטימט ווערן אויף דעם פּאָסטן פון העכסטן דירעקטאָר, וויל ער גייט אָן מיט דער צוגרייטונג פון אַ קאַמפּיין אין אַלטאָ פּערו.

אַלוואַרעז טאָמאַס און דער באָאַבאַכטונגס־ראַט האָבן באַלד אָנגעהויבן צוגרייטן די פאַררופונג פונעם קאָנגרעס, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען אין טוקומאַן, ביכדי צו ווייזן, אַז בוענאָס איירעס וויל נישט זיין שטענדיק די אויסדערוויילטע פאַר אַלע פּאָלי־טישע וויכטיקע געשעענישן, אויסער דעם איז טוקומאַן אַ צענטראַלער פּונקט פאַר אַלע פּראָווינצן.

אין דער צייט ווען ס'זיינען אָנגעגאַנגען די צוגרייטונגען צום קאָנגרעס, האָט גענעראַל ראָנדאָ זיך געגרייט צו אַן אָפענסיווע אין נאָרדן. דאָס מיליטער פון ראָנדאָ, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן פון גענעראַל פּאַזאַין זיינע מעמואַרן אַלס די שענסטע און שטאַרקסטע אַרמיי וואָס אַרגענטינע האָט ווען געהאַט ביז דאַמאָלס, האָט אַרויסמאַרשירט פון כוכוי אין דער ריכטונג צו נאָרד און געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס אין געגנט פון פּועסטאָ דעל מאַרקעס. די שפּאַניער, אָנגעפירט פון קאָראָנעל אַליאַניעטאַי האָבן זיך צוריקגעצויגן. עס שיינט אַז דער שפּאַנישער שעף קאָמאַנדאַנט האָט דאָ אויסגעפירט אַ סטראַטעגישן פּלאַן, פאַראָרדנדיק אַ פולשטענדיקן ריקצוג איבער קאָטאַגאַיטע, פּאָטאָסי, טשאַיאַנטאָ

און קאָטשאַבאַמבאַ. ערשט ווען די ארגענטינער אַרמיי האָט דורכגעמאַכט דעם לאַנגן ווייטן וועג האָבן די שפּאַניער אונטערגענומען אַ שלאַכט בײַ סיפּעסיפּע אין דאָרעם פון לאַ פּאַז. דעם 29־טן נאָוועמבער 1815 איז דאָ פאָרגעקומען אַ בלוטיקע שכיטע, און ראָנדאָס אַרמיי, אין באַשטאַנד פון 4.000 מאַן איז פולשטענדיק צעקלאַפּט געוואָרן. ראָנדאָ האָט אונטערגענומען אַן איילִיקן ריקצוג מיטן רעשט געבליבענעם מיליטער ביז כוכוי. בשעת דעמדאָזיקן אומגליקלעכן ריקצוג איז עס געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן גענעראַל ראָנדאָ און מאַרטין גועמעז, ווייל דער לעצטער האָט נישט געוואָלט זיין אונטערוואָרפן דער קאָמאַנדע פון ראָנדאָ. גועמעז מיט זיין גאַוטשאָ אַרמיי איז געווען און געבליבן טריי דער רעגירונג פון בוענאָס איירעס און נישט ווי אַנדערע קאַודיזשאָס געפאָדערט וועלכע הערשער־מאַכט, אָבער אונטער דער קאָמאַנדע פון ראָנדאָ האָט ער נישט געוואָלט זיין מער. ס'איז פאָרגעקומען צווישן זיי אַ שאַרפער צוזאַמענשטויס. אַ טייל פון ראָנדאָס סאָלדאַטן זיינען אריבער צו גועמעזן און ער האָט זיך דערקלערט באַרעכטיקט זיי אויפצונעמען. דערדאָזיקער קאָנפליקט האָט שטאַרק באַאומרואיקט בוענאָס איירעס און אויך סאַן מאַרטינען. צולעצט אָבער האָט ראָנדאָ און גועמעז געשלאָסן שלום און אין סעריזשאָס נעבן סאַלטאַ אונטער־צייכנט אַ פרידנס אָפּמאַך, אין וועלכן זיי האָבן געשוואוירן „אַ פעסטן שלום, אייביקע פריינטשאַפט, פאַרגעסן דאָס געשעענע און אַלגעמיינע אַמנעסטיע".

ווען סאַן מאַרטין איז געוואויר געוואָרן פונעם געשלאָסענעם פרידן צווישן גועמעז און ראָנדאָ האָט ער געלאָזט אָפּפייערן 21 קאַנאָנען־שאָסן. דער דורכגאַנג איבער די אַנדן איז אזוי אַרום געבליבן געזיכערט קעגן אַ שפּאַנישן איבערפאַל אין רוקן.

דער זיג אין סיפּעסיפּע איז אין שפּאַניע באַגריסט געוואָרן מיט גרויס פרייד און דער מיליטער־שעף פּעסועלאַ איז באַשטימט געוואָרן אַלס וויצע־קעניג אין פּערו. אָבער קיין ווייטערדיקע איניציאַטיווע האָבן די שפּאַניער נישט געקאָנט מאַכן. גועמעז האָט פאַרהאַלטן די פיינטלעכע אַרמיי אין סאַלטאַ, נישט לאָזנדיק זי ווייטער אַוואַנסירן.

דערווייל האָט סאַן מאַרטין פאָרגעזעצט זיין צוגרייטונג צום אַרויסמאַרש איבער די אַנדן. וואָס אים האָט נאָך געפעלט איז די צוזיכערונג פון הילף פון בוענאָס איירעס.

צוזאַמענרייד מיט פּועירעדאָן

דער קאָנגרעס אין טוקומאַן, יענער באַרימטער קאָנגרעס וואָס האָט פּראָק־לאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון דער רעפּובליק, איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם 24־טן מערץ 1816, און אין דער צייט ווען מען איז אין טוקומאַן אָנגעגאַנגען

מיט די דיסקוסיעס וועגן דער קאָנסטיטוציע איז אין בוענאָס איירעס אָראָפּגעזעצט געוואָרן אַלוואַרעז טאָמאַס פֿונעם אַמט אַלס העכסטער דירעקטאָר. דעם 13־טן אַפּריל האָט אַלוואַרעז טאָמאַס דימיטירט און מיט צוויי טעג שפּעטער איז באַשטימט געוואָרן גענעראַל אַנטאָניאָ באַלקאַרסאַ אַלס נייער מלוכה־שעף. דער קאָנגרעס אין טוקומאַן איז געווען קעגן אַזעלכע האַנדלונגען פֿון בוענאָס איירעס, און האָט באַשטימט אַלס נייעם העכסטן דירעקטאָר כואַן מאַרטין פּועירעדאָן, לאָזנדיק באַלקאַרסע אַף דעם פּאָסטן בלויז ביזן קומען פֿון פּועירעדאָן, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין נאָרדן.

מאַרטין דע פּועירעדאָן האָט אין יוני 1816 געהאַט אַ צוזאַמענטרעף מיטן גובערנאַטאָר פֿון סאַלטאַ, קאָראָנעל מאַרטין גועמעז, וועגן אַ קאָמבינירטער אַקציע, צו פֿאַרטיידיקן די גרענעצן פֿון סאַלטאַ און כוכוי. פֿון דאָרט איז ער געפֿאָרן קיין טוקומאַן און בייגעווען די פּראָקלאַמירונג פֿון דער אומאָפּהענגיקייט. באַלד אַפֿן צווייטן טאָג (דעם 10טן יולי), איז ער געפֿאָרן קיין בוענאָס איירעס. ער האָט אָבער אונטערוועגס זיך אָפּגעשטעלט אין קאָרדאָבאַ, צו האָבן אַ קאָנפֿערענץ מיט סאַן מאַרטינען און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פֿון נייע קריגס־אָפּעראַציעס קעגן די שפּאַניער. טאָמאַס גידאָ, וועלכער איז געווען אָפּיציאַל מאַיאָר אין קריגס־מיניסטעריום האָט געהאַט אויסגעאַרבעט צוריק מיט צוויי חדשים (מאַי) אַ מעמאָראַנדום וועגן מאַרש איבער די אַנדן־בערג, און דאָרט זיינען געווען עקספּאָנירט סאַן מאַרטינס פּלענער. די קאָנפֿערענץ אין קאָרדאָבאַ איז פֿאָרגעקומען אין די טעג פֿון 15־טן און 16־טן יולי און בײַ דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ זיינען אָנגענומען געוואָרן סאַן מאַרטינס פּלענער און באַדינגונגען.

סאַן מאַרטין האָט שוין געהאַט מיט אַ צייט צוריק אָנגעוויזן, אַז דורכן נאָרדן (אַלטאַ פּערו) וועט גאָרנישט דערגרייכט ווערן, און אַז דאָרט קאָן געפֿירט ווערן בלויז אַ דעפֿענסיווער קאַמף. זיין פּלאַן איז דעריבער צו גיין מיט אַ גוט־באַוואָפֿנטער און דיסציפּלינירטער אַרמיי דורך די אַנדן קיין טשילע און אומאָפּהענגיק מאַכן דאָס לאַנד; שאַפֿן אַ פֿלאָט באַם פּאַסיפֿיק און אָרגאַניזירן אַן אַרגענטינער טשילענישע אַרמיי, דורכפֿירן אַ דעסאַנט אַפֿן פּערואַנער ברעג און מאַרשירן אַף לימאַ.

דער גרויסער באַפֿרייער האָט אויך באַוויזן ווירקלעך וואונדער אין מענדאָסאַ. אין יענער צייט האָט מענדאָסאַ געציילט אַרום 2.500 איינוואוינער און אין דער גאַנצער קוזשאַ פּראָווינץ 50.000, און בײַ אַט דער קליינער צאָל אַרטיקע איינוואוינער האָט סאַן מאַרטין געשאַפֿן אַ מוסטערהאַפֿטע קאַמפּס־אַרמיי.

פּועירעדאָן, ווי באַוואוסט, איז געהאַט באַזייטיקט געוואָרן פֿון דער רעגירונג דורך דער רעוואָלוציע פֿון 1812, וואו עס האָט זיך באַטייליקט סאַן מאַרטין און אַלוועאַר, און דאָס האָט זיי געשיידט. דאָך איז דער צוטרוי צו

אַנאַנדער געבליבן. פון טוקומאַן האָט פּועירערדאָן געשריבן אַ בריוו צו סאַן מאַרטינען, פאַר זייער צוזאַמענטרעף אין קאָרדאָבאַ, אַנרופנדיק אים „מיין טייערער פריינט", און בא דער קאָנפערענץ אין קאָרדאָבאַ האָט פּועירערדאָן אַלס נייער מלוכה־שעף פאַרשפּראָכן די פולסטע שטיצע סאַן מאַרטינען, אַז ער זאָל קאָנען אונטערנעמען דעם געפּלאַנטן מאַרש קיין טשילע. ביז פּועירערדאָן איז געקומען צו דער מאַכט האָט די רעגירונג פון בוענאָס איירעס מיטגע־שטייערט בלויז מיט פינף טויזנט פעזעס מאָנאַטלעך, אָבער פּועירערדאָן האָט פאַרשפּראָכן אַ רעגירונגס שטיצע פון 8.000 פעזעס מאָנאַטלעך. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז גענעראַל סאַלער זאָל זיין שעף פונעם הויפּט־שטאַב.

די הילף פון בוענאָס איירעס איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק אַ קליינע, אָבער סאַן מאַרטין האָט באַקומען די פולסטע שטיצע פונעם אַרטיקן פאָלק פון קוזשאָ, אַ דאַנק דעם איז צוניש געוואָרן דער פּלאַן פון נייעם וויצע־קעניג פון פּערו.

דער פּלאַן פון די שפּאַניער איז געווען צו גיין איבער סאַלטאַ און טוקומאַן קיין קאָרדאָבאַ, דערנאָך זיך וואַרפן אַף מענדאָסאַ און נאָכן זיג איבער סאַן מאַרטינען, צו וועלכן עס וואָלט אויך באַדאַרפט העלפן דאָס מיליטער פון טשילע, זיך לאָזן איבער סאַנטאַ פע אַף בוענאָס איירעס.

די פעסטקייט פון גועמעז מיט זיין גאַוטשאָ אַרמיי אין סאַלטאַ און דער מאַרש פון סאַן מאַרטין איבער די אַנדן האָט צו נישט געמאַכט די שפּאַנישע פּלענער, און עס איז געזיכערט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון דער רעפּובליק.

לעצטע צוגרייטונגען צום מאַרש איבער די קאָרדיליערן

אַ צייט פון זעקס חדשים האָט דער העכסטער דירעקטאָר פּועירערדאָן דערפולט זיין פאַרשפּרעכן אין קאָרדאָבאַ און געשיקט פון בוענאָס איירעס יעדע הילף סאַן מאַרטינען טראָץ דער אַרגענטינער אָרעמקייט. אין נאָוועמבער 1816 האָט פּועירערדאָן געשיקט די לעצטע בייסטייערונג, און אין גוטמוטיקן טאָן האָט ער אים געלאָזט וויסן, אַז עס האָבן זיך געענדיקט די מיטלען וואָס האָבן געדויערט אַ האַלב יאָר. דערביי האָט דער העכסטער דירעקטאָר געשריבן: „חוץ די 4.000 פּראַסאַדעס וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון קאָרדאָבאַ גייען איצט 500 פּאָנטשאָס (לייכטע שאַלן), די איינציגע וואָס כ'האָב געקאָנט באַקומען. עס גייט אַן אַנערקענונגס אויסדרוק די קאַבילדאָס פון מענדאָסאַ און די אַנדערע שטעט פון קוזשאָ. עס גייען די געבעטענע מלבושים און אַ סך העמדער. אויב עס זאָלן צופעליק פעלן אין קאָרדאָבאַ פּראַסאַדעס (וואָלענע בעטדעקן), קאָנט איר בעטן בא די שכנים אין אייער שטאָט און אין סאַן כואַן צו שענקען פּראַ־סאַדעס, פּאָנטשאָס אָדער אַלטע מענטל. נישטאָ אַ הויז וואו מען זאָל נישט

קאָנען עפּעס אָפּרייסן אַף אַוועקצוגעבן. עס גייען אָפּ מיט דער פּאָסט אין אַ קעסטל די איינציקע צוויי קלאַרנעטן וואָס זיינען געפינען געוואָרן". אין אַן אַנדערן בריוו גיט אַן פּועירעדאָן, אַז עס ווערן געשיקט 2.000 שווערדן וואָס סאַן מאַרטין האָט געבעטן, עס ווערן געשיקט 200 געצעלטן און מער זיינען נישטאָ. עס גייט די וועלט — האָט ער געשריבן אין שפּאַס — און עס גייט דער טייפל.. עס גייט דאָס פלייש. און איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וועל מיך אַרויסדרייען פון דער נעץ חובות. און איר זאָלט מיך נישט בעטן מער אויב איר ווילט נישט באַקומען אַ ידיעה אַז אין אַ פרימאָרגן האָב איך זיך געהאַנגען אַף אַ באַלקן פון דער פעסטונג (רעגירונגס הויז).

אין אמתן האָט זיך די רעגירונג פון בוענאָס איירעס געפינען פינאַנציעל שטאַרק געדריקט. עס איז איר נישט מעגלעך געווען צו שיקן די מיטלען וואָס בעלגראַנאָ האָט געבעטן פאַר זיין אַרמיי אין טוקומאַן, און נישט געקאָנט נאָכ־קומען די ביטעס פון גועמעז אין סאַלטאַ פאַר זיינע גאַוטשאָס. עס האָט געפעלט וואָפן און אַמוניציע צו פאַרשטאַרקן די באַוואָפנטע כוחות אין באַנדאַ אָריענטאַל. עס האָבן אויך געבעטן די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער אין בראַזיל, ענגלאַנד און פראַנקרייך צו שיקן זיי אַף הוצאות, און די הכנסה איז געווען פאַרהעלט־ניסמעסיק קליין. דאָך, טראָץ אַלע זאָרגן האָט די רעגירונג מיט פּועירעדאָן אין דער שפּיץ, געזען נאָכצוקומען אַף וויפל עס האָט זיך געלאָזט סאַן מאַרטינס פאָדערונגען. בוענאָס איירעס האָט געלייגט גרויס האָפענונגען אַף סאַן מאַרטינס קאַמפּיין.

⁂

די אַנדן אַרמיי האָט אין אָנהויב געהאַט בלויז 180 מאַן פונעם 11־טן באַטאַליאָן, שלעכט דיסציפּלינירטע. אַכט חדשים פאַרן אַרויסמאַרש פון דער עקספּעדיציע האָט די רעגירונג צוגעשיקט דעם באַטאַליאָן נומער 7 אין באַ־שטאַנד פון 450 מאַן און 220 רייטער־גראַנאַדירן. דער רעשט פון דער אַרמיי איז רעקרוטירט געוואָרן אין מענדאָסאַ. אין אָנהויב 1817, אינעם מאָמענט פון דעם אַרויסמאַרש, איז די אַרמיי פון סאַן מאַרטין באַשטאַנען פון 5.000 מאַן, קוים עפּעס ווינציקער פון דעם שפּאַנישן מיליטער מיט וועמען מען האָט געדאַרפט קעמפן. דער הויפּט־קוואַרטיר פון סאַן מאַרטין אין פּלומעריזשאַ, איז געווען ווי אַ בינשטאָק אין שטענדיקער באַוועגונג ערב דעם אַרויסמאַרש.

ווי אַזוי סאַן מאַרטין האָט געווירקט מיט זיין וואָרט באַם שאַפן זיין אַרמיי קאָן דינען פאָלגנדער ביישפּיל. ער האָט איין מאָל אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמע, אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט: „איך האָב 130 שווערדן שטילשטייענדיקע אינעם גאַרניזאָן פון די רייטער־גראַנאַדירן איבערן פעלן פון בראַווע הענט וואָס זאָלן זיי צונעמען. דער וואָס האָט ליב דאָס פאָטערלאַנד און דעם כבוד,

זאָל קומען זיי נעמען". עס האָבן זיך באַלד געמאָלדן 130 פרייוויליקע צו פאַרנעמען די פּאָסטנס, איבערלאָזנדיק אין די ראַנטשעס אין נויט און אין אָרעמקייט זייערע פאַמיליעס, און זיך געלאָזט דערנאָך אין מאַרש איבער טשילע ביז פּערו.

סאַן מאַרטין האָט צווישן זיינע 5.000 מאַן געהאַט יונגעלייט פון אַלערליי פּראָווינצן און אויך טשילענער. צווישן זיינע מענטשן האָט זיך געפונען פראַי לואיס בעלטראַן, אַ געבוירענער אין מענדאָסאַ און געוועזענער גייסטלעכער אין דער טשילענער אַרמיי. אין 1816 האָט ער אָוועקגעלייגט די גלחישע קליי־דער און זיך אָפּגעגעבן אין סאַן מאַרטינס קוואַרטיר מיט וואַרשטאַט אַרבעט. ער האָט געשמידט שווערדן, געמאַכט באַיאָנעטן, איבערגעגאָסן קירכן־גלעקער אויף קאַנאָנען. ער האָט געמאַכט הענג־בריקן און אַלערליי אַנדערע קריגס עקיפּן. חדשים לאַנג האָט ער מיט זיינע געהילפן געקלאַפּט מיט די האַמערס אויף דער קאָוואַדלע. שפּעטער איז פראַי לואיס בעלטראַן געוועזן קאָראָנעל און אָנגעפירט אַ מיליטער־טייל איבער די אַנדן. אַ צווייטער וויכטיקער מיטאַרבעטער אין סאַן מאַרטינס לאַגער איז געוועזן דער מאַיאָר כאָסע אַנטאָניאָ אַלוואַרעז קאָנ־דאַרקאַ, אַ טוקומאַנער. ער האָט געקאָנט אַביסל אינזשענעריע, און האָט פאַברי־צירט פּולווער, באַנוצנדיק דערצו די סאַליטרע פון יענעם געגנט. די דאָקטוירים דיעגאָ פּאַראָססיען, אַן ענגלענדער, און סאַפּאַטאַ, אַ פּערואַנער, זיינען געווען די מעדיקער אין לאַגער. עס זיינען געווען אייניקע שוסטערס, שניידערס און פון אַלע פאַכן.

וועגן דערמאָנטן אַלוואַרעז קאָנדאַרקאַ ווערט איבערגעגעבן פאָלגענדער עפּיזאָד. קאָנדאַרקאַ האָט געהאַט זייער אַ גוטן זכרון. קורץ פאַרן אַרויסמאַרש האָט סאַן מאַרטין אין איינעם אַ טאָג געזאָגט צו קאָנדאַרקאַ:

— מאַיאָר. איך וויל אייך אָנפאַרטרויען אַ זייער דעליקאַטע דיפּלאָמאַ־טישע מיסיע קיין טשילע, צום פּרעזידענט מאַרקאָ דעל פּאָנט.

— מיר, גענעראַל?

— יאָ. אָבער די וויכטיקסטע מיסיע איז, אַז איר זאָלט מיר גוט דורכ־שטודירן די וועגן דורך לאָס פּאַטאָס און אוספּאַליאַטע און זאָלט אין קאָפּ אויפצייכענען אַ פּלאַן פון ביידע, נישט פאַרגעסנדיק קיין איין שטיינדל.

אַלוואַרעז קאָנדאַרקאַ האָט געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף זיין שעף, אָבער געשוויגן. ער האָט זיין מיסיע אויסגעפירט פולשטענדיק. אַזוי אַרום האָט סאַן מאַרטין געהאַט אויף אַ לייכטן וועג אַ פּולן באַריכט וועגן די צוויי דורכגענג.

„וואָס עס לאָזט מיך נישט שלאָפן — האָט סאַן מאַרטין אין איין טאָג זיך אויסגעדריקט — איז נישט דער ווידערשטאַנד וואָס די שונאים קאָנען מיר שטעלן, נאָר דאָס אַריבערשפּאַנען די דאָזיקע מעכטיקע בערג", ווייזנדיק אויף די פאַרשנייטע שפּיצן פון די אַנדן, וואָס מען האָט געזען אין מענדאָסאַ. די קאָרדיליערן פון די אַנדן, אייביק באַדעקטע מיט שניי, גרייכנדיק ערטערווייז

ביז 6.800 מעטער די הויך, זיינען געשטאַנען ווי אַ מעכטיקע מויער, שווער צו אַריבערגיין. אין די זאַמדיקע וויסטעניש, ...

ביז 6.800 מעטער די הויך, זיינען געשטאַנען ווי אַ מעכטיקע מויער, שווער אַרויפצוקלעטערן, און בלויז דורך גאַנץ שמאָלע דורכגענג איז פאַראַנען אַ וועג. און ווי שווער עס איז דאָס אַרויפקלעטערן, אַזוי שווער איז דאָס אַראָפּלאָזן זיך אויף דער אַנדערער זייט, וואו עס שטייט צוגעגרייט דער שונא.

מען האָט געמוזט דאַריבער זיין גוט צוגעגרייט נישט בלויז מיליטעריש, נאָר אויך אין קענטעניש פון די וועגן, און דאָס האָט געזאָלט איצט דער מאַיאָר אַלווארעז קאָנדאַרקאָ אויספירן, זיך דורכשניידן איבער אוספּאַליאַטאַ און לאָס פּאַטאָס, אַ וועג הין און צוריק, און קומען ביז סאַנטיאַגאָ און איבערגעבן דעם פּרעזידענט מאַרקאָ אַ צעטל פון סאַן מאַרטינען. אין דאָזיקן צעטל האָט זיך געזאָגט, אַז סאַן מאַרטין, אַלס גובערנאַטאָר פון קוזשאָ, לאָזט אים וויסן, אַז די פּראָווינצן פון לאַ פּלאַטאַ האָבן פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט. מאַרקאָ האָט איבערגעלייענט די נאָטע און זי געלאָזט פאַרברענען עפנטלעך אויף דער פּלאַסאַ. ער האָט געשיקט אַן ענטפער סאַן מאַרטינען און זיך דערביי אויסגעדריקט פאַרן שליח: „איך שרייב אונטער מיט אַ ווייסער האַנט, נישט ווי סאַן מאַרטין, וועלכער האָט אַ שוואַרצע". מיינענדיק די ברוינהויטיקייט פונעם אַרגענטינער מיליטער־שעף.

קאָנדאַרקאָ האָט אויף דער פאַראָרדענונג פון מאַרקאָ געמוזט תיכף פאַרלאָזן טשילע. ער האָט זיך אומגעקערט קיין מענדאָסאַ און איבערגעגעבן דעם ענטפער סאַן מאַרטינען. שפּעטער נאָכן זיג אין טשאַקאַבוקאָ איז די מעשה מיט דער ווייסער און טונקעלער האַנט איבערגעגעכאַזערט געוואָרן.

איןביידע זייטן האָבן געאַרבעט שפּיאָנען. סאַן מאַרטין פון מענדאָסאַ אויס און די שפּאַניער פון טשילע האָבן אָנגעפירט אַ גרויסן שפּיאָנאַזש, באַנוצנדיק זיך דערביי אין אַ גרויסער מאָס מיט דער אינדיאַנער באַפעלקערונג. עס זיינען אויך אין ביידע זייטן באַנוצט געוואָרן די גלחים אין דער פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט. די גלחים אין טשילע, אין דינסט פון דער שפּאַנישער קרוין און פון פּרעזידענט מאַרקאָ האָבן געהאַלטן אין זייערע קירכעס העצע־רעדעס קעגן די פּאַטריאָטן פון קוזשאָ, באַצייכענענדיק זיי אַלס פאַרדאַמטע קעצער, שליחים פון טייפל, אויסוואורפן פון גהינום, בלוט דורשטיקע פאַרשוינען, רויבער און מערדער. איינער אַ גלח סאַפּאַטאַ האָט געזאָגט אַז מען טאָר נישט רופן דעם אַרגענטינער קריגס־העצער סאַן מאַרטין, ווייל ער איז נישט קיין הייליקער, נאָר פּשוט מאַרטין, ווי עס האָט געהייסן יענער דייטשער קעצער לוטער, ווייל ער איז אויך נישט מער ווי אַ קעצער.

אין דער גרויסער קוזשאָ פּראָווינץ, איינשליסלעך מענדאָסאַ, זיינען אויך געווען געוויסע גלחים אָנהענגער פון דער שפּאַנישער קרוין און קעגנער פון דער רעוואָלוציע און סאַן מאַרטין האָט געוואָרנט די דאָזיקע גלחים, נישט צו שטעלן זיך קעגן דער רעוואָלוציע און קעגן דער רעגירונג פון בוענאָס איירעס. דעם 13־טן מאַי 1815 האָט סאַן מאַרטין אין אַ פּאַסטאַראַל אויפגעפאָדערט די

העכערע און נידעריקערע גייסטלעכע צו פּרעדיקן די פרייהייט פון אַמעריקע און די איינשטעלונג פון ליבעראַלע רעזשימען, און עס זאָל רעספּעקטירט ווערן די איינגעשטעלטע רעגירונג. ער האָט געוואָרנט די וואָס וועלן נישט אויספאָלגן דעם באַפעל און נישט נאָכקומען די הייליקע פליכט, שווער צו באַשטראָפן. דעם 5־טן יולי פון זעלבן יאָר האָט סאַן מאַרטין געלאָזט וויסן דעם גוואַרדיאַן פון דער סאַן פראַנציסקאָ קירכע אין מענדאָסאַ, אַז די גלחים אַגוסטין מוניאָז, מיגעל דעל סאַר, פראַנציסקאָ יאַרעס און כאָאַקין קראַאָ, זיינען „קעגן דער הייליקער זאַך פון אונדזער פּאָליטישער פרייהייט" און „בלייבן אָפּגעשטעלט פונעם רעכט צו פּרעדיקן און מתוודה זיין און דאַרפן בלייבן פאַרשפּאַרט אין קלויסטער ביז אַ נייער פאַראָרדענונג". צו גלייכער צייט האָט זיך געזאָגט אין אַ ווענדונג צום פּריאָר: „די רעגירונג, איבערצייגט אין אייער הויכן פּאַטריאָטיזם, צווייפלט נישט אין פּינקטלעכער אויספירונג פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג". — אונטער־צייכנט סאַן מאַרטין.

אָט אַזוי האָט דער קאַטוילישער סאַן מאַרטין געהאַנדלט צייטנווייז שאַרף קעגן געוויסע גייסטלעכע, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער באַפרייאונג פון אַמעריקע און זיין געבורטסלאַנד אַרגענטינע.

V

דער אַרויסמאַרש צו די אַנדן

איידער סאַן מאַרטין האָט אונטערגענומען דעם אַרויסמאַרש צו די אַנדן האָט ער אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנער קאַמף קעגן די שפּאַניער אַפּן אויפן ווי גועמעז מיט זיינע גאַוטשן האָבן עס געטון אין נאָרדן. צווישן די פּאַרטיזאַנער גרופּעס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די פון מאַנועל ראָדריגעז. די פּאַר־טיזאַנער האָבן נישט געלאָזט אַ טאָג רו די רעאַליסטן.

סוף 1816 זיינען געקומען קיין מענדאָסאַ מערערע קאַציקן און געבראַכט באַריכטן פּאַר סאַן מאַרטין. ער האָט די אינדיאַנער־שעפן אויפגענומען אינעם לאַגער אין פּלומעריזשאַ און זיך געזעצט צוזאַמען מיט זיי אַף דער ערד און פאַרפירט אַ שמועס אין זייער גוואַכאַרדאָ שפּראַך.

— איך האָב אייך פאַרופן, האָט סאַן מאַרטין געזאָגט, — אַף צו לאָזן אייך וויסן אַז די שפּאַניער ווילן אַריבער מיט זייער אַרמיי פון טשילע, אַף אויסצוהרגענען די אינדיאַנער מענער און פאַרנעמען זייערע פרויען און קינדער. נעמענדיק דאָס אין אַכט, און אַזוי ווי איך בין אויך אַן א י נ ד י אַ נ ע ר וויל איך אַ סוף מאַכן צו די וואָס האָבן באַ אייך צוגערויבט די ערד פון אייערע עלטערן, און צוליב דעם וועל איך אַריבערגיין מיט מיין אַרמיי און מיט אַט די קאַנאָנען איבער די אַנדן".

אין יענעם מאָמענט האָט דאָס מיליטער געמאַכט מאַנעוורעס און פולסטן טעמפּאָ, זאָגט מאַנועל אָלאַסאַבאַל, וועלכער איז בייגעווען דעם מאָמענט פון סאַן מאַרטינס שמועס מיט די קאַציקן, און געהערט ווי דער גרויסער שעף זאָגט „איך בין אויך אַן אינדיאַנער".

דערנאָך האָט סאַן מאַרטין געמאַכט אַ טריק. פאַרשטייענדיק אַז ער קאָן נישט שטאַרק זיכער זיין מיט זייער אָפּהיטן אַ סעקרעט, האָט ער דערקלערט, אַז ער וויל גיין איבער די אַנדן אין דער זידלעכער זייט, און ער וויל בעטן באַ זיי דערלויבעניש, ווייל זיי זיינען דאָך די באַלעבאַטים איבערן לאַנד. דאָס איז געווען אַ שפּיצל אַף אָפּצונאַרן מאַרקאָ (דעם פּרעזידענט פון טשילע) צו צע־טיילן זיין מיליטער און אָפּשוואַכן דעם ווידערשטאַנד אין דער מענדאָסער זייט, און דאָס האָט ער אויך דערגרייכט.

די קאַציקן האָבן אויסגעבראָכן מיט אָוואַציעס פאַר זייער נייעם אינדיער

סאַן מאַרטין, האָבן אים אומאַרמט און געשוואוירן צו שטאַרבן פאַר אים.

אָט אזוי האָט סאַן מאַרטין צוגעגרייט אַלעס: אַ גוט דיסציפּלינירטע אַרמיי, אַ געזיכערט הינטערלאַנד און אַ געהעריקן שפּיאָנאַזש דינסט, וואָס שפּילט אַ גרויסן ראָל אין קריגס קאַמפּיינען. עס זיינען געשטאַנען צו דינסט פון זיין אַרמיי אַלע מענער, פרויען און קינדער; סוחרים, אַרבעטער און גלחים.

די אַנדן עקספּעדיציע איז באַשטאַנען אין מאָמענט פון אַרויסמאַרש פון 10.000 מויל־אייזלען געלאָדענע מיט וואָפן, מוניציע און פּראָוויאַנט, און אויך אַ טייל צום רייטן; 1.600 קאַמפּס פערד און 600 בהמות צום שעכטן און עסן אונטערוועגס.

די 5.200 מאַן וואָס זיינען מיט סאַן מאַרטינען אריבער די אַנדן, און סאַן מאַרטין גופא האָבן געריטן אַף מויל־אייזלען. און דער רעשט מויל־אייזלען האָבן אַף זייערע רוקנס געטראָגן 9.000 ביקסן־קוילן, 2.000 קאַנאָנען־קוילן, 2.000 מעטראַליע־קוילן און 600 גראַנאַטן. זיי האָבן אויך געטראָגן אַלערליי לעבנסמיטלען און געטראַנקען אַף אַ צייט פון צוויי וואָכן, וואָס עס האָט געדאַרפט דויערן ביזן קומען צום טאָל פון טשאַקאַבוקאָ. עס איז מיטגענומען געוואָרן גאַליעטן, קעז, וויין, בראָנפן, מאַיס־מעל און אַנדערע לעבנסמיטל־זאַכן און אויך אַ באָטעקין. עס איז מיטגענומען געוואָרן פוראַזש פאַר די בהמות און אפילו האָלץ צום ברענען. צו באַקעמפן די קעלט, קאָפּשווינדל אָדער בלוטונג אין דער הויך, איז מיטגענומען געוואָרן אַ סאַך ציבעלע און קנאָבל פאַר דער מאַנשאַפט.

סאַן מאַרטין, דער אינטענדענט־גובערנאַטאָר פון קוזשאָ, איז געווען עפּעס מער ווי גובערנאַטאָר. ער איז געווען דער ליבלינג און העלד, און דאָס גאַנצע פאָלק פון דער פּראָווינץ האָט מיטגעשטייערט מיט וואָס נאָר מען האָט געקאָנט. די מענדאָסער אריסטאָקראַטישע דאַמען האָבן געבראַכט זייער צירונג און עס געגעבן פאַר דער בפרייאונגס־אַרמיי. אַנדערע האָבן געגעבן עופות, בהמות, אַלערליי לאַנד־פּראָדוקטן, קליידונג און וואָס נאָר עמיצער האָט געקאָנט.

אָנהויב 1817 האָט די באַפרייאונגס־אַרמיי זיך אָנגעהויבן גרייטן צום מאַרש. די עקספּעדיציע איז באַשטאַנען, ווי געזאָגט פון 5.200 קאַמפּס־מענער, פון זיי 4.000 סאָלדאַטן און 1.200 מיליציאָנערן, זיך טיילנדיק אַף אינפאַנטע־ריע, אַרטילעריע און קאַוואַלעריע. די אינפאַנטעריע, 3.000 מאַן, איז אָנגעפירט געוואָרן פון לאַס העראַס, אַלוואַראַדאָ, קראַמער און קאָנדאָ. די 700 רייטער־גראַנאַדירן זיינען געווען איינגעטיילט אין פינף סקוואַדראָנען און אָנגעפירט געוואָרן פון סאַפּיאָלאַ, עסקאַלאַדאַ (סאַן מאַרטינס שוואָגער), נעקאָטשעאַ, מעליאַן און ראַמאַליאַ. די אַרטילעריע איז באַשטאַנען פון 250 אַרטילעריסטן מיט צען מיטלמעסיקע קאַנאָנען, צוויי אבוסן און ניין פעלד־קאַנאָנען, אָנגעפירט פון גענעראַל פּלאַסאַ.

די אַרמיי איז געווען איינגעטיילט אין דריי קאָרפּוסן און יעדער פון זיי האָט באַדאַרפט אָנפירן זעלבסטשטענדיק דעם קאַמף, לויטן איינזען און באַ־

שטימונג פונעם אייגענעם קליינעם הויפּטשטאַב. יעדער קאָרפּוס האָט געהאַט זיינע וועגווייזערס, אַ כירורג מיט אַלערליי נויטיקע עלעמענטן, אייגענע מוניציע רעזערוון און לעבנסמיטלען.

דער פּלאַן פונעם מאַרש איז געווען דער, אַז צוויי קאָרפּוסן וואָס זאָלן באַשטיין פונעם מאַסיוו, זאָלן זיך לאָזן איבערן דורכגאַנג פון לאָס פּאַטאָס און איינער איבערן וועג פון אוספּאַלאַטאַ. דער אַוואַנגאַרד איז אָנפּאַרטרויט געוואָרן דעם שעף פונעם הויפּט־שטאַב, גענעראַל סאָלער, און דעם רעזערוו האָט באַדאַרפט אָנפירן דער טשילענער מיליטער־שעף אָהיגינס. זיי האָבן באַדאַרפט פאַרסירן דעם שמאָלן דורכגאַנג פון לאָס פּאַטאָס. די דיוויזיע פון לאָס הערעאַס מיט דער אַרטילעריע האָט געדאַרפט זיך לאָזן דורך אוספּאַלאַטע.

אַלס דאַטום פונעם אַרויסמאַרש איז באַשטימט געוואָרן דער 17טער יאַנואַר 1817.

אַלס הייליקע באַשיצערן פון דער אַרמיי איז אויסגעקליבן געוואָרן די הייליקע יונגפרוי קאַרמען; אַלס ספּעציעלע קריגס פאָן האָט די אַרמיי באַקומען אַ פלאַג פון די בלוי־ווייסע פאַרבן און דעם עמבלעם מיט דער זון איבער אים אין מיטן, אַרומגענומען פון לאָרבער צווייגן.

סאַן מאַרטין איז געווען פול מיט האָפענונג און צוטרוי אַף זיין אַרמיי. פאַר זיין אַרויסמאַרש האָט ער געשריבן דעם העכסטן דירעקטאָר פּועירעדאָן: „אַלע און אַלעם טרייבט צום אַרויסמאַרש. אין יאַנואַר וועט אַנטשידן ווערן דער גורל פון טשילע. אַפן 6־טן פעברואַר האָפן מיר, מיט גאָטס הילף, צו זיין אין אַקאָנקאַגוואַ און דעם 15־טן וועט טשילע שוין זיין באַם לעבן אָדער טויט".

פאַרן אַרויסמאַרש האָט סאַן מאַרטין געלאָזט זיין אַרמיי אָפּגעבן די שבועה דער אַרמיי באַשיצערן און דער פאָן. נעמענדיק די פאָן אין האַנט האָט ער זיך געשטעלט אַף אַ פּלאַטפאָרם וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַף דער פּלאַסאַ אין שטאָט. דאָס מיליטער האָט פּרעזענטירט דאָס געווער. די פייקלער האָבן אויסגעפייקלט אַ מאַרש און באַלד דערנאָך האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטילקייט.

„סאָלדאַטן! — האָט סאַן מאַרטין מיטאַמאָל איבערגעריסן די רעליגיעזע שטילקייט, — דאָס איז די ערשטע אומאָפּהענגיקייטס פאָן וואָס ווערט געבענטשט אין אַמעריקע".

אַ שטורמישער „זאָל לעבן דאָס פאָטערלאַנד" איז געווען דער ענטפער פון דער אַרמיי און פאָלק.

„סאָלדאַטן! — האָט דער אַרמיי־שעף ווייטער געזאָגט — שווערט, זי אויפצוהאַלטן און באַשיצן ביזן לעצטן אָטעמצוג, ווי איך טו עס".

„מיר שווערן!" איז געווען דער איינשטימיקער ענטפער און עס זיינען מיט די ביקסן אָפּגעפייערט געוואָרן דריי זאַלפּן. נאָך דעם איז די פאָן באַגריסט געוואָרן אויך דורך 25 קאַנאָנען שאָס.

נאָכמיטיק איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אָקסנקאַמף פאַרווײלונג אַף דער פּלאַסאַ און אינאָוונט אַ באַל אַף דער זעלבער פּלאַסאַ. עס האָבן זיך באַטייליקט אין די פאַרווײלונגען אינדיאַנער, גאַוטשאָס, מאָרן און נעגערס צוזאַמען מיט די ווײַסע. עס זײַנען בײַגעווען די פעסטלעכקײַטן אויך סאַן מאַרטין און זײַן פרוי.

נאָך דער שבועה האָט די אַרמיי אין באַשטאַנד פון די דרײַ וואָפן־טײלן (אינפאַנטעריע, אַרטילעריע און קאַוואַלעריע) זיך געלאָזט אפן וועג צו די אַנדן אַף דורכצוקרײַצן די קאַרדיליערן.

פאַרן אַרויסמאַרש האָט סאַן מאַרטין זיך פאַראַפּשידט פון זײַן פרוי און קינד. עס איז געווען זײער אַ פײַנלעכע סצענע דער דאָזיקער אָפּשיד, אָבער בײדע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַנדערש קאָן עס נישט זײַן. רעמעדיאַ עסקאַלאַדאַ מיט איר קינד זײַנען דערנאָך אָפּגעפאָרן קײן בוענאָס אײרעס. די יונגע מאַמע איז געפאָרן מיט איר קינד צוריק אין הויז פון אירע עלטערן. זי האָט שפּעטער בלויז אײן מאָל נאָך געזען איר גרויסן כאָסע דע סאַן מאַרטין. דאָס קינד מער־כעדעס דאָס ערשטע און אײנציקע קינד סאַן מאַרטינס איז באַם אָפּשיד אַלט געווען אַ האַלב יאָר.

סאַן מאַרטין האָט דעמאָלסט געשריבן אַ בריוו צום דירעקטאָר פּועירערדאָן אין וועלכן ער האָט דערקלערט: „מײַן פרוי דאָניאַ רעמעדיאָס עסקאַלאַדאַ דאַרף פאָרן אין הויפּטשטאָט צו די עלטערן אַף דער צײַט פון מײַנע אָפּעראַציעס אין טשילע, און איך גיב זי איבער דעם שוץ פון דער העכסטער רעגירונג. אַף איר אויסהאַלט, דערוואַרט איך, אַז אײַער עקסעלענץ וועט פאַראָרדענען דער מלוכה־קאַסע צו געבן פון איצט אָן 80 פּעזעס מאָנאַטלעך, און דאָס זאָל געמאָלדן ווערן דער קאָמיסאַריע פון מײַן אַרמיי אַף אָפּצורעכענען די סומע פון מײַן לוין”.

דאָס לעצטע מאָל וואָס סאַן מאַרטין האָט געזען זײַן רעמעדיטאַ איז געווען אין 1819, ווען ער איז געווען אין מענדאָסאַ. ער האָט זי אין מערץ פון יענעם יאָר ווידעראַמאָל אַהײמגעשיקט און מער זי נישט געזען.

אָנגעטאָן אין אַ בלויעם גראַנאַדירן אוניפאָרם און שוואַרצע שטיוול מיט בראָנדזענע שפּאָרעס, האָט סאַן מאַרטין זיך אויפגעזעצט אַף אַ מויל־אײזל און זיך געלאָזט מיט זײַן אַרמיי צו די אַנדן. פאָרויס פון אַלע איז געגאַנגען סאַן מאַרטינס טרײער וועגפירער, דער קריאָזשאָ ע ס ט אַ י.

דער וועג איז געגאַנגען צווישן גערטנער, ווײַן־פּלאַנטאַציעס און פעלדער, ביז מען איז געקומען צום וועג באַרג־אַרויף, וואָס פירט צו אוספּאַלאַטאַ. אין אָנהויב איז אַלעם געגאַנגען פרײלעך און גוט, אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פאַרלאַנגזאַמען און פאַרערגערן.

ווי שווער עס איז געווען דער דורכמאַרש איבער די קאַרדיליערן, קאָן מען פאַרשטײן פון פאָלגנדער שילדערונג.

„די שוועריקײַטן וואָס מיר האָבן געהאַט צו באַזיגן באַם דורכגאַנג פון די

קאַרדיליערן — האָט סאַן מאַרטין געשריבן אין דער צייט ווען ער איז געווען שוין אין גלות — קאָן פאַרשטיין בלויז דער, וואָס האָט אַזעלכעס מיטגעמאַכט. דער אומפּריינטלעכער וועג, די טיפע גראָזן, די פראָסטקייט, דער מאַנגל אין יאַגד, זיינען געווען גוואַלדיקע שטערונגען. פון די 10.600 מויל־אייזלען זיינען געקומען קיין טשילע בלויז 4.300, פון די 1.600 פערד זיינען געבליבן בלויז 511, און דאָס ערשט איז געפאַלן טויט אָדער געבליבן אומנוצלעך. צוויי אָבוסן און צען פעלד־קאַנאָנען זיינען געפירט געוואָרן פון 500 מיליציאַנטן, טיילווייז געשלעפּט און טיילווייז געטראָגן אויף די הענט. די לעבנסמיטלען אויף צוואַנציק טעג זיינען געפירט געוואָרן מיט מויל־אייזלען די גאַנצע צייט אונטער דער גליענדיקער זון. אויפן גאַנצן וועג איז נישט געווען קיין איין הויז און קיין איין ישוב און מען האָט געדאַרפט דורכגיין פינף קאַרדיליערן. חיהס (פּומאַס און סאָראָטשעס) זיינען באַפאַלן די אַרמיי, און עס זיינען דורך דעם אומגעקומען עטלעכע סאָלדאַטן. אייניקע זיינען געשטאָרבן פון קעלט. פון אָט דידאָזיקע שוועריקייטן איז יעדער געווען איבערצייגט אַז עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג פון אַ ריקצוג: מען מוז אָבער צוגעבן, אַז עס האָט געהערשט באַם מיליטער אַ גרויסע האָפענונג צו זיגן און מען האָט אַלעס איבערגעטראָגן רואיק".

אָט אַזוי איז געווען דער באַרג, וואָס האָט סאַן מאַרטינען צוויי יאָר צייט נישט געלאָזט שלאָפן. אַ באַרג פון בערג, בערג איינער אין אַנדערן און איינער אויפן אַנדערן, פול מיט טיפע, ווילדע גראָזן, גלעטשערס און פעלזנס.

אָבער ווען מען איז אַריבער די בערג און אַרויף אויף דער טשילענער זייט האָבן די טשילענער סאָלדאַטן אין דער עקספּעדיציע געוויינט פאַר פרייד, און מיט זיי האָבן זיך מיטגעפרייט זייערע אַרגענטינער חברים פון דער באַפרייאונגס אַרמיי.

דער זיג אין טשאַקאַבוקאָ

אין דער צייט וואָס די באַפרייונגס־אַרמיי פון סאַן מאַרטין האָט געקלעטערט איבער די אַנדן האָבן אינדיאַנער גרופּעס אין דרומדיקן געגנט זיך אָפּגעגעבן מיט אַ פעסטן פּאַרטיזאַנער־קאַמף. דער שפּאַנישער הערשער אין טשילע, פּרעזידענט מאַרקאָ, איז געבליבן צעטומלט. פון איין זייט די געפאַר באַ טשאַקאַבוקאָ און די אינדיאַנער אין זידן. אין אַ פּראָקלאַמע, וואָס מאַרקאָ האָט אַרויסגעגעבן צום מיליטער, האָט ער געזאָגט: „לויפט צום קאַמפּס־פּלאַץ. אויב עס וועט נויטיק זיין מיין אָנוועזנהייט, וועל איך מיך נישט אַנטשולדיקן".

ס'איז באַלד אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַרמיי. מאַרקאָ האָט באַשטימט דעם אויסגעצייכנטן שפּאַנישן מיליטער־שעף גענעראַל ראַפאַעל מאַראָטאָ, באַרימט אין שפּאַניע אַלס שעף פונעם טאַלאַווערער רעגימענט, צו גיין קיין טשאַקאַבוקאָ אויף אָפּצושניידן דעם וועג פון סאַן מאַרטינס עקספּעדיציע. מאַראָטאָ האָט מיט

זיך געפירט אַן אַרמיי פון צוויי טויזנט מאַן, אויסגעצייכנטע קעמפער פון טאַלוואַרעא, טשילאַ-אבאסקאל און די דראַגאָנער פון פענקאַ, און קאַוואַלעריע פון קאַראָנעל אַלטעראַ.

די באַפרייאונגס־אַרמיי פון סאַן מאַרטין האָט זיך קאָנצענטרירט אינעם טאָל פון אַקאָנקאַגוואַ באַם פוס פון די טשאַקאַבוקאַ בערג דעם 10טן פעברואַר, און נאָך אַ קורצן אָפּרו איז דעם 12־טן אונטערגענומען געוואָרן דער גרויסער מאַרש. פּאַרטאַג, 2 אַזייגער, האָט דאָס מיליטער זיך געלאָזט אין וועג צו דערגרייכן דעם העכסטן שפּיץ און דערנאָך זיך אַראָפּלאָזן אױף טשילענער טעריטאָריע.

פון די באַקומענע ידיעות ווייסט סאַן מאַרטין אַז דער הויפּט־קוואַרטיר פון די שפּאַניער געפינט זיך אין אַ גוט אין טאָל. ער שטייגט אָפּ פון זיין מויל־אייזל און זעצט זיך אויף אַ פערד, און הויבט אָן געבן באַפעלן. ער פאַרופט אויף גיך אַ קריגס־ראַט, באַ וועלכן עס באַטייליקן זיך אַהיגינס, סאָלער, מאַנועל עסקאַלאַדאַ, אַלוואַראַדאָ, סאַפּיאָלאַ, נעקאָטשעאַ, מעליאַן, ראַמאַליאָ, גידאַ, סוארעז, מאַרטינעז, מאַנסיזשאַ און אַנדערע. ס'ווערן איבערגעקוקט די מאַפּעס וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מענדאָסאַ און עס ווערן אויסגעאַרבעט פּלענער.

עס קומט אַריין דער יונגער אָפיציר מאַנועל אַלאַסאַבאַל און סאַן מאַרטין פרעגט אים מיט אַ פאַרטרוילעכער היימישקייט:

— ווי אַזוי שטייען מיר אויף מאָרגן?

— אויסגעצייכנט גוט, ווי שטענדיק, סעניאָר.

ס'זיינען פאַראַן צוויי טויזנט פּאַטריאָטן גרייט. עס פעלט נאָך אַ טייל פון דער אַרטילעריע און אייניקע קאַנאָנען. אָבער עס מאַכט נישט. מען דאַרף זיך לאָזן אין וועג. דעם 12־טן פעברואַר (1817) הויבט אָן דאָס מיליטער זיך אַראָפּצולאָזן אין טאָל. פאַראַנען צוויי וועגן וואָס פירן צום גוט פון טשאַקאַבוקאַ. איינער לינקס, מיט וועלכן עס דאַרף זיך אַראָפּלאָזן דאָס מיליטער פון גענעראַל סאָלער, מיט דעם סאַפּיאָרן באַטאַליאָן אין דער שפּיץ, און מיטן צווייטן וועג האָט זיך באַדאַרפט אַראָפּלאָזן אָהיגינס. דאָס איז דער וועג פון קועסטאַ וויעכאַ, וואָס האָט דערנאָך באַקומען דעם נאָמען „דע לאָס קוזשאַנאָס". די וועגן זיינען שווערע, פעלזיקע, געדיכט־וואַלדיקע.

דער שונא האָט געוואַרט מיט שפּאַנונג און געווען צוגעגרייט, דערוואַרטנדיק דעם אָנגריף.

סאַן מאַרטינס פּלאַן איז געווען צו אַטאַקירן דעם שונא דורך אַלע זייטן מיט אַמאָל. באַם אַראָפּקומען אין טאָל האָט דאָס מיליטער, לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, זיך צעטיילט אין אונטערגענומען דעם אָנגריף אַפן גוט פון אַלע פיר זייטן. עסקאַלאַדאַ און סאַפּיאָלאַ האָבן צעשמעטערט די פיינטלעכע קאַוואַלעריע רעכטס און לינקס, און די גראַנאַדירער האָבן צעשניטן די אַרטילעריסטן און צוגענומען

די קאַנאָנען. אין דער זעלבער צייט האָט די פּאַטריאָטישע אינפאַנטעריע פאַר־ניכטעט דעם שונא מיט די באַיאָנעטן. זעענדיק די געפערלעכקייט פון דער לאַגע האָט דער רעשט געוואָלט זיך צוריקציען און אַנטלויפן קיין סאַנטיאַגאָ, אָבער גענעראַל סאָלער איז געווען צוגעגרייט באַם רעטעגאַרד און אָפּגעשניטן די שפּאַניער דעם וועג.

אָהיגינס האָט נאָך דריי יאָר אָפּזיין אין גלות גלענצנדיק געקעמפט אין דער באַפרייאונגס־שלאַכט, און אויך סאַן מאַרטין, וואָס איז נאָך אַלץ געווען גישט געזונט, האָט מיט דער שווערד געשניטן שונאים.

באַלד באָם אָנהויב שלאַכט איז געפאַלן דער שפּאַנישער מיליטער־שעף עלאַרעאַגאַ און נאָכמיטיק איז געפאַלן מאַרקעלי, קורץ פאַרן ענדיקן די שלאַכט. די שפּאַניער האָבן געהאַט 500 טויטע, צווישן זיי אייניקע פנימער און קעפּ צעשניטן און צעהאַקט. נאָך אין צייט פון דער צוגרייטונג פון דעם גראַנאַ־דירן רעגימענט אין רעטירא האָט סאַן מאַרטין געזאָגט, „אויב וועלכער שפּאַניער שטעלט זיך קעגן, דאַרף מען אים שפּאַלטן דעם קאָפּ ווי אַ דיניע", און דאָס האָבן זיינע בראַווע סאָלדאַטן אויסגעפירט.

די שפּאַניער האָבן געהאַט 500 טויטע און 600 זיינען געפאַנגען געוואָרן. עס איז געבליבן באַ די פּאַטריאָטן די פיינטלעכע אַרטילעריע, וואָפן און אַמו־ניציע, אַ סטאַנדאַרט און פאָנען. דער זיג איז געווען אַ פולשטענדיקער.

די נאַכט פון 12־טן אָפן 13־טן איז געווען אַ רואיקע. די ערשטע שלאַכט געענדיקט מיט אַ זיג און מען געפינט זיך שוין אין דער דעראָבערטער שטאָט. סאַן מארטין האָט גוט געשלאָפן די נאַכט און באַלד אינדערפרי האָט ער אויס־געשטעלט אַ באַריכט און אים איבערגעשיקט מיט זיין שוואָגער מאַנועל עסקאַ־לאַדאַ, קאָראָנעל פון גראַנאַדירן. ער איז אַריבער צוריק די אַנדן, און געקומען דעם 26־טן פעברואַר קיין בוענאָס איירעס. חוץ די ידיעה פונעם זיג האָט ער געהאַט מיט זיך אויך אַ פאָן פון די באַזיגטע.

דער געהויבענער שליח איז געקומען 3 אַזייגער נאָכמיטיק אין דערמאָנטן טאָג. דער העכסטער דירעקטאָר כואַן פּועירעדאָן האָט אָפּגעוואַרט עסקאַלאַדאַן אין דער פעסטונג. עס זיינען געווען דאָרט פאַרזאַמלט מערערע הויכע פּערזענ־לעכקייטן און זיי האָבן אויסגעהערט מיט גרויס צופרידנקייט די ידיעה פונעם זיג. שפּעטער, 6 אַזייגער, איז די דעראָבערטע פאָן אַריבערגעפירט געוואָרן פון דער פעסטונג צום קאָנסיסטאָריאַל הויז, באַגלייט פון באַטאַליאָנען גראַנאַדירן, פּאַטריציער און פאָלק. די אַרטילעריע האָט אָפּגעפייערט זאַלפן, עס האָבן גע־קלונגען די קירכנגלעקער און עולם האָט אַקלאַמירט און געמאַכט וויוואַס פאַר סאַן מאַרטין. דאָס בילד פונעם העלד פון טשאַקאַבוקאָ געמאָלן אויף אַ גרויסן לייוונט איז באַנאַכט באַלויכטן געוואָרן אויף דער פלאַסאַ. די דיכטער פון בוענאָס איירעס האָבן געשאַפן לויב־לידער דעם זיגער. ריידנדיק אָפן צווייטן טאָג וועגן דער פרייד וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין בוענאָס איירעס איבער דער

ידיעה פונעם זיג, האָט פּועירעדאָן זיך אויסגעדריקט: „ס'איז נעכטן געווען אַ טאָג פון משוגעאס באַם פאָלק".

יעדער אין בוענאָס איירעס האָט געוואונטשן קאָנען זען וואָס גיכער סאַן מאַרטינען, כדי אים פּערזענלעך צו באַגריסן.

מעלדנדיק זיין זיג האָט סאַן מאַרטין זיך אויסגעדריקט: „דער אַנדן אַרמיי בלייבט דער רום צו זאָגן: אין 24 שעה האָבן מיר דורכגעפירט דעם קאַמפּיין.



דער מאַרש פון סאַן מאַרטינס אַרמיי איבער די אַנדן

מיר זיינען אַריבער די קאָרדיליערן, די העכסטע שפּיצן אין אַמעריקע, געענדיקט מיט די טיראַנען און געגעבן פרייהייט טשילע".

נאָך דער מפּלה באַ טשאַקאַבוקאָ האָט דער פּרעזידענט פון טשילע, דער שפּאַנישער פּאַרטרעטער מאַרקאָ שוין געהאַלטן פאַר אומניצלעך יעדן ווייטערדיקן ווידערשטאַנד. ער האָט אַף גיך צוזאַמענגענומען די רעשטן פון זיין מיליטער און אַנטלאָפן קיין וואַלפּאַראַיסאָ. די פּאַטריאָטן האָבן אים אָבער נאָכגעיאָגט און געכאַפּט.

אין טשאַקאַבוקאָ זיינען אַפן שלאַכטפעלד צוזאַמענגענומען געוואָרן די טויטע און מען האָט זיי פאַרברענט, און נאָכן דורכפירן דעמאָזיקן טראַדיציאָ-

נעלן אַקט האָט סאַן מאַרטין זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און זיך געלאָזט קיין סאַנטיאַגאָ. די פּאַטריאָטן וואָס האָבן געכאַפּט דעם אַנטלאָפענעם פּרעזידענט מאַרקאָ האָבן אים געבראַכט קיין סאַנטיאַגאָ און געשטעלט פאַר סאַן מאַרטינען. דער אַרגענטינער מיליטער־שעף האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכט האַנט און געזאָגט: „הער גענעראַל, גיט אַהער אייער ווייסע האַנט", דערמאַנענדיק יענעם מאָמענט, ווען מאַרקאָ האָט געשיקט אַן ענטפער סאַן מאַרטינען זיך רימענדיק, „איך שרייב אונטער מיט אַ ווייסער האַנט, נישט ווי סאַן מאַרטין מיט אַ שוואַרצער". דערנאָך האָט סאַן מאַרטין איינגעלאַדן מאַרקאָ צו זיין מיט אים אין אַ באַזונדער צימער און זיי האָבן געהאַט אַ לאַנגן שמועס.

מאַרקאָ און נאָך אייניקע געפאַנגענע זיינען צולעצט אוועקגעפירט געוואָרן קיין מענדאָסאַ און פון דאָרט קיין סאַן לואיס. דער רעשט מיליטער פון מאַרקאָ איז אַוועק מיט שיפן קיין פּערו.

סאַן מאַרטין איז געקומען קיין סאַנטיאַגאָ דעם 14־טן פעברואַר און איז אויפגענומען געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכן יובל. דעם 15־טן איז זיך צוזאַמענגעקומען דער קאַבילדאָ אַביערטאָ (פאָלקס פאַרזאַמלונג) און פּראָקלאַמירט סאַן מאַרטינען אַלס העכסטן דירעקטאָר פון טשילע, אָבער ער האָט דעם פּאָסטן נישט געוואָלט אָננעמען, דערקלערנדיק, אַז דעם דאָזיקן הויכן אַמט דאַרף פאַרנעמען אַ טשילענער און דער פּאַסיקסטער דערצו איז אָהיגינס. דעם 16־טן איז פאָרגעקומען נאָך אַמאָל אַ זיצונג פון קאַבילדאָ און ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן בערנאַרדאָ אָהיגינס אַלס העכסטער דירעקטאָר, וואָס מיינט מלוכה־שעף.

דאָס פאָלק פון סאַנטיאַגאָ האָט געפייערט מיט גרויס פרייד דעם זיג פון טשאַקאַבוקאָ. די זין פון טשילענער פּאַטריאָט, כאָסע ענריקע ראָסאַלעס, ווען מאַרקאָ האָט געהאַט פאַרשיקט אויף אַן אינדזל פאַר זיין פּאַטריאָטיזם, האָבן צוגעגרייט אַן אויסערגעוויינלעכן באַנקעט פאַר סאַן מאַרטין און די זיגער. פון אַלע זייטן זיינען צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן הענג־לייכטערס און גרויסע ליכט, טאַפּעטן און טעפּיכער, פּרעכטיקע מאָלעריען, פּאָרצעלאַן געשיר, געשטיקטע טישטעכער און אַלערליי באַצירונג. דאָס גאַנצע הויז און די צוויי גרויסע הייף זיינען געווען באַלויכטן און באַצירט, צעטראָגנדיק די פרייד און יום־טובֿדיקייט וויַיט אין גאַס אַרויס. די וועטשערע איז באַשטאַנען פון געבראָטענע אינדיקעס, יונגע חזירימלעך און אַלערליי סאַלאַטן, וויין און בראָנפן, מאַסלינעס, אַלערליי געזאַלצענע און אין עסיק געווייקטע זאַכן, געטרוקנטע מאַנדלען און פאַרשידענע נאַשעריען. די טשילענער דאַמען זיינען געקומען צום יום־טובֿ געקליידט אין בלוי־ווייס און הימל־בלוי, מיט בלומען אין די שיין געקעמטע האָר. עס האָבן געפייערט דעם זיג די אַרגענטינער אַרמיי־שעפן מיט די טשילענער, צוזאַמען מיט טשילענער פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן און פאָלק. עס זיינען געווען סאַן מאַרטין און אָהיגינס, די טשילענער שעפן פרענטעזאַ, קאַל־

דעראַן פּרעירע, און די אַרגענטינער גידאָ, סאָלער, לאַס העראַס, אַלוואַראַדאָ, לאַוואַזשע און אַנדערע. איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַל האָבן בײַ דער טיר פון הויז אָפּגעפּייערט די קאַנאָנען 21 זאַלפּן און אַלעם איז געבליבן שטיין אין רעליגיעזער שטילקייט. דער העלד פון די אַנדן האָט אָנגעהויבן זינגען דעם אַרגענטינער נאַציאָנאַלן הימן וואָס אַלע האָבן מיטגעזונגען (קיין טשילענער הימן איז נאָך נישט געווען) און נאָך אַ שטורמישן אַפּלאַוז, וואָס האָט באַגלייט דעם הימן, האָט דער עולם זיך געלאָזט אין פריידיקן טאַנץ.

דאָס איז געווען אַ באמת רעכט־פאַרדינטע פרייד נאָך די אַלערליי צרות באַם אַריבערגיין די קאַרדיליערן און נאָך דער אָנגעשטרענגטקייט אין דער דורכגעפירטער שלאַכט.

דער קאַבילדאָ פון סאַנטיאַגאָ האָט אָנגעבאָטן סאַן מאַרטינען אַ באַלוינונג פון צען טויזנט אונץ גאָלד צו דעקן זיינע פּערזענלעכע הוצאות וואָס עס האָט אים געקאָסט דער קאַמפּיין, אָבער דער באַפרייער האָט נישט געוואָלט אָננעמען די מתנה פאַר אייגענעם געברויך, נאָר עס געשאָנקען פאַר דער גרינדונג פון אַ ביבליאָטעק. אין זיין ענטפער דעם קאַבילדאָ האָט ער געשריבן: „די באַלויכטונג און הויבונג פון דער ליטעראַטור איז דער וואונדער־שליסל וואָס עפנט די טויערן פון איבערפלוס און מאַכט גליקלעך די פעלקער. איך וויל אַז אַלע זאָלן אויפגעקלערט ווערן אין די הייליקע רעכטן, וואָס בילדן די וויסנשאַפט פון די פרייע מענער".

ווי געזאָגט האָט די ידיעה פונעם זיג אין טשאַקאַבוקאָ אַרויסגערופן גרויס פרייד אין דער רעגירונג און באַם פאָלק. די הוראַס פאַר סאַן מאַרטין, קוזשאָ און פועירערעדאָן האָבן אָנגעהאַלטן מערערע טעג. דער העכסטער דירעקטאָר פועירערעדאָן האָט אין אַ בריוו באַגריסט סאַן מאַרטינען און אים געשריבן: „וואָס פאַר אַ גוטע געלעגנהייט צו גיין צוזאַמען אויף לימאַ".

דער זיג געפייערט אין בוענאָס איירעס

מיט דעם זיג אין טשאַקאַבוקאָ איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט דער קאַמף. דער שפּאַנישער כוח אין טשילע איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן צעשמעטערט. ס'איז נאָך געהאַט געבליבן אַן אַרמיי־טייל אין זידלעכן געגנט, אין טאַלקאַהואַנאַ, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם רעאַליסטישן גענעראַל אָרדאָניעז. ער האָט געהאַט דאָרט אַרום טויזנט מאַן און ער האָט שפּעטער צובאַקומען דורכן ים־וועג נאָך טויזנט מאַן פאַרשטאַרקונג צוגעשיקט פונעם וויצע־קעניג פון פּערו.

דער אַרגענטינער מיליטער־שעף סאַן מאַרטין האָט איבערגעלאָזט די קאָמאַנדע דעם קאָראָנעל לאַס העראַס, מיטן אויפטראָג צוצוגרייטן אַן אַקציע קעגן טאַלקאַהואַנא און אליין איז ער, באַגלייט פון אָבריען און דעם וועגווייזער עסטאַי אָוועק צוריק צו די קאָרדיליערן צו זיין אין בוענאָס איירעס און איבעררעדן מיט דער רעגירונג וועגן נייע מיליטערישע פּלענער. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין מענ־

דאָס אַף אַ פּאָר טעג, וואו עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פעסטלעכקייטן לכבוד דעם העלד. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג. אריינגעקומען איז ער קיין בוענאָס איירעס געהיים, ווענדיק אויסמיידן פּאַראַדנע באַגעגענישן, אָבער מען איז באַלד געוואויר געוואָרן און דאָס פאָלק פון בוענאָס איירעס האָט באַערט דעם זיגער מיט גרויס יובל. די רעגירונג פון בוענאָס איירעס האָט אים געמאָלדן די העכערונג פונעם מיליטערישן גראַד אַף בריגאַדיר גענעראַל, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק אַז ער פילט זיך גענוג באַלוינט וואָס ס'איז אָנערקענט געוואָרן זיין אַקציע. ער וויל נישט קיין שום מלוכהשן אָדער פּאָליטישן פּאָסטן. בכדי אָבער צופרידנשטעלן דעם וואונטש פון פאָלק צו באַלוינען מיט עפּעס דעם הויכן שעף איז באַשטימט געוואָרן אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע פאַר זיין טאָכטער, די קליינע מערסעדעס, 600 פּעזעס יערלעך, און דאָס האָט דער פּאָטער נישט געהאַט קיין רעכט אָפּצוזאָגן. פאַר זיך האָט ער בלויז אָנגענומען אַ ספּעציעלן הערב וואָס די רעגירונג האָט אים געשאָנקען מיט דער אויפשריפט „דעם זיגער פון די אַנדן און באַפרייער פון טשילע".

עס פאַרשטייט זיך אַז די מוניציפּאַליטעט, רעגירונג און פאָלק פון בוענאָס איירעס האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט סאַן מאַרטינס באַשיידנקייט און דורכגעפירט אַ גאַנצע רייע פעסטלעכקייטן. בוענאָס איירעסער גאַסן זיינען באַפּוצט געוואָרן מיט פאָנען, אילומינאַציעס, פּיראַמידן, טריאומף-טויערן, מאָלעריען. כ'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע מיט סאַן מאַרטינען אין דער שפּיץ, דורכגייענדיק דעם טריאומף-טויער און פיר רייכגעקליידעטע יונגע פרויען האָבן דעם העלד פון טשאַקאַבוקאָ אָנגעטון אַ בלומענקראַנץ.

דער קאַבילדאָ (שטאָט-ראַט) האָט דעם 9-טן אַפּריל 1817 געגעבן לכבוד סאַן מאַרטינען אַן אויפנאַמע אינעם אַקטן-זאַל. דאָס איז געווען איינע פון די גלענצנדסטע אויפנאַמעס וואָס עמיץ האָט ווען באַקומען ביז דעמאָלסט. עס זיינען בייגעווען דעם אַקט דער העכסטער דירעקטאָר, הויכע נאַציאָנאַלע און אויסלענדישע פּערזענלעכקייטן און קאָנגרעס מיטגלידער. דער אַקט האָט זיך פאַרצויגן פון האַלב פיר נאָכמיטיק ביז 10 אינאָוונט. עס זיינען געמאַכט געוואָרן ברינדיסן פאַרן פאָטערלאַנד, פאַרן זיגער און פאַר די ליבעראַלע פּרינציפּן.

נאָך די אַלערליי אויפנאַמעס און פעסטלעכקייטס אַקטן האָט סאַן מאַרטין זיך פאַרנומען מיט דער ארבעט, צוליב וועלכער ער איז אייגנטלעך געקומען. ער האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט פּועיררעדאָנען וועגן נייע וואָפן-ליפערונגען.

צוזאַמענטרעף פון סאַן מאַרטין מיט קאַררערא

אין דער צייט ווען סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען אין בוענאָס איירעס און באַקומען גרויס כבוד האָט זיך אויך געפונען אין דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט דער טשילענער פּאָליטיקער כאָסע מיגעל קאַררערא, וועגן וועלכן עס איז שוין געשריבן געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

כּאָסע מיגעל קאררעראַ איז געווען איינער פון די דריי זין פון איגנאַסיאָ קאררעראַ, וואָס האָט פאַרנומען אַן אַמט אין ערשטן רעגירונגס ראַט אין טשילע (1810). כּאָסע מיגעל איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון טשילע, נאָר נאָכן זיג פון די שפּאַניער אין ראַנקאַגוואַ איז ער אַנטלאָפן קיין אַרגענטינע. ווען ער איז געקומען קיין מענדאָסאַ האָט סאַן מאַרטין פאַראָרדנט אים צו אַנטוואָפנען פאַר זיין פאַרראַט קעגן אָהיגינס און ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין בוענאָס איירעס. קאררעראַ האָט געהאָפט צו פועלן באַם דעמאָלסטדיקן העכסטן דירעקטאָר אַלוועאַר מיליטער צו קאָנען גיין אויף טשילע, נאָר אַלוועאַר איז גאָר אינגיכן געשטירצט געוואָרן.

זעענדיק אַז פון אַרגענטינע האָט ער נישט וואָס צו דערוואַרטן האָט כּאָסע מיגעל קאררעראַ זיך געמאַכט אַן אַנדערן פּלאַן, זיך צו שאַפן אַ קריגספלאָט און מיט אים זיך לאָזן צו די ברעגן פון טשילע. ער האָט צונויפגענומען באַ זיין פאַמיליע 20.000 פּעזעס און זיך געלאָזט קיין נאָרדאַמעריקע, וואו עס איז צו יענער צייט געווען דער וואַפן לאַגער פאַר די רעוואָלוציאָנערן פון די אַמעריקאַנער לענדער. עס איז אים געלונגען צו האָבן אין וואַשינגטאָן אַ שמועס מיטן פּרעזידענט מעדיסאָן און שטאַטס מיניסטער מאָנראָע וועגן זיין פּלאַן צו קויפן שיפן אויף צו קאָנען אַטאַקירן די שפּאַניער אין טשילע, אָבער מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז כאָטש די רעגירונג סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קאָן זי זיך אָבער נישט מישן אינעם קאַמף, נאָר בלייבט שטרענג נייטראַל. ער איז דאַן אַוועק קיין ניו־יאָרק און געפּרואווט פאַרהאַנדלען מיט אייניקע קאַפּיטאַליסטן וועגן אַ הלוואה, אָבער אָן דערפאָלג. איין זאַך איז נאָר געלונגען קאררעראַן. די פירמע דערסי ענד דידיער, וועלכע פלעגט צושטעלן וואָפן די פּאַרייניקטע פּראָווינצן פון לאַ פּלאַטאַ האָט זיך דערקלערט גרייט אויסצושטאַטן מיט די נויטיקע וואָפן צוויי שיפן, מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן אָנגעפירט ווערן פון נאָרדאַמעריקאַנער אָפיצירן, ביז די טשילענער רעגירונג וועט באַצאָלן די הוצאות פון דער אויסשטאַטונג, די אויסהאַלטונג און באַלוינונג פון די מאַנשאַפטן און טאָפּלטע סומע פונעם ווערט פון די שיפן. קאררעראַ איז דאַרויף איינגעגאַנגען.

אַט אַזוי האָט קאררעראַ באַקומען די קאַרבעטן־שיף „קליפּטאָן" און די זעגל־שיף „סאַוואַגע". די זעלבע פירמע האָט פאַרשפּראָכן אויך צוצוגרייטן אויף שפּעטער פאַר קאררעראַן די שיפן „רעדזשענט" און „דעוועי", און די פירמע הוגאָ ענד טאָם האָט זיך דערקלערט גרייט אויסצושטאַטן די זעגל־שיף „גענעראַל סקאָט".

איצט ווען ער האָט דאָס דערגרייכט האָט קאררעראַ געהאַט פאַר זיך שוין די זיכערקייט צו קומען קיין טשילע מיט אַ פלאָט און אַרמיי. ער האָט גערעכנט צו קומען מיט די קריגסשיפן קיין בוענאָס איירעס, אַרויפנעמען אויף זיי טשילענער עמיגראַנטן וואָס וועלן מיטפאָרן צו קעמפן. מיט אַרום פינף־זעקס

הונדערט מאַן וועט ער זיך לאָזן דורכן מאַגאַזשאַנאַס דורכגוס צום פּאַסיפיק, און ווען ער וועט צוקומען צו די ברעגעס פון טשילע, וועט זיך באַלד זאַמלען אַרום אים אַ פרייוויליקע אַרמיי.

דעם 3־טן דעצעמבער 1816 האָט ער זיך פאַרשיפט אַף דער קליפּטאָן*) און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. עס זיינען מיט אים מיטגעפאָרן מערערע וואָלונ־טירן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן הויפּטזעכלעך פראַנצויזן. צוויי חדשים צייט האָט געדויערט די רייזע און דעם 9־טן פעברואַר איז די קליפּטאָן געקומען קיין בוענאָס איירעס.

געווען איז עס פּונקט אין דער צייט ווען עס איז געקומען אַ ידיעה, אַז סאַן מאַרטין און אָהיגינס זיינען אַריבער מיט אַן אַרמיי די אַנדן, און אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען די ידיעה פונעם זיג אין טשאַקאַבוקאָ, און דאָס איז געווען פאַר קאַררעראַן אַ טויט־קלאַפּ. עס איז איצט שוין נישטאָ קיין האָפענונג צו קומען אַלס רעוואָלוציאָנערער־שעף מיט אַן אייגענער אַרמיי. אין סאַנטיאַגאָ איז געוואָרן העכסטער דירעקטאָר בערנאַרדאָ אָהיגינס זיין קעגנער, און געפינט זיך אונטערן שוץ פון מעכטיקן שעף פון קוזשאָ, וועלכער האָט אים געהאַט אַנטוואָפנט. זיין לאַגע איז געווען אַ קלעגלעכע. דאָך האָט ער נאָך נישט געוואָלט אויפגעבן דעם געדאַנק צו גיין אַף טשילע. ער האָט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך דעם העכסטן דירעקטאָר פּועיררעדאָן און אים באַגריסט צום זיג פון די אַרגענ־טינער וואָפן, און דערנאָך האָט ער צוגעשיקט דער רעגירונג אַן אָפיציעלע נאָטע בעטנדיק צו העלפן אים אין זיין געפּלאַנטער פּלאַט־אַקציע.

פּועיררעדאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער איינציקער שיף וואָס קאַררע־ראַ האָט, און ווען אפילו ער האָט אַלע פינף שיפן, קאָן ער גאָרנישט העלפן, נאָר אין קעגנטייל קאָן ברענגען צו אַ קאָנפוזיע אין טשילע. ער האָט דאַריבער געענטפערט, אַז דער פּלאַן קאָן נישט אָנגענומען ווערן. די רעגירונג איז אַנט־שלאָסן נישט אַרויסצולאָזן פון בוענאָס איירעס נישט אים און נישט זיינע באַגלייטער. צו גלייכער צייט האָט די אַרגענטינער רעגירונג אָנגעהויבן פאַר־האַנדלונגען מיטן קאַפּיטאַן פון דער קליפּטאָן צו לאָזן די שיף פאַר אַרגענטינע. און אַזוי ווי די שיפס־געזעלשאַפט האָט במילא געהאַט האַנדלס באַציאונגען מיט אַרגענטינע, און קאַררעראַ האָט נישט געקאָנט נאָכקומען די צאָלונגען די טריפּולאַנטן, איז דער קאַפּיטאַן פון קליפּטאָן געווען געצוווּנגען איבערצוגעבן די שיף דער אַרגענטינער רעגירונג. עס איז דערוויי׳ל אָנגעקומען די צווייטע שיף „סאַוואַגע״ און קאַררעראַ האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן קאַפּיטאַן צו אַנטלויפן באַנאַכט. ער האָט געוואָלט פועלן דאָס זעלבע באַם קאַפּיטאַן פון קליפּטאָן, אָבער דער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַוואַנטורע. איינער פון די וואָלונטירן, וואָס

*) דער נאָמען פון דער שיף ווערט דורך מיטרע באַצייכנט אַלס קליפּטאָן און ביי ריקאַרדאָ ראָכאַס, גריפּטאָן

זיינען געקומען מיט דער קליפּטאָן, אַ פראַנצויז, האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן דער רעגירונג און קאַררעראַ איז (דעם 19־טן מערץ 1817) אַרעסטירט געוואָרן.

ווען סאַן מאַרטין איז געווען אין בוענאָס איירעס און פּועירערדאָן האָט אים דערציילט וועגן אַרעסט פון טשילענער פּאָליטיקער, האָט דער העלד פון טשאַקאַבוקאָ באַשלאָסן צו באַזוכן דעם אַרעסטירטן.

דעם 12־טן אַפּריל איז סאַן מאַרטין געקומען אין טורמע וואו עס האָט זיך געפונען קאַררעראַ. אַריינקומענדיק אין קעמערל וואו דער לעצטער האָט זיך געפונען האָט סאַן מאַרטין קאַלט אָבער העפלעך אים באַגריסט און גע־שטרעקט די האַנט. קאַררעראַ האָט נישט געענטפערט. ער איז נאָך אַלץ געווען אין כעס איבערן אינצידענט אין מענדאָסאַ און ברוגז וואָס זיין ריוואַל אַהיגינס איז מלוכה־שעף אין טשילע.

סאַן מאַרטין האָט געפּרוּווט אים באַרואיקן, האָט אים געבעטן צו ענדערן זיין שטעלונג, דערקלערנדיק אים, אַז אין איצטיקן מאָמענט איז נישט מעגלעך אַז ער זאָל קומען קיין טשילע, דאַקעגן קאָן ער דינען דעם לאַנד דורך אַן אַנדערן אופן. סאַן מאַרטין האָט אים פאָרגעשלאָגן דעם פּאָסטן פון דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער פון טשילע און אַרגענטינע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָר קאַ־ררעראַ האָט עס אָפּגעוואָרפן און געזאָגט, אַז ער מוז קומען קיין טשילע, אַלציינס צי אַהיגינס און זיין רעגירונג ווילן עס אָדער נישט.

„אָבער גענעראַל — האָט סאַן מאַרטין געזאָגט — אויב איר קומט אַלס באַוואָפנטער רעוואָלוציאָנער, וועט מען אייך מוזן דערשיסן, דאָ, ווען אָננע־מענדיק דעם דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן פון די צוויי רעגירונגען באַקומט איר אַ הויכע פּאָזיציע און קאָנט דינען וועלטפּול דער אַמעריקאַנער זאַך”.

דער באַל־גייוועדיקער און אַמביציעזער דורכגעפאַלענער פּאָליטיקער האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן. זיין שטרעבונג איז געווען צו ווערן הערשער פאַר יעדן פּרייז.

באַלד נאָכדעם ווי סאַן מאַרטין איז אַוועק פון בוענאָס איירעס צוריק קיין טשילע איז עס געלונגען קאַררעראַן צו אַנטלויפן פון טורמע און אַוועק קיין מאָנטעווידעאָ. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט נייע קאָנספּיראַציעס אונטערן שוץ פון די פּאָרטוגעזישע אינוואַזאָרן. ער האָט אין „על הוראָן” און אַנדערע אויסגאַבעס שטאַרק אַטאַקירט סאַן מאַרטינען, פּועירעדאָנען און אָהיגינסן. כאָסע מיגעל קאַררעראַ מיט זיינע ברידער, כואַן כאָסע און לואיס, מיט זייער שוועסטער כאַוויערא, האָבן אַ שטיק צייט געאַרבעט קעגן סאַן מאַרטינען, און זיינען צולעצט הינגעריכטעט געוואָרן. כואַן כאָסע און לואיס 1818 און כואַן כאָסע 1821

אַרגענטיניש-טשילענישע מיליטערישע אַליאַנץ

נעקומען קיין בוענאָס איירעס איז סאַן מאַרטין אויסשליסלעך מיטן צוועק צו פאַרהאַנדלען מיט פועירערדאָנען וועגן שאַפן אַ קריגס פּלאַט וואָס זאָל דינען דער זיכערונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון טשילע און צו קאָנען גיין אַף לימאַ און מאַכן אַ סוף מיט די שפּאַניער אין פּערו. ער האָט אויך באַלד אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען. זיי זיינען געפירט געוואָרן שטרענג געהיים צווישן דירעקטאָר און סאַן מאַרטין. עס איז בלויז בייגעווען אַלס סעקרעטאַר דער גענעראַל מאַטיאַס איריגאָזשען דעמאָלסטדיקער קריגס מיניסטער. בכדי די פאַרהאַנדלונגען זאָלן נישט אַרויסרופן קיין אויפמערקזאַמקייט זיינען זיי געפירט געוואָרן אין פּריוואַטן הויז פון מאַנועל הערמענעגילדאָ אַגירע, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַגענט צו פאָרן קיין נאָרדאַמעריקע דורכצופירן דעם קויף פון שיפן.

צווישן סאַן מאַרטינען און פועירערדאָנען איז באַפעסטיקט געוואָרן די אַר־גענטיניש־טשילענער אַליאַנץ, וועלכע האָט פאַקטיש שוין עקזיסטירט דורך דעם קאַמפּיין פון סאַן מאַרטינען אין טשילע. די טשילענער רעגירונג האָט ביי־געשטייערט מיט 200.000 פּעזאָס און זיך פאַרפּליכטעט צו געבן נאָך 100.000 פּעזאָס.

אין אַ בריוו צו אָהיגינסן האָט סאַן מאַרטין געשריבן: „אַלעס גייט אין אָרדענונג; די גרויסע שוועריקייט ליגט אין דער באַוואָפענונג פון די שיפן, נישט איבער דער אוממעגלעכקייט אין די פאַרייניקטע שטאַטן. ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך פאַר 3.000 ביקסן און אַנדערע זייער נויטיקע אַרטיקלען פאַר דער אַרמיי. אין פיר טעג אַרום וועל איך מיך לאָזן אין וועג. פועירערדאָן ווייסט פון אַלעס, און איך צווייפל נישט אַז מיר וועלן געבן אַ קלאַפּ לימאַ".

דער גרויסער מיליטער־שעף איז געווען זיכער אינעם זיג אין פּערו, און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן די ערשטע שריט דערצו. ער האָט געשיקט דעם מאַיאָר דאָמינגאָ טאָררעס, אַן אַרגענטינער, קיין לימאַ אַלס פּאַרלאַמענטאַריער קלוימערשט, אָבער אין אמתן מיטן געהיימען אויפטראָג צו זאַמלען ידיעות וועגן די מיליטערישע כוחות פונעם וויצע־קעניג און צוגרייטן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. טאָררעס איז געקומען אין באַרירונג מיט פּערואַנער פּאַטריאָטן, צווישן זיי ריוואַ אַגועראָ, קיראָס, לאַפּעז אַלדאַנאַ און אַנדערע. ער האָט זיך מיט זיי פאַרשטענדיקט וועגן דער שיפירונג פון קאָרעספּאָנדענץ דורכן ים־וועג. די פרוי ברידא סילוואַ איז געווען אַ ראָמאַנטישע פאַרמיטלערן. שפּעטער זיינען אויך אונטערגעקומען באַסע גאַרסיאַ און פראַנציסקאָ פערנאַנדעז פּאַ־ר'עדעס, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן מיט די פּסעוודאָנימס קאַריאָ און מאַריאַ אין זייערע בריוו צו סאַן מאַרטינען.

ס'זיינען אין בוענאָס איירעס פאַרענדיקט געוואָרן די פאַרהאַנדלונגען מיט

פּועירעדאָנעז, שליסנדיק א פּעסטן בונד צווישן אַרגענטינע און טשילע. סאַן מאַרטין האָט לייכט איבערצייגט אַלע אין דער נויטיקייט פאַרצוזעצן געמיינזאַם דעם באַפרייאונגס קאַמף. עס איז באַשטימט געוואָרן אַז טשילע זאָל האָבן אַ ספּעציעלן אַמבאַסאַדאָר אין בוענאָס איירעס און אַרגענטינע זאָל האָבן אַ דיפּ־לאָמאַטישן פאַרטרעטער אין סאַנטיאַגאָ. סאַניאַרטו איז באַשטימט געוואָרן מצד טשילע און גידאָ מצד אַרגענטינע. ס'האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן אַ פאַראייניקטע אַרמיי פון ביידע לענדער און אַ געמיינזאַמער פּלאַן.

דעם 11־טן מאַי 1817 האָט סאַן מאַרטין אַ צופרידענער פון זיינע דער־גרייכונגען זיך אומגעקערט קיין סאַנטיאַגאָ. דאָס פאָלק איז אים אַנטקעגנ־געקומען רייטנדיק. ער איז געקומען דורך דער שטיינערנער בריק פון מאַפּאַטשאָ און עולם האָט אים געצוואונגען זיך צו זעצן אין אַ קאַרעטע און אונטערן אַלגע־מיינעם אַפּלאָוז און אוואַציע איז ער צווישן אַרגענטינער פאָנען און אונטערן פּאַלמען־טויער געפירט געוואָרן צו זיין וואוינפּלאַץ.

אַזוי ווי סאַן מאַרטין האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ מתנה פון 10.000 פּעזעס האָט די רעגירונג איצט באַשטימט צו שענקען אים אַ שטיק ערד נעבן סאַנטיאַגאָ, אַף צו האָבן אַן אָפּרו פּלאַץ. דאַסמאָל האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט, אָבער מיטן באַדינג, אַז העלפט וואָס דאָס שטיק ערד קאָן פּראָדוצירן, זאָל גיין אַף אַ פרויען שפּיטאָל און די אַנדערע העלפט אַף אויסצוהאַלטן אַ דיספּענסאַר צו באַקעמפן ביילן־עפּידעמיע.

דער שטאָט פון טשילע האָט געגעבן אַ מתנה אַ זילבערן עס־געשיר סער־וויס, און באַשטימט אַ לוין פון 6.000 פּעזעס יערלעך. די רעגירונג פּאָדערט ער זאָל עס אָננעמען, אָבער ער וויל עס נישט. די רעגירונג דערקלערט אַז „דאָס איז אַ ה ע כ ס ט ע ר ב אַ ש ל ו ס און ער מוז זיך אונטערוואַרפן" איבער פּערזענלעכער נויטיקייט און פאַר זיין ווירדע, ווייל זיין אָפּזאָגן זיך „קאָן פאַר די אויסלענדער אויסזעען נישט ווי אַ טוגנט נאָר ווי אָרעמקייט". סאַן מאַרטין ענטפערט דערויף וועגן עס־געשיר: „מיר געפינען זיך נישט איצט אין אַ צייט פון לוקסוס", און וועגן געלט: „דער שטאָט געפינט זיך. אין אַ געדריקטן צו־שטאַנד און ס'איז נויטיק אַז מיר זאָלן אַלע ביישטייערן אַף צו בעסערן די לאַגע. דעריבער בעט איך אַזוי גוט זיין עס לאָזן פאַר דער מלוכה".

סאַן מאַרטין האָט געלעבט זייער באַשיידן אין טשילע. ער האָט געוואוינט אינעם אַלטן פּאַלאַץ פון די בישאָפן. זיין מעבל און קליידונג איז געווען אויס־ערסט איינפאַך. מיט אים האָט געוואוינט זיין אינטימער פריינט און פאַר־טרוינגס־מאַן טאָמאַס גידאָ.

אין אַ קורצער צייט איז געבילדעט געוואָרן אין טשילע אַ גוט־דיסציפּלי־נירטע טשילענער אַרמיי אונטער אַן אייגענער טשילענער פאָן, און די דאָזיקע אַרמיי מיט דער אַרגענטינער אַנדן־אַרמיי האָבן געבילדעט אַן איינהייט, און באַצייכנט געוואָרן אַלס „פאַראייניקטע אַרמיי פון די אַנדן און טשילע", וועמענס

צילן זיינען געווען אין סאָלידאַרישן קאַמף גיין ברענגען דעם רום פון פרייהייט. ביז די זעקס חדשים איז די אַרמיי באַשטאַנען פון 8.000 סאָלדאַטן און צום סוף יאָר 1817 האָט זי געגרייכט צו 9.000 מאַן און ס׳זיינען געווען צוגעגרייט אין די וואָפן־סקלאַדן 14.000 ביקסן מיט דער געהעריקער מוניציע. די אַרמיי האָט זיך געטיילט אַף 7.000 אינפאַנטעריסטן, 1.400 מאַן קאַוואַלעריע און 1,200 אַרטילעריע. דאָס איז געווען א מעכטיקע זידאַמעריקאַנער אַרמיי אין יענער צייט.

די לאַגע אין בוענאָס איירעס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן ווערן קריטיש. די אַרטיגיסטן און קאַודיזשאָס פון אייניקע פּראָווינצן האָבן באַדראָט בוענאָס איירעס און דאָס דירעקטאָריום האָט נישט געקאָנט נאָכקומען סאַן מאַרטינס פאָדערונגען. באַזונדערס שאַרף האָט זיך קעגנגעשטעלט דער מיניסטער טאַגלאָ, וואָס האָט אָנגעוויזן אַף דער געפאַר וואָס לויערט פון אַלע זייטן אַף דער נאַציאָ־נאַלער רעגירונג, אָבער צו הילף סאַן מאַרטינס פּלאַן איז אונטערגעקומען די לאָוטאַראָ לאָזשע אין וועלכער עס האָבן נאָך אַקטואירט אייניקע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן און מען האָט איבערצייגט די רעגירונג, אַז עס קאָן פאַרלוירן גיין דער גאַנצער זיג אין טשילע אויב ס׳וועט נישט אונטערגענומען ווערן אַן אַקציע קעגן לימאַ. סאַן מאַרטין האָט אויך פאַרשפּראָכן צוצושטעלן פאַר אַרגענ־טינע אַן אַרמיי פון דריי טויזנט טשילענער רעקרוטן וואָס וועלן אויסגעבילדעט ווערן אין מענדאָסאַ.

פּועירעדאָן האָט דערויף געשיקט מאַנועל אַגירע קיין נאָרדאַמעריקע צו קויפן און באַוואָפענען צוויי זעגל־שיפן און זיי זאָלן זיך לאָזן צום פּאַסיפיק אין דינסט פון סאַן מאַרטין. ס׳זיינען געקויפט געוואָרן די שיפן „האָראַסיאָ” און „קויאַסיאַ”. טשילע האָט געזאָלט באַצאָלן א טייל פון די הוצאות, אָבער דאָס לאַנד איז נאָך דעמאָלט געווען מעלוכיש אַזוי אָרעם, אַז נישט בלויז פאַר די שיפן, נאָר אפילו פאַרן ברענגען די שיפן צו די טשילענער ברעגן האָט די שטאַט־קאַסע נישט געהאַט צו באַצאָלן. אויסער אַגירע וואָס איז געפאָרן קיין נאָרדאַמעריקע האָט די אַרגענטינער רעגירונג געשיקט אַלוואַרעז קאָנדאַרקאַ קיין ענגלאַנד צו קויפן שיפן.

אין טשילע ווידער האָט זיך געמאַכט צו קויפן אַן ענגלישע שיף, וואָס האָט געהערט צו דער קאָמפּאַניע פון אינדיע. די שיף „ווינדהעם” פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט איז געקומען מיט א לאָדונג סחורות קיין וואַלפּאַראַיסאָ, און דער קאַפּיטאַן האָט געלאָזט וויסן, אַז די שיף, א באַוואָפנטע מיט 50 קאַנאָנען און אין גוטן צושטאַנד, פאַרקויפט זיך. סאַן מאַרטין האָט געהייסן די שיף קויפן און דער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער פון אַרגענטינע, גידאָ, האָט גאַראַנטירט פאַרן קויף. די דאָזיקע שיף האָט באַקומען דעם נאָמען לאָוטאַראָ, און מען האָט אַף איר אַרויפגעצויגן די טשי־לענער פאָן. סאַן מאַרטין האָט צובאַקומען די שיפן אינדעפּענדענסיאַ, מאַיפּו,

פועירעדאן און גאלווארינא. ס'איז נאך געקויפט געווארן א צווייטע ענגלישע שיף „קומבערלאנד” און די אלע שיפן זיינען צוגעגרייט געווארן צו א ים־שלאכט מיט די שפאנישע קריגס־שיפן און אויך דורכצופירן דעסאנטן אפן פערואנער ברעג.

דער שפאנישער פלאט וואס איז געווען אין דינסט פונעם וויצע־קעניג פון פערו, האט זיך באמיט אויסצומיידן א קאמף, און זיך צוריקגעצויגן צו צפון. מען האט געוואוסט, אז עס געפינט זיך א שפאנישער שטארקער פלאט אונטערוועגנס מיט 3.000 מאן, וועלכער איז ארויסגעפארן פון קאדיז אפן וועג צו טאלקאהואנא, און שטעלן זיך אין קאנטאקט מיט פערו. דער שפאנישער פלאט איז באשטאנען פון זעקס טראנספארט שיפן מיט דער שיף „מאריא איסאבעל” אין דער שפיץ.

אין אקטאבער 1817 האט סאן מארטין געמאכט דעם וויצע־קעניג פעסועלא אין לימא א פארשלאג דורכצופירן אן אויסטויש פון געפאנגענע. ער האט געשריבן דארט: „איך בין זיכער אז די פ י ל א נ ט ר א פ י ע פון אייער עקסעלענץ וועט לינדערן די ליידן פון דער איצטיקער מלחמה. איך שלאג פאר אייער עקסעלענץ צו טון אזוי און ביידע וועלן מיר האבן דאס פארגעניגן צו האבן געטון עפעס גוטס פאר אונדזערע מיטמענטשן. אונדזערע פריוואטע שטאנדפונקטן האבן גארנישט וואס צו טון מיט אונדזער מעלוכישער פארטרעטונג! דער פאטאלער גורל מאכט אונדז אלס שונאים, נישט קאנענדיק זיך קעגנזייטיק, אבער דאס נאר אין שלאכט”. סאן מארטין האט פארגעשלאגן פעסועלאן ארויסצולאזן די ארגענטינער אימיגראנטן און געפאנגענע, און ער וועט דאס זעלבע טון מיט די שפאניער וואס געפינען זיך געפאנגען אין די פאריייניקטע פראווינצן און טשילע.

דעם בריוו האט ער איבערגעשיקט מיט דאמינגא טאררעס, מאיאר פון דער ארמיי, און געבראכט אים צום פערואנער ברעג האט דער קאמאנדאנט ב א ו ל ע ס, פון דער ענגלישער זעגל־שיף „אמפיאן”, וועלכע איז געשטאנען אין וואלפאראיסא. פאר דער דאזיקער לייסטונג האט סאן מארטין, דורכגעפירט לכבוד באולעס א באל אין הויז פון קאבילדא, צו וועלכן ס'זיינען געקומען די ענגלענדער וואס האבן זיך געפונען אין סאנטיאגא און די אנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן פון שטאט און מיליטער־שעפן. ס'איז געווען איינע פון די גרעסטע פעסטלעכקייט־אקטן. אבער אזעלכע פארוויילונגען בא וועלכע סאן מארטין גופא זאל אויך זיין פריילעך זיינען געווען זעלטן. מען האט סאן מארטינען מייסטנס געזען פארזארגט און אפטמאל מיט ווייטיק, ליידנדיק פון א שווערן רעומאטיזם.

ס'איז אויך קיין חידוש נישט. סאן מארטין האט אונטערגענומען א ריזיקאלישע מיסיע, און געהאט אן א שיעור זארגן בא דער צוגרייטונג פון דעם ארויספאר צו פערו. ער אליין האט דורכגעמאכט די מארשרוטן איבער די אנדן

הין און צוריק און נאָך אַמאָל הין און צוריק. ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר אַ פּלאַט־מאַנשאַפט און געשאַפן אין פּאָרט פון וואַלפּאַראַיסאָ אַן אַקאַדעמיע פאַר מאַרינע טריפּולאַנטן. באַ אַזעלכע אומויפהערלעכע אָנשטרענגונגען איז קיין חידוש נישט וואָס ער האָט געליטן פון שלאָפלאָזיקייט און געמוזט באַנוצן אָפּיום און זיך געפינען אונטער שטענדיקער אויפזיכט פון זיין מעדיקער דר. סאַפּאַטאַ. איינמאָל האָט ער געהאַט אַזאַ שטאַרקן בלוטשטורץ אַז מען האָט שוין נישט געגלויבט צו קאָנען אים ראַטעווען. דער מעדיקער האָט געדאַרפט אַ סך אַרבעטן אים צו ראַטעווען. דער שטאַרקער גייסט צו דערגרייכן די באַ־פרייונג פון פּערו און זיכערן די פרייהייט פון זיין געבורטסלאַנד האָט אָבער אַ סך געהאָלפן צו דערהאַלטן דעם באַפרייער באַם לעבן.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס אין זיד־טשילע

מיט פולן ברען האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער גרויסער עקספּעדיציע קיין פּערו, וואו עס האָט באַדאַרפט פאַרענדיקט ווערן מיט דער שפּאַנישער מאַכט און זיכערן די אומאָפּהענגיקייט פון אַלע דריי לענדער: אַרגענטינע, טשילע און פּערו. פריער אָבער האָט מען נאָך געדאַרפט אָפּרייניקן זיד־טשילע, וואו עס האָט זיך געפונען אין טאַלקאַהואַנאַ אַ שפּאַנישע מיליטער־אָפּטיילונג און מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ שטענדיקע געפאַר.

פאַר זיין אָפּפאָרן קיין בוענאָס איירעס האָט גענעראַל סאַן מאַרטין פאַר־אָרדנט דעם קאָראָנעל לאַס העראַס זיך צו לאָזן מיט אַ דיוויזיע קיין זיד־טשילע, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס רעאַליסטישע מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל אָרדאָניעז. לאַס העראַס איז געקומען מיט זיין מיליטער ביז אַ פּלאַץ מיטן נאָמען קוראַפּאַליהוע, אָדער קוראַפּאַליגוע, נעבן קאָנסעפּסיאָן. אַהין איז אַרויסגעקומען פון טאַלקאַהואַנאַ דאָס מיליטער פון אָרדאָניעז און אונטערגענומען אַן אַטאַקע. די באַפרייונג־אַרמיי האָט זיך געוואָרפן מיט אימ־פּעט אויפן שונא און די שפּאַניער האָבן זיך איילִיק צוריקגעצויגן אין דער פעסטונג פונעם קליינעם האַלב־אינדזל טאַלקאַהואַנאַ (דעם 4טן אַפּריל 1817). לאַס העראַס האָט זיך דערנאָך איינגעאָרדנט מיט זיין מיליטער אויפן בערגל גאַוויליאַן און אָנגעהאַלטן אַ שטרענגע באַלאַגערונג.

פאַר אָרדאָניעזן האָט זיך געשאַפן אַ שווערע און געפערלעכע לאַגע איבערן מאַנגל אין לעבנסמיטלען, און אַזוי ווי די שפּאַניער האָבן באַ זיך געהאַט 300 טשילענער געפאַנגענע, נאָך פון דער שלאַכט אין ראַנקאַגוואַ, האָט אָרדאָניעז צוגעשיקט אַ מעלדונג לאַס העראַסן, אַז אויב ער וועט ביז 24 שעה נישט צו־שטעלן קיין לעבנסמיטלען פאַר די טשילענער געפאַנגענע, וועט ער זיי לאָזן אויסגיין פון הונגער. דערויף האָט לאַס העראַס געענטפערט, אַז די קריגס־

געזעצן פֿאָדערן צו באַשפּייזן די געפֿאַנגענע, און אויב ער קאָן זיי נישט אויס־האַלטן זאָל ער זיי באַפֿרייען. צו גלייכער צייט האָט ער געוואָרנט דעם שפּאַנישן מיליטער־שעף אַז פֿאַר יעדן פּאַטריאָט וואָס וועט שטאַרבן פֿון הונגער אָדער דורך וועלכער אַנדערער אורזאַך, וועלן דערשאָסן ווערן צוויי שפּאַנישע געפֿאַנ־גענע, וואָס ער האָט בא זיך. צו די צוויי טעג זיינען די טשילענער געפֿאַנגענע באַפֿרייט געוואָרן.

פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פֿון טשילע

אין מיטן צעוויקלטן קאַמף האָט סאַן מאַרטין דורכגעפֿירט אַ פּאָליטישע אַקציע וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע און פּאָליטישע ווירקונג. בכדי צוזאַמענצוהאַלטן דאָס פֿאָלק פֿון טשילע און עס דערמוטיקן צו דער באַפֿרייונג־אַקציע אין אייגענעם לאַנד און מיטהעלפֿן דערנאָך אין דער באַפֿרייונג־עקספּע־דיציע אין פּערו האָט ער צוגעגרייט אין סאַנטיאַגאָ די פּראָקלאַמירונג פֿון דער אומאָפּהענגיקייט. ער האָט שוין געהאַט געזען די שוועריקייטן וואָס עס זיינען געווען אין אַרגענטינע, דורכן נישט האָבן באַלד פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענ־גיקייט.

בכדי די פּראָקלאַמירונג זאָל האָבן אַ באַזונדערע יום־טובדיקייט, האָט ער פֿאָרגעשלאָגן צו טון עס דעם 12טן פֿעברואַר צום יאָר פֿונעם זיג אין טשאַ־קאַבוקאָ. דאָס איז געווען אין אַ מאָמענט פֿון גאָר גרויסער מיליטערישער געפֿאַר, ווייל ס'איז שוין געהאַט געקומען דער שפּאַנישער מיליטער־שעף גענ. אָסאָריאָ מיט אַ גרויסער פֿאַרשטאַרקונג־אַרמיי קיין טאַלקאַהואַנאַ.

אייגנטלעך איז די אומאָפּהענגיקייט פֿון טשילע געווען שוין אַ פֿאַקט און די פּראָקלאַמירונג איז געווען בלויז אַ פֿאָרמאַליטעט. דאָך איז נויטיק געווען אין יענעם מאָמענט די דאָזיקע פֿאָרמאַליטעט און ס'איז געווען געוואונטשן נישט אָפּצוציען דערמיט. אזוי ווי ס'איז נישט מעגלעך געווען צו פֿאַרופֿן אַ נאַציאָנאַלן קאָנגרעס איז דורכגעפֿירט געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער 1817 אַן אָפּשטימונג מצד דער בירגערשאַפֿט און ס'איז דערנאָך צוגעגרייט געוואָרן דער אַקט פֿון דער פּראָקלאַמירונג. די קאַטוילישע גלחים האָבן געוואָלט דורכאויס אַז ס'זאָל בא דער געלעגנהייט פּראָקלאַמירט ווערן דער קאַטוילישער גלויבן אַלס רעליגיע פֿון לאַנד, מורא האָבנדיק אַז שפּעטער זאָלן די ליבעראַלן עס נישט וועלן אַריינעמען אין דער קאָנסטיטוציע, אָבער אָ'היגינס איז געווען קעגן דעם און דערקלערט, אַז ס'דאַרף בלויז פּראָקלאַמירט ווערן די אומאָפּהענגיקייט אָן שום ווייטערדיקע באַוואָרענישן. ער האָט אין דאָזיקן דאָקומענט נישט געוואָלט לאָזן אַריינמישן זייטיקע ענינים. עס דאַרף פֿייערלעך דערקלערט ווערן בלויז די אומאָפּהענגיקייט אין נאָמען פֿון פֿאָלק, און לאָזן וויסן דער מענטשהייט אַז די

קאָנטינענטאַלע טעריטאָריע פון טשילע און אירע אַרומיקע אינדזלען „בלייבן דורך טאַט און רעכט א פרייער, אומאָפּהענגיקער און סואווערענער שטאַט, אָפּ שטענדיק אָפּגעזונדערט פון דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע". דער דאָזיקער אַקט איז אויסגעשטעלט געוואָרן סוף 1817 און אונטערצייכנט געוואָרן פונעם העכסטן דירעקטאָר אין זיין הויפּטקוואַרטיר אין קאָנסעפּסיאָן דעם 1טן יאַנואַר 1818.

אין באַשטימטן טאָג, דעם 12טן פעברואַר, גאַנץ פאַרטאָג האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס פאָלק פון סאַנטיאַגאָ אָפּ דער פּלאַסאַ מאַזשאָר און עס האָט זיך אויסגעשטעלט מיליטער אין דער רייע. ס'איז געווען אויפגעשטעלט א רייך־באַפּוצטע טריבונע, באַפּלאַגט מיט טשילענער און אַרגענטינער פאָנען און אין מיטן דאָס בילד פון סאַן מאַרטין. ווען עס האָט זיך באַוויזן די זון האָט מען פון דער פּלאַסאַ אויס געקאָנט זען אַרויפציען אָפּ די פאַרשניטע קאָרדילערן א גרויסע טשילענער פאָן. די אַרטילעריע האָט אָפּגעפייערט א דרייפאַכן זאַלפּ און די שול־קינדער און פאָלק האָבן געזונגען די הימנען. די טריבונע איז ניין אַזייגער פאַרנומען געוואָרן פון דער אָפיציעלער סוויטע. אָ'היגינס האָט זיך דערמאָלט געפונען צווישן טאַלקאַהואַנאַ און טאַלקאַ אין א פאַרטיידיקונג־פּאָזיציע. דעריבער האָט ער נישט געקאָנט בייזיין די פייערלעכע צערעמאָניע. זיין אָרט האָט פאַרנומען באַם אַקט דער פאַרטרעטער לואיס דע לאַ קרוז. נעבן אים האָבן זיך געפונען דער פאָרשטייער פון אַרגענטינע (פּאַרייניקטע פּראָווינצן) טאָמאַס גידאָ. ס'זיינען אויך בייגעווען סאַן מאַרטין, הויכע גייסטלעכע, מיליטער־שעפן און פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן.

דער פּראָקוראָר פון דער אַפּעלאַציע קאַמער האָט געהאַלטן א קורצע רעדע, זאָגנדיק: „איר גייט פּראָקלאַמירן דעם העכסטן געזעץ פון דער נאַטור. איר גייט אייך דערקלערן פריי און אומאָפּהענגיק. איר גייט פריי מאַכן אייערע ימים פאַרן האַנדל מיט אַלע פעלקער, וואָס וועלן ברענגען שפע און קולטור; איר גייט עפענען פאַר אייערע קינדער די קאַריערע פון כבוד; דער אומענדלעכער סיסטעם פון שפּאַניע האָט אונדז איבערצייגט אין לויף פון אַכט יאָר, אַז עס קאָן נישט זיין קיין רו און פרידן אין אַמעריקע, אויב מען געווינט זיך עס נישט דורך אָנשטרענגונג און אַנטשלאָסנקייט".

ס'איז געלייענט געוואָרן באַלד דער פּראָקלאַמירונג־אַקט פון דער אומאָפּהענגיקייט, וואָס אַלע האָבן אויפגענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. עס האָט דערנאָך אָפּגעגעבן די שבועה דער אומאָפּהענגיקייט, דער פאָרשטייער פונעם העכסטן דירעקטאָר, שווערנדיק באַם הייליקן עוואַנגעליום. דערנאָך האָט אָפּגעגעבן די שבועה דער בישאָף, צוגעבנדיק אין דער שבועה די ווערטער אַז ער שווערט, ווייל ער גלייבט אַז דאָס איז דער ווילן פון אויבערשטן. עס האָט צולעצט געשוואוירן דאָס פאָלק און מיליטער וואָס איז פאַרזאַמלט געווען אָפּ דער פּלאַסאַ, צו פאַרטיידיקן מיט זייער לעבן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט.

דער אַרציבישאָף פון סאַנטיאַגאָ, וואָס האָט אָפּגענומען די שבועה האָט געפרעגט סאַן מאַרטינען, צי ער האָט אויסגעשוואוירן דער אומאָפּהענגיקייט פון טשילע, און דער באַפרייער האָט געענטפערט מיט א שמייכל: „יאָ, א סך! א סך!"

אין זעלבן טאָג האָט אויך די אַרמיי פון זיד, אינעם ריקצוג פון טאַלקאַ־הואַנאַ, באַגריסט מיט קאַנאָנען זאַלפּן דעם אַניווערסאַר פונעם זיג אין טשאַ־קאַבוקאָ און די געבורט פון דער טשילענער רעפּובליק, וועמענס אָפּקלאַנג איז געהערט געוואָרן אין שפּאַנישן לאַגער אין זיד פון מאולין. דאָס איז געווען די צווייטע זידאַמעריקאַנער רעפּובליק וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אומאָפּ־הענגיק מיט דער הילף פון סאַן מאַרטין.

אָ'היגינס האָט פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט אין טאַלקאַ און געלאָזט זיין מיליטער דאָרט אָפּגעבן די שבועה. דאָס זעלבע איז געטון געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער נייער רעפּובליק אין לויף פון חודש פעברואַר.

VI

די נידערלאַגע בא קאַנטשאַ ראַזשאַדאַ

דער וויצע־קעניג פון פערו, מיטן זיץ אין לימאַ, כאָאַקין דע לאַ פּ ע ס ו ע ל אַ, האָט געהאַט אַרויסגעשיקט סוף 1817 אַן אַרמיי פון פינף טויזנט מאַן קיין טאַלקאַהואַנאַ, אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין איידעם גענעראַל מאַריאַנאָ אָ ס אָ ר י אָ, וועלכער האָט געדאַרפט איבערנעמען די מלוכה אין טשילע אין פאַל פון אַ זיג. דאָס איז דערזעלבער מיליטער־שעף וואָס האָט צעקלאַפּט די טשילענער אין ראַנקאַגואַ, איידער סאַן מאַרטין האָט אונטערגענומען זיין עקספּעדיציע.

פאַר לאַס הערראַס האָט זיך געשאַפן אַ שווערע לאַגע בא טאַלקאַהואַנאַ. ס'איז פון לימאַ קודם געקומען קיין טאַלקאַהואַנאַ אַ פאַרשטאַרקונג פון 1.600 מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון קאָראָנעל סאַנטשעז, אַזוי אַז ראָדריגעז האָט שוין געהאַט איבער 4.000 מאַן און זיך געגרייט צו אַן אַרויסטריט אַף צו ברעכן די באַלאַגערונג. דערצו האָט נאָך געזאָלט קומען אָסאָריאָ מיט זיין מעכטיקער אַרמיי.

צום חודש זייט דער געליטענער מפּלה אין קוראַפאַליגוע, דעם 5־טן מאַי 1817, האָט אָרדאָניעז אונטערגענומען אַן אַטאַקע, און אין דערדאָזיקער אַטאַקע האָבן זיך באַטייליקט 1.000 סאָלדאַטן אינפאַנטעריע, 6 קאַנאָנען און 7 אַרטילעריע־שיפלעך אַרום ברעג פונעם האַלבאינדזל, 300 רייטער און אַ פאָר הונדערט געהילפן פון אַפּראָוויזאַציע. די שלאַכט איז געווען אַ בלוטיקע, אָבער לאַס הערראַס האָט צולעצט געזיגט. ס'זיינען אָפּגענומען געוואָרן בא די שפּאַניער 3 קאַנאָנען, 25.000 ביקסן־קוילן, 300 ביקסן, 86 פערד און מויל־אייזלען, מערערע קאַסטנס מיט פאַרשידענער אַמוניציע און 80 געפאַנגענע. אויסערדעם האָבן די שפּאַניער פאַרלוירן 190 מאַן טויט און אַ סך פאַרוואונדעטע.

אין זעלבן טאָג שפּעט נאָכמיטיק, נאָכן אָפּגעהאַלטענעם זיג פון לאַס הערראַס איז געקומען צום קאַמפּס־פּלאַץ אָהיגינס מיט אַ גרויסער טשילענער אַרמיי. געקומען איז ער אייליק, ווייל ער איז געוואָר געוואָרן אַז דער וויצע־קעניג פון פערו, פּ ע ס ו ע ל אַ, האָט אַרויסגעשיקט גענעדאַל אָסאָריאָ מיט אַן אַרמיי קיין טאַלקאַהואַנאַ.

דער פּלאַן פון וויצע־קעניג פון פערו איז געווען פאָלגנדער: אָסאָריאָ מיט

אָרדאָניעז זאָלן ברעכן די באַלאַגערונג און אין דער צייט וואָס אָרדאָניעז וועט פאַרפאָלגן די פּאַטריאָטן זאָל אָסאָריאָ מיט זיין מיליטער פאַרלאָזן טאַלקאַהואַנאָ, זיך פאַרשיפן און אָפּפאָרן צו נאָרדן, אויסשיפן זיך אין סאַן אַנטאָניאָ און מאַכן אַן איבעררעשונגס איבערפאַל אַף סאַנטיאַגאָ, וואו עס האָט זיך געזאָלט געפונען סאַן מאַרטין.

אָהיגינס און לאַס הערעראס האָבן געהאַט באַראַטונגען וויאַזוי צו שטורמען טאַלקאַהואַנאָ און אינצווישן איז אָנגעקומען אַלס שליח פון סאַן מאַרטין דער פראַנצויזישער גענעראַל בראַיער. סאַן מאַרטין גופא איז געווען קראַנק און זיך געפונען אין מענדאָסאַ, און ווויסנדיק פונעם פּלאַן צו שטורמען טאַלקאַהואַנאָ האָט ער געשיקט דעם נאַפּאָלעאָנישן גענעראַל בראַיער, וועלכער האָט שוין מיטגעמאַכט מערערע שלאַכטן אין אייראָפּע. גענעראַל בראַיער האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן, וועלכער איז געווען נישט אין אָנקלאַנג מיט דער מיינונג פון לאַס הערעראַס, אָבער צולעצט האָבן אַלע דריי מיליטער־שעפן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס האָט געשיינט צו זיין גינסטיק. לאַס הערעראס האָט אַף זיך גענומען דעם געפערלעכסטן פונקט פון דער אַטאַקע, אַ פּלאַץ אונטערן נאָמען „מאָרראָ".

די אַטאַקע אַף דער באַלאַגערטער שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן דעם 6־טן דעצעמבער 1817 צוויי אַזייגער פאַרטאָג. לאַס הערעראס האָט אָפּגענומען דעם אָנגעצייכנטן פונקט „מאָרראָ" אָבער ער האָט פאַרלוירן דערביי אכט אָפיצירן און אַ גרויסן טייל פון זיין מיליטער, און צולעצט האָט ער פאַראָרדנט אַ ריקצוג. די אַנדערע צוויי גרופּעס האָבן אויך געליטן גרויסע פאַרלוסטן. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן אויפצוגעבן די באַלאַגערונג און זיך צוריקציען צו נאָרדן, אַף צו פאַרייניקן זיך מיט סאַן מאַרטין.

גענעראַל סאַן מאַרטין האָט אין מענדאָסאַ איילִיק צוגעגרייט אַ נייע גרויסע אַרמיי פון גראַנאַדירן, אינפאַנטעריע און גאַוטשאָס, צוזאַמענגעבראַכט פון בוענאָס איירעס, סאַלטאַ און כוכוי, און אַריבערגעקומען קיין טשילע, אַף איבערצונעמען די קאָמאַנדע. סאַן מאַרטין האָט איינגעאָרדנט זיין לאַגער באַם ברעג ים אין אַ גוט מיטן נאָמען „לאַס טאַבלאַס" און האָט פאַראָרדנט אָהיגינסן לאַנגזאַם זיך צוריקציען.

אָסאָריאָ מיט זיין מיליטער האָבן זיך אויסגעשיפט אָנהויב יאַנואַר 1818 אין טאַלקאַהואַנאָ, און באַלד אונטערגענומען אַ פאַרפאָלגונגס אַקציע. ער איז אַרויס פון טאַלקאַהואַנאָ מיט איבער 5.000 מאַן, געקליבענע סאָלדאַטן און גוט באַוואָפנט. דאָס זיינען געווען סאָלדאַטן, געבראַכט פון שפּאַניע, אינפאַנטעריע, קאַוואַלעריע און אַרטילעריע פון די קאָרפּוסן „בורגאָס", „פּרינץ דאָן קאַרלאָס" און „קעניגס לאַנצערס", אַזאַ געקליבן מיליטער מיט וועלכן אָסאָריאָ איז געווען זיכער צו זיגן.

אַן ערשטער צוזאַמענשטויס באַם טייך לאָנטוע און אַ צווייט מאָל באַם טייך מאַולע איז אויסגעמיטן געוואָרן. אָסאָריאָ האָט מיאָמאָל זיך געזען אין

אַ געפֿאַר אַרומגערינגלט צו ווערן, האָט ער אויסגעמיטן אַ שלאַכט און זיך פֿאַרשלאָסן אין טאַלקאַ.

גענעראַל אָרדאָניעז, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אָפּט בײַ באַנאַכטיקע איבעררײַשונגס איבערפֿאַלן, האָט געראָטן גענעראַל אָסאָריאָ אויך צו מאַכן אַזאַ איבעררײַשונגס אַטאַקע אַף דעם פּאַטריאָטישן לאַגער בײַ טאַלקאַ.

די פּאַטריאָטישע אַרמייען האָבן זיך געפֿונען אין נאָרדן פֿון טאַלקאַ, אַף אַ פּלאַץ מיטן נאָמען „קאַנטשאַ ראַזשאַדאַס". דאָס איז אַ טאָל, וואו עס פֿלעגן פֿאָרקומען פֿערד־געיעגן, און ווייל ס'זיינען דאָרט געווען אייניקע געצייכנטע ליניעס אלס סמנים, האָט מען דעם פּלאַץ גערופֿן „ראַזשאַדאַ" (געצייכנטער). דאָרט האָבן די אַרגענטינער־טשילענישע מיליטערישע שעפֿן אָנגעהויבן צוגרייטן זייער מיליטער צו אַן אַטאַקע.

אָסאָריאָ אָבער האָט אַף דער עצה פֿון אָרדאָניעז געמאַכט אַן איבעררײַשונגס איבערפֿאַל אַף די פּאַטריאָטן און זיי צעקלאַפּט. אין איינעם אַן אָוונט האָבן די שפּאַניער זיך אַ לאָז געטאָן פֿון טאַלקאַ אַרויס צום לאַגער פֿון קאַנטשאַ ראַזשאַדאַ, פּונקט אין דעם צייט ווען ס'זיינען געמאַכט געוואָרן די לעצטע צוגרייטונגען אינעם לאַגער פֿון די פּאַטריאָטן אונטערצונעמען די אַטאַקע דעם אַנדערן אינדערפֿרי, און ס'איז פֿאָרגעקומען אַ שרעקלעך בהלהדיקער צוזאַמענשטויס (דעם 19־טן מערץ 1818). די אַרגענטינער־טשילענער באַטאַליאָנען זיינען אַזוי צערודערט געוואָרן דורכן איבעררײַשונגס איבערפֿאַל, אַז אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט האָבן זיי זיך קעגנזייטיק באַשאָסן. די מויל־אייזלען און פֿערד זיינען זיך צעלאָפֿן מיט די מוניציע לאַדונגען און לעבנסמיטלען. אָהיגינס איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין אָרעם און האָט זיך קוים געראַטעוועט. די קאַטאַסטראָפֿע איז געווען אַ גרויסע בײַ דער פּאַטריאָטישער אַרמיי, אָבער אויך די שפּאַניער האָבן שטאַרק געליטן און געבליבן דעסאָרגאַניזירט. אָסאָריאָ האָט געהאַט אַ סך מער טויטע און פֿאַרוואונדעטע ווי די באַפֿרייאונגס־אַרמיי. פֿון דער לעצטער האָבן הויפּטזעכלעך געליטן בראַיערס און אָהיגינס, דאַקעגן לאַס הערעסן איז עס געלונגען צו ראַטעווען זיין גאַנצע דיוויזיע, אין באַשטאַנד פֿון 3.300 מאַן, ווי אויך אַנדערע באַטאַליאָנען וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו אים בײַם פֿאַרלאָזן דאָס שלאַכט־פֿעלד אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט.

אין יענעם באַנאַכטיקן צוזאַמענשטויס האָבן זיך אַרומגעיאָגט ווי צעדולטע 14.000 סאָלדאַטן און 3.000 פֿערד מיט געשרייען, שיסעריי און געלויף און דאָס שלאַכטפֿעלד איז באַדעקט געוואָרן מיט מאַסן קרבנות. ווי געזאָגט איז דער איינציקער אַרמיי־טייל וואָס איז אַרויס נישט שטאַרק געשעדיקט, געווען דער פֿון לאַס הערעאַס, און דאָס איז געווען אַ גרויס גליק פֿאַר אַ שפּעטערדיקער שלאַכט. לאַס הערעאַס האָט זיך געלאָזט מיט זיין אַרמיי צו נאָרד אָן שום געפֿאַר פֿון פֿאַרפֿאָלגונג, גייענדיק אין דער ריכטונג צו טרעס מאָנטעס. ער איז אַריבער דעם טייך לירקאַי און דעם אַנדערן אינדערפֿרי גערוט אין קאַמאַ־

ריקאַ. דערנאָך איז ער געקומען קיין סאַנטיאַגאָ. סאַן מאַרטין און אָהיגינס האָבן אָנגעהויבן זאַמלען די רעשט געבליבענע סאָלדאַטן אין קעטשערעגואַס. די קריגס־מאַטעריאַלן, וועגענער, אַרטילעריע, אַלעס איז געבליבן אַפן שלאַכטפעלד. אין לויף פון דער צייט צווישן 19־טן מערץ און דעם 1־טן אַפריל האָט לאַס העראַס געשאַפן אַ פרישע קאַמפּס־אַרמיי אין סאַנטיאַגאָ, אין באַשטאַנד פון פינף טויזנט מאַן, אַלע גוט באַוואָפנט.

די נידערלאַגע אין קאַנטשאַ ראַזשאַדאַ האָט אַרויסגערופן אַ בהלה אין סאַנטיאַגאָ. עס האָבן דאָרט און וואַלפּאַראַיסאָ זיך פאַרשפּרייט אַלערליי קלאַנגען. קיינער האָט נישט געוואוסט וואו עס געפינען זיך סאַן מאַרטין און אָהיגינס. מען האָט גערעדט אַז זיי זיינען געפאַלן טויט און מען האָט שוין געהערט דאָ און דאָרט אַאויסרופן „וויוואַ על רעי!" עס האָט געהייסן אַז מען האָט געזען סאַן מאַרטינען באַגיין זעלבסטמאָרד. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז סאַן מאַרטין און אָהיגינס זיינען אַנטלאָפן פון וואַלפּאַראַיסאָ דורכן ים־וועג און די שפּאַניער גייען אין פולסטן מאַרש אַף דער הויפּטשטאָט.

סאַנטיאַגאָ איז געוואָרן פול מיט אייזלען און מויל־אייזלען אין די גאַסן. מאַסן האָבן געפּאַקט זייער האָב און גוטס אַף צו לאָזן זיך איבער די קאָרדיליערן קיין קוזשאָ. אַפילו מלוכה־באַאַמטע האָבן זיך געלאָזט אַפן זעלבן וועג. דאָס פאָלק האָט זיך געפונען פאַרצווייפלט פונקט ווי נאָך דערנידערלאַגע אין 1814 באַ ראַנקאַגואַ. אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג איז געקומען די דערפרייענדיקע ידיעה אַז לאַס העראַס מיט זיין אַרמיי פון 3.500 מאַן איז געקומען אומבאַשעדיקט קיין סאַן פערנאַנדאָ. דערנאָך איז געקומען די ידיעה אַז סאַן מאַרטין לעבט און געפינט זיך אין ריקצוג אַפן וועג צו סאַן פערנאַנדאָ.

עס האָט ווידער אויפגעוואַכט אַ האָפענונג. מען איז זיכער געווען אַז אויך אָהיגינס לעבט, און דאָס האָט זיך אויך באַשטעטיקט.

אין די טעג פון אומזיכערקייט האָבן פיינטלעכע עלעמענטן אויפגעהויבן די קעפּ און געווילדעוועט אין סאַנטיאַגאָ. אַ טייל איינוואוינער זיינען אויס מורא פאַרן אַריינמאַרש פון שפּאַנישן מיליטער אַנטלאָפן פון סאַנטיאַגאָ און אַ המון האָט זיך געלאָזט אַף רויב. עס זיינען געפּלינדערט געוואָרן געשעפטס־און וואוין־הייזער. ענגלישע קאָמערציאַנטן האָבן דאַמאָלסט געבילדעט אַ מיליץ הוזאַרן פון טויט אַף צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, און טשילענער איינוואוינער האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זייערע הייזער.

באַלד אָבער נאָכן אָנקומען פון דער ידיעה וועגן לאַס העראַס צוריקקער און וועגן סאַן מאַרטין האָט די לאַגע זיך געענדערט: דער שטעלפאַרטרעטער פון אָהיגינס, קרוז, און דער פּאַטריאָטישער קאָודיזשאָ מאַרטין ראָדריגעז האָבן אָנגענומען מיטלען צו באַרואיקן די געמיטער און צוריקשטעלן די אָרדענונג. עס זיינען געשיקט געוואָרן שליחים צו די קאָרדיליערן דורכגענג צו פאַרשפּאַרן די דורכגענג און נישט לאָזן קיין אַנטלויפן.

דער קאַמף ב״י קאָנטשא ראַזשאַדא און שפּעטער באַ מאַיפּאָ



א וואָך נאָך דעם גרויסן אומגליק באַ קאַנטשאַ ראַזשאַדאַ איז געקומען אַף א פערד צו רייטן מיט א באַנדאַזשירטער האַנט אָ׳היגינס קיין סאַנטיאַגאָ. ער איז געקומען באַגלייט פון די אַרגענטינער שעפן קינטאַנאַ, סאַפּיאָלאַ, נעקאָטשעאַ, מעילאַן און מאַרטינעז. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע אין הויז פון דער אַלמאָנע מאַקענאַ און דאָרט אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג און באַשלאָסן צו בילדן א זיכער־קייטס ראַט אויפצוהאַלטן די אָרדענונג און רעאָרגאַניזירן דאָס מיליטער.

צו דערזעלבער צייט האָט סאַן מאַרטין אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג מיט לאָס העראַס אין סאַן פערנאַנדאָ און אָנגעהויבן דאָרט רעאָרגאַניזירן דאָס מיליטער וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָרט. דערנאָך האָבן ביידע שעפן מיט זייער מיליטער זיך געלאָזט קיין סאַנטיאַגאָ וואו מען האָט געוואַרט אַף זיי אין אַנגסטלעכער שפּאַנונג.

אונטערוועגנס קיין סאַנטיאַגאָ באַם דערנענטערן זיך צום גוט פון פּ אַ י נ ע, איז די גוט־באַזיצערן פּ אַ ו ל אַ ד ע ר אָ כ אַ ק ע־מ אַ ד אַ מיט אירע זין און פּעאָנעס אַרויסגעקומען אַנטקעגן סאַן מאַרטינען און אים געזאָגט: „איך שטעל אייך צו דינסט מיין גאַנץ פאַרמעגן, מיין גאַנצע פאַמיליע און אויך מיך גופא, אַף אָנצושליסן אין אייער אַרמיי״. סאַן מאַרטין האָט זי באַרואיקט, זאָגנדיק: „דאָס אומגליק וואָס מיר האָבן געהאַט איז נישט געווען אַזוי שווער, אַף צו פאַרצווייפלען. מיר וועלן רעאָרגאַניזירן די כוחות און צעשמעטערן דעם שונא אַף שטענדיק״.

סאַר מאַרטין האָט אַריינמאַרשירט קיין סאַנטיאַגאָ דאָנערשטיק דעם 25־טן מערץ 1818 נאָכמיטיק, א טאָג שפּעטער ווי אָהיגינס. ער איז געקומען באַגלייט פון זיין מעדיקער קאָראָנעל פאַרראָססיענס און זיין אַדיוטאַנט קאַפּיטאַן אָבריען, ביידע ענגלענדער. ווען סאַן מאַרטין איז געקומען האָבן געקלינגען די קירכן־גלעקער און עס זיינען אַף דער פּלאַסאַ אָפּגעפייערט געוואָרן אַרטילעריע־זאַלפן. דאָס איז געווען אַפן זעלבן אָרט וואו ס׳איז מיט זעקס וואָכן צוריק פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד.

דער ענגלענדער סעמועל האַי וואָס איז בייגעווען דעם אַריינקום פון סאַן מאַרטין דעמאָלסט האָט געשילדערט דעם באַפרייער מיט פאָלגנדע ווערטער: „איך בין געווען אין פּלאַץ ווען ס׳איז געקומען דער אַרמיי־שעף. ער האָט אויסגעזען צו זיין זייער מיד, און געווען באַדעקט מיט שטויב. ער האָט נישט געהאַט געביטן די קליידונג, אַפילו נישט די שטיוול זייט עטלעכע טעג. דאָך, טראָץ דער מידקייט איז ער געווען אין גוטער שטימונג״.

אַזוי איז ער געווען דער גראַן קאַפּיטאַן, ווען ער האָט זיך געפונען אין מיטן קאַמף, טראָץ זיין געבראָכענעם געזונטצושטאַנד. ער האָט שטענדיק געוואוסט ווי אַזוי זיך צו האַלטן, אַף צו דערמוטיקן זיינע אַרומיקע אין שווערע מאָמענטן.

דער עולם האָט שנעל זיך פאַרזאַמלט אַרום רעגירונגס־פּאַלאַץ און געשטור־רעמט אַז סאַן מאַרטין זאָל זיך ווייזן און. ער האָט זיך געזען געצוואונגען צוצוקומען צום באַלקאָן און זיך ווייזן פאַרן פאָלק. דאָס איז אָבער נישט גענוג געווען. עולם האָט נישט אָפּגעטראָטן פון רעגירונגס־פּאַלאַץ, ביז סאַן מאַרטין איז אַרויסגעקומען, און דאַמאָלסט ערשט רעכט אים אָוואַציאָנירט. ער האָט זיך איינגעזעצט אויפן פערד און אַזויווי עולם האָט אַלץ געשטורעמט האָט ער געמוזט זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

„טשילענער! — האָט ער געזאָגט — איינע פון יענע געשעענישן וואָס איז נישט מעגלעך אויסצומיידן האָט געבראַכט צו אַ דורכפאַל פון אונדזער אַרמיי. ס'איז נאַטירלעך אַז דער אומדערוואַרטעטער קלאַפּ און אומזיכערקייט זאָל אויך ברענגען צו וואַקלען. אָבער ס'איז שוין צייט זיך אומצוקערן צו באַרואיקונג און זען אַז די אַרמיי פון פּאַטערלאַנד זאָל קאָנען דורכפירן מיט רום דעם קאַמף מיטן שונא; אַז אייערע וואָפן־חברים זאָלן זיך אייליק צוזאַמענקומען און אַז ס'זאָל זיין אומדערשעפּלעך די רעקורסן פון פּאַטריאָטיזם. די טיראַנען האָבן נישט אָוואַנסירט קיין איין איבעריקן פּונקט פון זייער פאַרשאַנצונג. איך לאָז אין גאַנג אַן אַרמיי פון איבער פיר טויזנט מאַן, נישט רעכענענדיק די מיליץ. דאָס פּאַטערלאַנד עקזיסטירט און וועט זיגן, און איך גיב מיין ערנוואָרט צו געבן אין גיכן אַ טאָג פון רום פאַר זיד־אַמעריקע".

דאָס זיינען געווען רייד פון אַ מאַן וואָס איז געווען זיכער אין זיין מיליטערישן כוח, און ער האָט אויך גאָר אינקורצן אָפּגעהאַלטן דעם אַנטשידענעם זיג, וואָס האָט געזיכערט פאַר טשילע די אומאָפּהענגיקייט.

דער זיג בײַ מאַיפּו

סאַן מאַרטין האָט פאַרשטאַנען אַז נאָך יענער שלאַכט בײַ טאַלקאַ וועט גענעראַל אָסאָריאָ אונטערנעמען אַן אָוואַנס אויף סאַנטיאַגאָ. ער האָט נאָר נישט געקאָנט וויסן צי ער וועט עס טאָן דורך דער יבשה צי דורכן ים־וועג און וואַל־פּאַראַיסאָ. אַלציינס אָבער איז נויטיק געווען צו זיין גרייט צו אַ נייעם קאַמף. קודם כל האָט מען באַדאַרפט גוט באַטראַכטן פאַר וואָס ס'איז געקומען צו דער מיליטערישער קאַטאַסטראָפע אָף צו קאָנען אויסמיידן אַ נייעם קלאַפּ. צווייטנס שטודירן די איצטיקע לאַגע פונעם שונא.

אין איינעם אַן אָוונט איז סאַן מאַרטין זיך צוזאַמענגעקומען מיטן קאַפּיטאַן מיללער, אַן ענגלענדער, און האַי, אויך אַן ענגלענדער, אין הויז פון זייערן אַ לאַנדסמאַן אין סאַנטיאַגאָ, דער סוחר מר. בעגג, און בײַ אַ וועטשערע אַרומגע־רעדט די לאַגע.

„דאָס אומגליק איז געקומען דורכן פּאַניק וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס

מיליטער, האָט געזאָגט מיללער, אָבער עס וועט זיך באַלד אין גאַנצן ענדערן ווען דאָס מיליטער וועט צוריק געשטעלט ווערן אין אָרדענונג״.

אויך סעמועל האַי איז געווען מיט דערזעלבער מיינונג. „די שפּאַניער, האָט ער געזאָגט, האָבן נישט געהאַט קיין שום מיליטערישן געווינס אין קאַנטשאַ ראַזשאַדאַ. דער רעגימענט נומער 8 פון נעגערס האָט אָפּגעהאַלטן באַלד די צוויי ערשטע קאָלומנעס שפּאַניער. באַ זיי איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע צערודערונג אין דער טונקל און זיי האָבן זיך געשלאָגן איינער מיטן אַנדערן איבער דער צעמישונג. זיי האָבן אויך זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אַף רויב געבנדיק צייט לאָס הערמאָסן צוריקצוציען זיך מיט זיין דיוויזיע אומבאַשעדיקט״.

דער אמת איז אויך געווען אַז די באַפרייאונגס־אַרמיי האָט פאַרלוירן בלויז 120 מאַן און אַ ביסל וואָפן, ווי אויך אַ געוויסע צאָל געפאַנגענע און פאַרוואונדעטע.

מען האָט זיך געמוזט דאַריבער וואָס גיכער נעמען צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי. סאַן מאַרטין האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט צו דער באַפעל־קערונג, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט:

„דער גענעראַל באַט אַן מיט זיין קאָפּ, נישט צו לאָזן קיין איינעם פון שונא אין לאַנד, אויב די בירגער גלויבן אין זיין וואָרט; אָבער ער פאָדערט אַלס באַדינג צו העלפן אים דאָס צו דערגרייכן. די רעגירונג וועט פאַר אַלעס גיט באַצאָלן״.

ס׳איז געפאָדערט געוואָרן אין מאַניפעסט 4.000 מויל־אייזלען און לעבנס־מיטלען.

דער קאָראַנעל לאָס הערראָס איז דעם 29־טן מערץ 1818 געקומען אין לאַגער פון מאַלינאָ מיט 3.200 מאַן, און סאַן מאַרטין האָט אים אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג דערהויבן צום ראַנג פון דיוויזיע־שעף. מיט פריש־צוזאַמענגענו־מענע סאַלדאַטן איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרמיי פון 4.000 מאַן און עס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן נעבסטן צוזאַמענשטויס אַז „יעדער סאַלדאַט דאַרף זיין באַזאָרגט מיט הונדערט קוילן און צען שטיינער, די העלפט מיט זיך און די אַנדערע העלפט הינטערן קאָרפּוס. פאַרן אַריינטרעטן אין קאַמף זאָל מען אים געבן אַ גלאָז ווייַן אָדער בראָנפן — נאָר בעסער דאָס ערשטע. די שעפן זאָלן מאַכן אַ שאַרפע וואָרענונג די סאַלדאַטן, אונטער דער שטראָף פון זיין לעבן דעם וואָס וועט אַרויסטרעטן פון דער רייע צו אַוואַנסירן אָדער זיך צוריקציען. עס זאָל געזאָגט ווערן די סאָלדאַטן קלאָר און אַנטשידן, אַז אויב מען דאַרף זיך צוריקציען מוז עס זיין בלויז דורכן באַפעל פונעם שעף. אויב די אינפאַנ־טעריע אָדער קאַוואַלעריע וועט אַטאַקירט ווערן מיט שווערדן, זאָל געענטפערט ווערן מיט דער שווערד און באַיאָנעט. די פאַרוואונדעטע וואָס וועלן נישט קאָנען שטיין אַף די פיס זאָלן נישט געראַטעוועט ווערן אין צייט פון קאַמף, ווייל דאַרפנדיק פיר מאַן פאַר יעדן קאָן אָפּגעשוואַכט ווערן די קאַמפס־ליניע. אפן

אָרט וואו עס וועט זיין דער שעף גענעראַל דאַרף אַרויסגעהאַנגען ווערן די טשילענער פאַן און וואו ס'וועט זיין דער לאַגער זאָל זיין די קאַמפּס־פאָן. ווען כ'וועט אַרויסגעהאַנגען ווערן אַפן אָרט וואו עס געפינט זיך דער שעף די טשילענער פאַן, די אַרגענטינער און די קאַמפּס־פאָן זאָל דאָס מיליטער אויסרופן „זאָל לעבן דאָס פאָטערלאַנד". און באַלד דאַרויף זיך וואַרפן מיט דער שווערד אַפן שונא, און אים פאַרפאָלגן. ווען דער קלאַרנעט וועט רופן זאָלן אַלע זיין אין דער ליניע"

ווייטער האָט זיך געזאָגט אינעם צוגרייטונגס־באַפעל, אַז די שעפן פונעם הויפּט־שטאַב דאַרפן זען, אַז די פאַרשטייענדיקע שלאַכט דאַרף אַנטשיידן דעם גורל פון גאַנץ אַמעריקע, און אַז ס'איז בעסער צו האָבן אַן ערנהאַפטן טויט אַפן שלאַכטפעלד איידער צו שטאַרבן אין די הענט פון די תלינים. „איך בין זיכער אינעם זיג, מיט דער הילף פון די אַרמיי־שעפן וועמען איך גיב איבער דעמדאָזיקן באַפעל. איך רעקאָמענדיר די קאַוואַלעריע־שעפן צו לאָזן אינעם רעטגאַרד אַ מאַנשאַפט פון 25־30 סאָלדאַטן, צו צעשמעטערן די וואָס וועלן פּרואוון אַנטלויפן, ווי אויך צו פאַרפאָלגן דעם שונא אין דער צייט וואָס דער סקוואַדראָן וועט זיך רעאָרגאַניזירן. אַזוווי אונדזערע סאָלדאַטן זיינען צוגעגרייט מער צו אַנגריף ווי צו פאַרטיידיקונג, זאָלן די שעפן נישט פאַרגעסן אַז אין געהעריקן מאָמענט זאָלן זיי גיין אין אַנגריף".

די שפּאַניער האָבן זיך פון קאַנמשא ראַזשאַדאַ, נאָך אַן אָפּרו, געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער הויפּשטאָט, און סאַן מאַרטין האָט דעם 3טן אַפּריל (1818) פאַרטאָג זיך געלאָזט מיט זיין מיליטער פון סאַנטיאַגאָ, אין דער ריכ־טונג צום דערוואַרטעטן שלאַכטפעלד. (זע די מאַפּע אויף זייט 93).

גענעראַל אָסאָריאָ, ווייזט אויס, איז געווען זיכער, אַז די פּאַטריאָטישע אַרמיי איז אינגאַנצן צעשמעטערט, ווייל ער האָט אינעם מאַרש מיט זיין מיליטער אַ שטיק צייט נישט געפונען קיין שום ווידערשטאַנד. אין מיטן וועג אָבער האָט ער געזען זיין טעות. דריי דיוויזיעס פּאַטריאָטן, אָנגעפירט פון לאַס הערעראַס רעבטס, פון אַלוואַראַדאָ לינקס און קינטאַנאַ אין רעזערוו, האָבן אי־בערגעשניטן די רעאַליסטן דעם וועג. און אָסאָריאָ האָט זיך געמוזט פאַרנעמען אַפן וועג צום ברעג, וועלנדיק זיך לאָזן צו וואַלפּאַראַיסאָ. דעם 4טן אַפּריל האָבן זיך ביידערליי אַרמייען געטראָפן אינעם טאָל פון מאַיפּו (אָדער מאַיפּאָ).

ס'איז פאָרגעקומען אַ מיליטערישע באַראַטונג. גענעראַל באַלקאַרסע און כמעט אַלע אַנדערע שעפן האָבן געראָטן צו פאַרטיידיקן דעם טייך, אָדער אין קעגנטייל זיך צוריקציען און פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. דער גענעראַל בראַ־יער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן יעדער שלאַכט, האַלטנדיק פאַר פאַרלוירן דעם קאַמף. דערדאָזיקער פראַנצויזישער גענעראַל, וואָס האָט זיך געהאַט גע־חברט מיט קאַררעראַ, איז געהאַט געווען מיליטערשעף אין פראַנקרייך אין נאַפּאָלעאָנס צייט, אָבער דאָ איז ער געווען אַ שוואַרצזעער. ס'איז געקומען

אזוי ווייט מיט זיין שווארצזועריי, אַז סאַן מארטין האָט אים געהייסן זיך פאַרנעמען וואָס גיכער, ווייל עס איז אַ בושה צו האָבן אַזעלכן אין מיליטערישן דינסט. בראַיער איז אַוועק קיין בוענאָס איירעס, דערנאָך קיין מאָנטעווידעאָ, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט סאַן מארטינס שונא קארערא און דאָרט אָנגע־פירט אַ העצע און פאַרלוימדונג קעגן באַפרייער.

אין דער נאַכט פון 4טן אַפן 5טן אַפּריל איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע באַראַטונג אין לאַגער פון סאַן מארטין. ס'איז צולעצט באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוטרעטן אין אָנגריף.

סאַן מארטין האָט געגעבעטיקט אין דער מיל פון לאָמאַ בלאַנקאַ. און איידער ס'האָט געטאָגט האָט מען אים אויפגעוועקט, ווייל עס איז באַמערקט געוואָרן אַז דער פיינט רירט זיך. ער איז אַרויסגעקומען פון דער מיל מיט אַ פּוּעַרישן הוט און טשילענער פּאָנטשאָ, האָט זיך אויפגעזעצט אַפן פערד, און אין באַ־גלייטונג פון אינזשעניר ד'אַלבע, אַ פראַנצויז, וואָס האָט געהאַט די פּלענער פון דער אָרטשאַפט, און דעם אירלענדער אָ'בריען, זיין אַדיוטאַנט, האָט ער זיך געלאָזט צום פראָנט.

ס'איז געווען זונטיק דעם 5טן אַפּריל, אַ פּרעכטיקער פרימאָרגן. דער הימל איז געווען לויטער און פון דער ווייטן האָבן די ערשטע זונען־שטראַלן זיך געוויזן אַף די שניי־באַדעקטע קאַרדילערן. סאַן מארטין איז געווען ענטוז־יאַזמירט פונעם דרויסן און אַ זאָג געטון: „דער זיג אין היינטיקן טאָג איז אונדזערער". דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „די זון פאַר אַן עדות".* זיינע באַגלייטער האָבן אים מקנא געווען אין יענעם מאָמענט.

דאָס מיליטער פון אָסאָריאָ האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. מען האָט געזען זיך באַוועגן די פענדלעך פון דער קאַוואַלעריע און געהערט דעם אָפּקלאַנג פון די פייקלער. סאַן מארטין האָט געגעבן אַ באַפעל צום אָנגריף. אָסאָריאָ האָט פאַראָרדנט אַ „האַלט!" און זיך אָפּגעשטעלט אַפן ברייטן בערגל פון עספּעכאָ, לאָזנדיק דעם רעגימענט פון בורגאָס רעכטס, די אינפאַנטעריע לינקס און אין צענטער דאָס מיליטער פון פּערו.

צוזאַמען איז די שפּאַנישע אַרמיי ביים פראָנט פון מאַיפּו באַשטאַנען פון 6.000 מאַן, גוט באַוואָפנט.

סאַן מארטין האָט פאַראָרדנט אָנצוהויבן אַן אַטאַקע מיט דער אַרטילעריע אַף צו זען דעם ענטפער פון שונא. די רעאַליסטן האָבן געענטפערט מיט קאַ־נאָנען. אַ קויל האָט דערהרגעט דאָס פערד פון אַ שפּאַנישן גענעראַל. מען האָט

*) אַזעלכעס, נאָר מיט אַנדערע ווערטער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט יהושע בן נון בשעת דער מלחמה, אַ רוף־טוענדיק אין קריגס־ברען: „שמש בגבעון דום" (זון בלייב שטיין אין גבעון).

געזען, אַז אָסאָריאָ האַלט זיך אין דעפענסיווע. דאַן האָט סאַן מאַרטין פאַר־אָרדנט אַ שטורעם־אָנגריף און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט.

אין דער דאָזיקער גרויסער שלאַכט וואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטגיל־טיקער זיכערונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון טשילע האָבן זיך באַטייליקט חוץ סאַן מאַרטינען, די אַרגענטינער מיליטער־שעפן קינטאַנאַ, באַלקאַרסע, בלאַנקאַ ענקאַלאַדאַ, לאַס העראַס און אַלוואַראַדאָ, און די טשילענער פרעירע, קאַסערעס און באַרגאַניאַ, מיט מיליטער פוןביידע לענדער. אָ׳היגינס איז געבליבן אין סאַנטיאַגאָ, ווייל איבער דער וואונד האָט ער נישט געקענט מיטגיין צום שלאַכטפעלד. ער האָט אָנגעפירט די צוגרייטונג צו דער פאַרטיידיקונג פון סאַנטיאַגאָ פאַרן נויטיקן פאַל.

די באַפרייאונגס־אַרמיי האָט זיך געפונען אַפן בערגל לאָמאַ בלאַנ־קאַ און די רעאַליסטן האָבן זיך געפונען קעגניבער אויף אַ בערגל פון עס־פּעכאָ. ביידערליי אַרמייען זענען געווען צעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען, יעדע אונטער איר קאָמאַנדע.

ס׳איז שוין געווען קורץ פאַר מיטיק, עלף אַזייגער, ווען די אַרטילעריע האָט אָנגעהויבן קאַנאָנירן מיט איבעררייסן, און אַ פּאָר מינוט פאַר צוועלף האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורעם־אָנגריף. די שפּאַנישע אינפאַנטעריע דאָן קאַרלאָס האָט זיך געלאָזט אין געלויף פון בערגל אַראָפּ און דאָס פייער פון דער פּאַטריאָטישער אַרטילעריע, אונטער דער קאָמאַנדע פון קאָראָנעל בלאַנקאָ האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן חורבן אין די פאָדערשטע רייען. דער קאָראָנעל מאַנועל עסקאַלאַדאַ, סאַן מאַרטינס שוואָגער, האָט זיך געוואָרפן מיט זיין גראַנאַדיר־סקוואַדראָן אַפן שונא און פאַרנומען די פיינטלעכע גרופּע אַרטילעריע אין באַשטאַנד פון פיר קאַנאָנען, און מיט דיזעלבע אָנגעהויבן פייערן אויף די אייגענע פריערדיקע באַלעבאַטים. אויף איין פונקט איז עס געלונגען די שפּאַניער צו האָבן דערפאָלג. דער בורגאָס־רעגימענט האָט צעקלאַפּט דעם לינקן פליגל פון די פּאַטריאָטן, וואָס איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון נעגערס, און עס זענען געפאַלן פון זיי 400 מאַן טויט. אין דעם מאָמענט איז אונטערגעקומען קינטאַנאַ מיט זיין רעזערוו־מיליטער און אַטאַקירט דעם שונא. די לאַגע אין יענעם מאָ־מענט איז געווען אַ קריטישע, אָבער ס׳איז שנעל אונטערגעקומען אַ סקוואַדראָן גראַנאַדירער און מיט אַ פעסטער האַנט גענומען שפּאַלטן קעפּ פון די בורגאָסער.

דאָס שלאַכטפעלד איז געווען פול מיט שטויב, רויך און פייער. געשרייען „וויוואַ על רעי" און „וויוואַ לאַ פּאַטריאַ" האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט, אָבער צולעצט האָבן די רעשטן פון בורגאָסער רעגימענט זיך אָנגעהויבן צו־ריקציען אין דער ריכטונג צו דער מיל פון עספּעכאָ. די פּאַטריאָטישע קאַוואַ־לעריע האָט אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונג און פאַרגעזעצט דאָס שפּאַלטן קעפּ.

דער ענגלענדער האַי, וואָס איז בייגעווען די שלאַכט, האָט דערנאָך זי באַשריבן און געזאָגט: „דאָס איז געווען איינע פון די בלוטיקסטע מלחמה־

שחיטות, און עס האָבן מיר געזאָגט אָפיצירן וואָס האָבן געדינט אין אייראָפּע, אַז זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין בלוטיקערע שלאַכט ווי די אױפן דאָזיקן שלאַכטפעלד".

דער בורגאָסער רעגימענט איז באַטראַכט געוואָרן אַלס די האָפענונג פונעם שונא. מען האָט יענעם מיליטערטייל באַצייכנט מיטן נאָמען „די זון", ווייל זי האָט געהאַט אױף דער פאָן אַ גאָלדענע זון אױף אַ הימלבלויען באָדן, מיט דער אויפשריפט “Civitas Solis vacabitur una” וואָס איז ישעיהס אָן אויסדרוק „איינע בלויז וועט אָנגערופן ווערן די זון־שטאָט". די בורגאָסער האָבן זיך געגרויסט און פלעגן אויסרופן: „דאָ געפינט זיך בורגאָס! אַכצן שלאַכטן געוואונען; קיין איינע פאַרלוירן!". איז געקומען סאַן מאַרטין מיט זיין מיליטערישער זשעניע און געבראָכן דעם שטאָלץ פון בורגאָס און באַגראָבן די שפּאַנישע מאַכט אין טשילע.

פאַרנאַכט איז די שלאַכט געווען געענדיקט. סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען אין הויפּט־קוואַרטיר וואו ס'זיינען געווען אַרויסגעהאָנגען די דריי פענער. ער האָט געלאָזט אָפּזוכן דעם קאָראָנעל פּאַרראָיסען, הויפּטכירורג פון דער אַרמיי כדי צו געבן הילף די פאַרוואונדעטע. ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער מיל אַ שפּיטאָל און ס'איז באַלד אַמפּוטירט געוואָרן אַן אָפיציר אַ פוס, וואָס איז געווען צעשמעטערט פון אַ קויל.

דאָרט, אין מיל, האָט סאַן מאַרטין געפונען אַ שטיקל פאַרבלוטיקט פּאַפּיר, האָט ער עס אויפגעהויבן און אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער פאַר אָ'היגינס: „מיר האָבן פולשטענדיק געוואונען דעם קאַמף. אונדזער קאַוואַלעריע זעצט אים פאָר ביז מען וועט פאַרענדיקן מיטן שונא, דאָס פאָטערלאַנד איז פריי". דאַטירט, „הויפּטקוואַרטיר לאַ עספּעכאַ, 5טן אָפּריל 1818 — סאַן מאַרטין". דאָס דאָזיקע פּאַפּיר האָט ער איבערגעגעבן סעמועל האַי צו ברענגען עס קיין סאַנטיאַגאָ. די ידיעה האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט און עס האָבן זיך צעטראָגן איבער דער הויפּטשטאָט אויסרופן: „וויוואַ לאַ פּאַטריאַ!" — „וויוואַ סאַן מאַרטין!" און „וויוואַ לאַ ליבערטאַד!".

אָ'היגינס איז אָבער דעמאָלט נישט געווען אין סאַנטיאַגאָ. ער האָט נישט געקאָנט בלייבן רויק אין שטאָט, נאָר האָט זיך אויפגעזעצט אױפן פערד און זיך געלאָזט צו מאַיפּו, און ווען ער איז געקומען אין הויפּטקוואַרטיר האָט ער נישט געטראָפן סאַן מאַרטינען נישט אין לאָמאָ בלאַנקאָ און נישט אין מיל. ער האָט זיך געפונען אין טאָל, וואו מען האָט נאָך געקעמפט מיט די רעשטן. אָהיגינס איז אַהין צוגעריטן און זעענדיק סאַן מאַרטינען, האָט ער אים צוגעשריגן: „רום דעם רעטער פון טשילע!"

סאַן מאַרטין, באַדעקט מיט שטויב, איז צוגעקומען און האָט אַרומגענומען און אומאַרעמט זיין פריינט זאָגנדיק: „גענעראַל, טשילע וועט נישט פאַרגעסן דעם קרבן אייערן צו קומען מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט צום רומפולן שלאַכטפעלד".

דער קונסטמאַלער סובעקאַסע האָט אַראָפּגעכאַפּט אַף אַ לייוונט יענע דראַמאַטישע סצענע.

אַ גרופּע שפּאַניער איז אַנטלאָפן אַף צו באַהאַלטן זיך אין אַ שכניש הויז, וואו ס'איז געווען אַ ווייַן־קעלער און ס'זענען דאָרט און אין וויינגאָרטן אומגעקומען 500 פון זיי.

גענעראַל אָרדאָניעז האָט איבערגעגעבן אין איינעם פון די דאָרטיקע הייזער זייַן שווערד לאַס הערעסן. אָרדאָניעז איז דערנאָך געבראַכט געוואָרן צו סאַן מאַרטינען. זיי האָבן זיך געקענט נאָך פון דער יוגנט־צייַט, בשעת זייער מיליטערישן דינסט אין קאַדיז, און זייער איצטיקע באַגעגעניש איז געווען העכסט דראַמאַטיש. זעענדיק זייַן אַמאָליקן חבר, האָט סאַן מאַרטין אים געגעבן די האַנט און אים אומאַרעמט. דערנאָך זייַנען אָרדאָניעז און אַנדערע שעפן אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סאַן לויס, און זיי זייַנען שפּעטער אומגעקומען דורך אַן אויפשטאַנד.

דער זיג איז געווען אַ פולשטענדיקער.

יענע שלאַכט האָט געקאָסט דער באַפרייונגס־אַרמיי טויזנט מאַן צווישן טויטע און פאַרוואונדעטע, אָבער ס'איז אַנטגילטיק דערמיט געזיכערט געוואָרן די פרייהייט פון טשילע. די שפּאַניער האָבן דאָ פאַרלוירן 2.200 סאָלדאַטן, 150 אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, 3.850 ביקסן און 1.200 טערצעראָלן, 12 קאַנאָנען, פיר פאָנען און דעם גאַנצן רעשט קריגסמאַטעריאַלן. ס'איז אויך גענומען געוואָרן געפאַנגען דער גענעראַל אָרדאָניעז, אַלע קאָראָנעלן און שעפן און מאַסן סאָלדאַטן. דעם גענעראַל אָסאָריאָ איז עס געלונגען זיך צו ראַטעווען. ער איז אַנטלאָפן אַ פאַרשטעלטער, באַלד אין אָנהויב, ווען ער האָט געזען, אַז זייַן אַרמיי ווערט באַזיגט.

דער וויצע־קעניג פון פערו וואָלט מעגלעך געמאַכט נאָכאַמאָל אַ פּרואוו צו אַטאַקירן טשילע, אָבער ער האָט נישט געהאַט מער קיין פרייע אַרמיי דערצו און ער האָט עס נישט געטון.

דעם 12טן פעברואַר 1818, אינעם אַניווערסאַר פונעם זיג אין טשאַקאַבוקאָ, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין סאַנטיאַגאָ די אומאָפּהענגיקייט פון טשילע, און דעם 5טן אַפּריל, דורכן זיג אין מאַיפּו, איז די אומאָפּהענגיקייט געזיכערט געוואָרן. ס'איז געבליבן נאָך אין טשילע אַ שפּאַנישער גאַרניזאָן אָפן אינדזל טשילאָע, אָבער ער איז נישט געווען מער קיין געפאַר פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד. סאַן מאַרטין, דער זיגער אין טשאַקאַבוקאָ און מאַיפּו, האָט געזיכערט די זעלבסטשטענדיקייט פון טשילע און דורך דעם אויך די זעלבסטשטענדיקייט פון זייַן געבורטסלאַנד. דורכן זיג בײַ מאַיפּו איז מעגלעך געוואָרן דערנאָך די שלאַכט בײַ באָיאַקאָ און שפּעטער בײַ אַזשאַקוטשאָ דורך וועלכע פערו האָט באַקומען די אומאָפּהענגיקייט אין 1824.

„מאַיפּו — זאָגט מיטרע — איז געווען די ערשטע גרויסע אַמעריקאַנער

שלאכט, היסטאָריש און וויסנשאַפטלעך גענומען. וואָלטן באַזיגט געוואָרן די באַפרייונגס־אַרמייען אין מאַיפּו, וואָלט טשילע פאַרלוירן איר אומאָפּהענגי־קייטס־זאַך און מיט טשילע וואָלט מעגלעך אויך אַרגענטינע פאַרלוירן די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג, בלייבנדיק איינגעשלאָסן און באַדראָט פון צוויי זיגע־רישע אַרמייען. אָן טשילע וואָלט נישט מעגלעך געווען צו האָבן די ים־פרייהייט אויפן פאַסיפיק און ס׳וואָלט נישט מעגלעך געווען די עקספּעדיציע צו פּערו. באָליוואַר וואָלט אויך נישט געקענט זיך לאָזן צו זיד, ווען ער וואָלט אַפילו באַזיגט די שפּאַניער אין נאָרדן, און וואָלט ער זיך געלאָזט אין וועג, וואָלט ער אָנגעטראָפן אויף אַ געשלאָסענעם ים און אויף אַ מאַכט פון 30.000 מאַן.״

באָליוואַר האָט זיך געפונען אין אַנגאָסטורא ווען ער האָט באַקומען די ידיעה פון סאַן מאַרטינס זיג און ער האָט זיך אויסגעדריקט דעמאָלט: „דער טאָג פון אַמעריקע איז געקומען״.

גרויסע געלט זאָרגן

נאָכן זיג אין מאַיפּו איז טשילע געווען געזיכערט. ס׳איז נאָך געבליבן אַ קליין הייפל שפּאַניער, אָבער אָן שום באַדייט אַלס פיינטלעכער כוח. מען האָט איצט באַדאַרפט אונטערנעמען אַ ווייטערדיקע אַקציע; מען האָט זיך געמוזט גרייטן צוצוקומען קיין לימאַ.

סאַן מאַרטין האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו מאַכן אַ נייע רייזע קיין בוענאָס איירעס און בעטן ווייטערדיקע הילף בא דער אַרגענטינער רעגירונג. דעם 9טן אַפּריל 1818 האָט ער אָפּגעשיקט אַ ספּעציעלן שליח קיין בוענאָס איירעס מיט דער מעלדונג צום העכסטן דירעקטאָר, אַז ער רעכנט באַלד אונ־טערצונעמען אַ רייזע קיין בוענאָס איירעס אָפּצורוען זיך אַביסל בא דער פאַמיליע און דורכשמועסן זיך וועגן דער ווייטערדיקער באַפרייונגס־אַקציע. דערביי האָט סאַן מאַרטין צוגעגעבן אין בריוול, אַז ער וויל נישט קיין אויפ־נאַמעס מיט פּאַראַדנע דעמאָנסטראַציעס. דאַרויף האָט זיין פריינט, דער העכסטער דירעקטאָר געענטפערט דעם 1טן מאַי, אַז ס׳איז נויטיק אַז ער, סאַן מאַרטין, זאָל צונעמען די אויסדרוקן פון פריינטשאַפט און דאַנקבאַרקייט, מיט וואָס דאָס פאָלק גרייט זיך אים צו באַגריסן צערטלעך. און ווייטער האָט פּוּעי־רעדאָן, ווי אַ ברודער און פריינט, אים געשריבן: „ווען איך וואָלט וועלן דאָס אויסמיידן, וואָלט עס געווען פּשוט אַ באַליידיקונג פאַר דעם נאָבעלן געפיל, און איר קענט אויך נישט זיין קעגן דעם. ווען איר ווילט נישט באַליידיקן די איידלקייט פון דער גאַנצער שטאָט, וועלכע וויל אויפנעמען דעם העלד פון די אַנדן און מאַיפּו מיט טריומף־טויערן און פרייד. ס׳איז דעריבער דורכויס נויטיק, אַז איר זאָלט אויסרעכענען די צייט אויף צו קומען אין שטאָט אַריין

באַטאַג, און פון דער לעצטער אַפּרו־סטאַנציע שיקן א מעלדונג, אָנגעבנדיק די שעה פון אייער קומען, בכדי דער הויפּטשטאַב און אַנדערע זאָלן אייך אַנט־קעגנגיין ביז סאַן כאַסע דע פלאָרעס, וואו עס געפינט זיך שוין אַן אַרטילעריע אָפּטיילונג. עס דאַרף אויך אייך אַקעגנגיין אַ קאָמיסיע פון דריי פּריינט (פון דער לאָוטאַרא לאָזשע) צו באַגריסן אייך. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז ס'זיינען פאַראַנען אַמאָל קרבנות וואָס מען דאַרף געבן לטובת דער געזעלשאַפט אין וועלכער מען לעבט און אויך דעם פּלאַץ וועלכן מען פאַרנעמט. אויב איר ווילט קומען רייטנדיק, מעלדעט, וועל איך אייך שיקן מיינס אַ פערד".

דער העכסטער דירעקטאָר כואַן מאַרטין פּועירר עדאָן, אַ גרויסער און ערלעכער פּאַטריאָט און אַן אויפריכטיקער פריינט פון סאַן מאַרטין, האָט אין זיין ענטפער גאַנץ קלאָר געמאַכט זיין גרויסן חבר, ווי שעד־לעך ס'וואָלט געווען איצט זיין באַשיידנקייט ביים אַריינקומען שטיל און גע־היים אין שטאָט, אָבער סאַן מאַרטין האָט עס נישט אין אַכט גענומען און נישט אויסגעפאָלגט די אַלע ערלעך געמיינטע אָנווייזונגען. אים האָט נישט אינטערעסירט דער פּאַראַד.

נאָך אַרראָזשאָ דעל מעדיאַ איז ער געקומען קיין ווידזשאַ דעל לוכאַן, דער־נאָך באַ פּוענטע דעל מאַרקעז נעבן מערלאָ אַריבער דאָס טייכל לאַס קאָנטשאַס. ער האָט פריער געהאַט אויסגערעכנט צו קומען קיין בוענאָס איירעס דינסטיק דעם 12־טן מאַי, אָבער ער האָט זיך צוגעאיילט און געקומען אַ טאָג פריער, מאָנטיק דעם 11־טן גאַנץ פרי. ער איז געקומען אין הויז פון זיין שווער עסקאַ־לאַדאַ און אומאַרעמט זיין פרוי, קינד און די גאַנצע פאַמיליע. באַלד איז געקומען צו לויפן פּועירר עדאָן.

אינגאַנצן אויסמיידן אויפנאַמעס האָט סאַן מאַרטין נישט געקאָנט. זונטיק דעם 17־טן מאַי האָט דער קאָנגרעס — וואָס איז געהאַט אין 1817 אַריבערגע־בראַכט געוואָרן פון טוקומאַן קיין בוענאָס איירעס — אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע זיצונג לכבוד דעם העלד, און ס'איז אויסגעשטעלט געווען מיליטער אין דער לענג צווישן דער פעסטונג (רעגירונגס הויז) און דעם נאַציאָנאַלן הויז (ווי עס איז גערופן געוואָרן די געביידע וואו דער קאָנגרעס האָט געהאַט די זיצונגען). דער העכסטער דירעקטאָר און סאַן מאַרטין מיט אַ גרויסער סוויטע זיינען געגאַנגען פון דער פעסטונג צום קאָנגרעס בנין באַגלייט פון מוזיק און דער עולם אין דרויסן האָט אָוואַציאָנירט און אַקלאַמירט דעם באַפרייער.

פאַרן עפענען די זיצונג האָט פּועיררעדאָן געזאָגט אַז ער האָט „דעם גרויסן כבוד פאַרצושטעלן דער הויכער פאַרזאַמלונג דעם זיגרייכן גענעראַל פון די אַנדן". שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן: האָבן באַגלייט די דאָזיקע ווערטער.

סאַן מאַרטין האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ צווישן העכסטן דירעקטאָר און דעם פּרעזידענט פון קאָנגרעס. דער לעצטער האָט געהאַלטן אַ באַגריסונגס וואָרט,

וואָס איז געווען אַ געזאַנג און אַ לויב סאַן מאַרטינען, דעם אָרגאַניזירער פון דער אַנדן עקספּעדיציע און זיגער פון טשאַקאַבוקאָ און מאַיפּו. פּאַרשטייט זיך, אַז סאַן מאַרטין האָט זיך געזען געצוואונגען צו ענטפערן אַף די לויבווערטער. ער האָט דערקלערט אַז זיינע דערגרייכונגען אין דער באַפרייאונגס־אַקציע האָט ער דורכגעפירט אינעם אינטערעס פונעם לאַנד און אַמעריקע.

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ געזעץ או״פצושטעלן אַ מאָנומענט די אָפּגעהאַלטענע זיגן פון סאַן מאַרטין. ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן צו שענקען אַ הויז דער טאָכטער פון סאַן מאַרטין און די ווייטערדיקע נאָכפאָלגער. דאָס הויז וואָס איז געשאָנקען געוואָרן מערסעדעסן, סאַן מאַרטינס טאָכטער, איז געווען אַף דער גאַס באָליוואַר נומער 11, אַקעגן דער פּלאַסאַ מאַזשאָ. די הכנסה פון דאָזיקן הויז האָט געדינט שפּעטער סאַן מאַרטינען, אַף צו קאָנען דערציען זיין טאָכטער. איצט עקזיסטירט מער נישט יענע הויז.

דעם 25־טן מאַי איז סאַן מאַרטין בייגעווען די פייערונגען פונעם אַניווער־סאַר פון דער רעוואָלוציע. די פּלאַסאַ מאַזשאָ איז געווען רייך באַפּוצט און אילומינירט באַנאַכט מיט 3.560 ליכט. באַטאָג זיינען געווען פּראָצעסיעס, רעדעס און מוזיק.

געקומען איז סאַן מאַרטין אייגנטלעך געשעפטלעך. ער האָט געוואָלט בא דער רעגירונג ווייטערדיקע הילף, און ער האָט געהאַט אייניקע קאָנפערענצן מיטן העכסטן דירעקטאָר. דעם 13־טן יוני האָט סאַן מאַרטין און פּועירערדאָן געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון דער לאָוטאַרא לאָזשע. ס׳זיינען בייגעווען דאָרט סאַאַוועדראַ, אַזקוענאַגאַ, באַלקאַרסע, וויאַ־מאָנטע, גאַזקאָן, טאַגלע, טשאַראַאַרין, אַנטאָניאָ סאַענז, כאָסע וואַלענטין גאָמעז, גיזשערמאָ פּינטאַ, מאַטיאַס איריגאָזשען, פּעדראָ לעאָן גאַזשאָ און אַנדערע, אָנגעזעענע מיטגלידער פון קאָנגרעס און פון דער אַרמיי. ס׳איז אויך בייגעווען וויסענטע לאָפּעז, וועלכער האָט דערנאָך איבערגעגעבן זיין זון דעם היסטאָריקער דעם פאַרלויף פון דער פאַרגעקומענער דעבאַטע. פּועירערדאָן האָט אָנגעוויזן אַז די רעגירונג איז נישט אימשטאַנד צו געבן ווייטערדיקע הילף. איצט ווען טשילע איז באַפרייט געוואָרן דאַרפן די טשילענער צושטעלן אַן אַרמיי צו גיין אַף לימאַ. בוענאָס איירעס האָט נאָך צו קעמפן מיט דער אַנאַרכיע אין ליטאָראַל געביט און עם דראָעט מיט אַן אינוואַזיע פון 20.000 מאַן פון שפּאַניע וואָס ווערט צוגעגרייט אין קאַדיז. טאַגלע איז אויך געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון יעדער ווייטערדיקער הילף סאַן מאַרטינען, אָבער ער האָט געשוויגן. סאַן מאַרטין האָט אָנגעוויזן אַז אָן אַ נייער אַקציע, קאָן ווידער בלייבן אין געפאַר טשילע. ער האָט געהאַלטן אַז די דראָונג פון שפּאַניע איז אַ פּוסטע שרעק, און אַז בוענאָס איירעס קאָן זיך אַליין פאַרטיידיקן קעגן די קאַודיזשאָס פון ליטאָראַל. זעענדיק אָבער אַז זיין פאָדערונג האָט נישט קיין געהעריקע שטיצע האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט, אַז אויב ער באַקומט נישט קיין ווייטערדיקע הילף ציט ער זיך צוריק

פון דער קאָמאַנדע. די דאָזיקע דערקלערונג האָט געמאַכט אויף אַלע אַ פּיינלעכן איינדרוק. פּועירדעדאָן האָט ווידעראַמאָל גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: „גענעראַל און טייערער חבר. איר ווייסט גאַנץ גוט ווי טיף עס ווייטיקט און ס'איז פאַרביטערט מיין האַרץ. מיינע פליכטן זיינען שווערערע ווי אייערע, און אַזוי ווי איך ווייס נישט ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן אַ זיג, מוז איך לאָזן פאַרן לאַנד דאָס מיליטער אַלס איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען די לאַגע וואָס קאָן זיך שאַפן".

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט אָן רעזולטאַטן.

שפּעטער האָט סאַן מאַרטין געהאַט אַ קאָנפערענץ מיטן העכסטן דירעקטאָר אויף פּועירדעדאָנס טשאַקרע אין סאַן איסידראָ, מיטן בליק צום לאַ פּלאַטאַ טייך. נאָך לאַנגע קאָנפערענצן האָט פּועירדעדאָן צוגעזאָגט אַז די רעגירונג וועט געבן 500.000 פּעזאָס אויף צו שאַפן אַ פלאָט אויפן פּאַסיפיק אויף אונטערצונעמען אַן אַקציע קעגן לימאַ.

דעם 16־טן יוני מיטיקצייט האָט סאַן מאַרטין מיט זיין פרוי און טאָכטער זיך געלאָזט אויפן וועג קיין מענדאָסאַ, מיטן געדאַנק פון דאָרט אויס צוגרייטן די עקספּעדיציע קיין פּערו.

אין בוענאָס איירעס האָט פּועירדעדאָן געהאַט שטאַרק צו קעמפן מיט די רעגירונגס מיטגלידער וועגן דער סומע וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן סאַן מאַרטינען, אָבער באַם בעסטן ווילן איז עס אוממעגלעך געווען נאָכצוקומען. בוענאָס איירעס אין יענער צייט האָט אַזאַ סומע נישט געקאָנט געבן און דעם 22־טן אויגוסט 1818 האָט דער העכסטער דירעקטאָר געשיקט אַן אָפיציעלע מעלדונג סאַן מאַרטינען, אונטערצייכנט פונעם מיניסטער גאַזקאָן, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו שיקן די פאַרשפּראָכענע סומע פון 500.000 פּעזאָס. דערביי האָט פּועירדעדאָן געשריבן פּריוואַט סאַן מאַרטינען אַז ווען אפילו מען זאָל אַלע טורמעס אָנפילן מיט קאַפּיטאַליסטן וועט מען נאָך אַלץ נישט דערגרייכן אַזאַ סומע.

פאַר סאַן מאַרטינען איז דאָס געווען אַ שווערער קלאַפּ. וואָס איז אַזעלכעס געשען אין בוענאָס איירעס? ווירקט דאָרט אַזוי דער איינפלוס פון טאַגלע, אָדער איז טאַקע נישטאָ קיין געלט?

אַ פאַרביטערטער און אַנטוישטער האָט ער באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו זיין פּלאַן. דעם 2־טן סעפּטעמבער האָט ער געהאַט געשריבן אַ בריוו קיין בוענאָס איירעס בעטנדיק הילף, אָבער נאָכן באַקומען די מעלדונג פון פּועירדעדאָנען האָט ער צוויי טעג שפּעטער דעם 4־טן סעפּטעמבער אַריינגעשיקט זיין דימיסיע, שרייבנדיק:

„אַנטשלאָסן מקריב צו זיין מיין לעבן האָב איך אונטערגענומען די שאַפונג פון דער פאַראייניקטער אַרמיי, טראָץ דעם דער מעדיקער גיזשערמאָ קאַליסבור, וואָס האָט מיך באַהאַנדלט אויך אין טוקומאַן, האָט מיך פאַרזיכערט, אַז מיין לעבן וועט גרייכן קוים זעקס חדשים. דאָך האָב איך געטאָן אַלעס מיט דער

האָפענונג אַז די אַרמיי וועט קאָנען אָפּערירן אויסער טשילע. אַזויווי אָבער די אומשטענדן האָבן זיך געענדערט בעט איך אַזוי גוט זיין און אָננעמען מיין דימיסיע פון דער קאָמאַנדע". און בכדי עס זאָל נישט הייסן אַז ער דענקט צו דעזערטירן האָט ער נאָך צוגעגעבן דעם זאַץ: „מיינע שוואַכע לייסטונגען וועלן זיין צו יעדער צייט פאַרן פאָטערלאַנד אין וואָס פאַר אַ ס'איז געפאַר".

די דימיסיע פון סאַן מאַרטינען איז באַלד באַוואוסט געוואָרן אין בוענאָס איירעס און סאַנטיאַגאָ און געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אָהיגינס האָט אים געשריבן: „אין מאָמענט ווען איך האָב מיך געגרייט אייך צו דריקן די האַנט באַקום איך די ביטערע ידיעה פון אייער דימיסיע. סאַן מאַרטין איז דער העלד וואָס די השגחה האָט געשיקט צו ראַטעווען זיד־אַמעריקע און ער טאָר נישט צוריקציען זיך פון דער מיסיע וואָס דער אויבערשטער האָט אים אָנפאַרטרויט". פּועיררעדאָן ווידער האָט אים געענטפערט אַז ס'איז אים געלונגען צו מאַכן אַ שטיקל הלוואה און געשריבן: „איך ווייס נישט ווי אַזוי איך בין נישט משוגע געוואָרן", און ער בעט אים אין אַ פאַמיליערן טאָן אויפצוהערן מיט די דימי־סיעס. נישט איצט איז עס די צייט דערצו. „איך שוועך אייך באַ מיין לעבן אַז אויב איר וועט עס טאָן, וועל איך אויך עס טאָן. מיר מוזן אַרויס ערנהאַפט פון דעם ענין, העלפנדיק זיך קעגנזייטיק". עס איז אויך אונטערגעקומען די לאָטאַרע לאָזשע פון בוענאָס איירעס און די פון סאַנטיאַגאָ, און אויך אַנדערע פריינט.

באַ אַזאַ צושטאַנד האָט סאַן מאַרטין זיך געפילט שטאַרק. ער האָט פאַר־האַלטן אין מענדאָסאַ אַ שליח וואָס האָט געפירט געלט פון סאַנטיאַגאָ צו סוחרים אין בוענאָס איירעס, צוגענומען באַ אים דאָס געלט מיטן אויסרייד אַז דער וועג איז נישט זיכער, און געגעבן אַ קוויטונג און ווערט פּאַפּירן, אויף געדעקט צו ווערן דורך דער רעגירונג. דער העכסטער דירעקטאָר האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעצאָלט די סומע און געשריבן סאַן מאַרטינען: „אויב ס'וועט קומען נאָך איינס אַזעלכעס זיינען מיר באַנקראָט". דאָס איז אויך אמת געווען. די רעגירונג קאַסע אין בוענאָס איירעס איז געווען ליידיק. דאָך האָט פּועיררעדאָן איבער־געשיקט אַ פּאָר געלט זענדונגען און סאַן מאַרטין האָט אין אַ קורצער צייט געהאַט 200.000 פּעזאָס.

אַ באַפרייטער פון געלט זאָרגן האָט סאַן מאַרטין איצט איבערגעלאָזט זיין רוי און אוועק פון מענדאָסאַ קיין טשילע, אויף צוצוגרייטן זיין עקספּעדיציע. רעמעדיאָס איז געווען כמעט כסדר קראַנק און סאַן מאַרטין האָט זי נישט געקאָנט מיטנעמען.

פועירדעאָן פאַרלאָזט די רעגירונג

דער זיגער פון מאַיפו איז געקומען קיין סאַנטיאַגאָ סוף אָקטאָבער 1818 און געקומען איז ער פונקט ווי קיין בוענאָס איירעס פריער מיט אַ טאָג ווי מען האָט גערעכנט, און געהיים, בכדי אויסצומיידן מאַניפעסטאַציעס, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן די אַף אים אַרויפגעצוואונגענע אויפנאַמעס און פעסטלעכקייטן. באַלד דערנאָך האָט ער זיך גענומען צונויפקלויבן שיפן, אַף צו שאַפן אַ פלאָט, און אָרגאַניזירן אַן עקספּעדיציע.

אין נאָוועמבער 1818 איז געקומען פון ענגלאַנד איינער אַ שיפסמאַן, מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער קאָקריין, באַקאַנט אַלס „לאָרד קאָקריין", און האָט זיך געמאָלדן צו דינסט פון דער באַפרייאונגס באַוועגונג, פאָדערנדיק פאַר זיך די אָנפירונג פונעם פלאָט, די אַדמיראַליטעט. ביז איצט איז געווען פלאָט־שעף בלאַנקאָ ענקאַלאַדאַ. דורך דער מיטבאַטייליקונג פון סאַן מאַרטינען איז געלייזט געוואָרן דער ענין. לאָרד קאָקריין איז געוואָרן אַדמיראַל און בלאַנקאָ ענקאַלאַדע צווייטער קאָמענדאַנט. אַלס סעקרעטאַר פונעם נייעם אַדמיראַל איז באַשטימט געוואָרן אַלוואַרעז כאָנטע, וועלכער האָט געקאָנט קאָקריינען נאָך פון ענגלאַנד.

מען האָט זיך גענומען צוגרייטן אַף וויפל עס האָט זיך געלאָזט אַ פלאָט אין איילעניש, ווייל מען האָט אַלץ געהערט אַז עס געפינט זיך אַ שפּאַנישער קריגספלאָט אונטערוועגנס אַפן אַטלאַנטיק.

פון בוענאָס איירעס זיינען געבראַכט געוואָרן ענגלישע, נאָרדאַמעריקאַנער, פראַנצויזישע און פּאָרטוגעזישע טריפּולאַנטן, וועלכע מען האָט אין בוענאָס איירעס אַ סך לייכטער געקאָנט באַקומען ווי אין וואַלפּאַראַיסאָ.

ווי ס'איז שוין איבערגעגעבן געוואָרן איז פון שפּאַניע געשיקט געוואָרן אַ פלאָט פון זעקס שיפן מיט 3.000 מאַן צו די ברעגן פון טשילע, צו פאַרשטאַרקן דעם פלאָט פונעם פערואַנער וויצע־קעניג און מאַכן אַ סוף צו די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין טשילע. עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַז אַף איינער פון די שיפן, „טרינידאַד", האָט זיך די מאַנשאַפט געבונטעוועט אין מיטן אַטלאַנטיק און אומבאַמערקטערהייט פון די אַנדערע האָט די שיף זיך פאַרקערעוועט און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו בוענאָס איירעס. די שיף האָט געאַנקערט אין ענסענאַדאַ און די מאַנשאַפט האָט איבערגעגעבן דער בוענאָס איירעסער רעגירונג אַלע אינסטרוקציעס און דעם סיגנאַל פון פלאָט. אַלע פּאַפּירן און די פּאַראָלע זיינען באַלד איבערגעשיקט געוואָרן געהיים קיין טשילע.

די שפּאַנישע שיפן זיינען אַריין אין פּאַסיפיק דורכן מאַגאַזשאַנעס דורכגוס, און ווי געוויינלעך נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע זיינען זיי געפאָרן נישט איינע נעבן דער אַנדערער, נאָר צעוואָרפן. דער פּאַטריאָטישער פלאָט אָנגעפירט פון אַדמיראַל בלאַנקאָ ענקאַלאַדאַ האָט אונטערגענומען אַ געיעג אַף דער ערשטער שיף

„מאַריאַ איסאַבעל״ און זי געכאַפּט אין טאַלקאַהואַנאַ, וואו זי איז אַרויף אַף אַ זאַמד־באַנק. די שיף איז באַלד איבערגענומען געוואָרן און מען האָט זי באַנוצט צו פאַרנאַרן די אַנדערע שפּאַנישע שיפן. אונטער דער שפּאַנישער פאָן אָבער מיט אַ פּאַטריאָטישער מאַנשאַפט האָט די „מאַריאַ איסאַבעל״ און מיט איר אויך די אַנדערע קריגסשיפן פון סאַן מאַרטין, אונטער אַ שפּאַנישער פאָן זיך אָפּגעשטעלט באַם אינדזל סאַנטאַ מאַריאַ. און ווען די אַנדערע שפּאַנישע שיפן האָבן געזען די „סאַנטאַ איסאַבעל״ און באַקומען פון איר סיגנאַלן, האָבן זיי זיך אַלע געלאָזט צום זעלבן אינדזל, מיינענדיק אַז עס געפינט זיך דאָרט דער שפּאַנישער פלאָט. קוים אָבער איז צוגעקומען אַהין אַ שיף און געאַנקערט איז אַף דער סאַנטאַ איסאַבעל און די אַנדערע שיפן אַרויפגעצויגן געוואָרן די טשילענער פאָן, און פאַרכאַפּט אַזוי אַרום איינע נאָך דער אַנדערער די שפּאַנישע שיפן.

אין יאַנואַר 1819 האָט דער טשילענער פלאָט זיך אַרויסגעלאָזט פון וואַל־פּאַראַיסאָ אַפן וועג קיין קאַזשאַאָ, אַ שטאַרק באַפעסטיקטע פּאָרט־שטאָט. קאָקריין האָט געפּרואווט אַטאַקירן די שטאָט אָבער אָן דערפאָלג. דערנאָך האָט ער איינגעשטעלט די בלאָקאַדע אין דער גאַנצער לענג פון אַטאַקאַמאַ ביז גוואַיאַקיל. סזיינען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אַפן ברעג אין פאַרשידענע ערטער פּראָפּאַגאַנדיסטן צו פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמעס, און שפּיאָנען. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ דעסאַנט אין פּאַיטאַ אַף צו באַקומען לעבנסמיטלען. דער נאָך האָט קאָקריין אין הואַנטשאַקאַ פאַרכאַפּט די שיף „גאַזעלע״ וואָס איז געפאָרן קיין פיליפּינען מיט 60.000 פּעזעס אַפן באָרד, צולעצט האָט ער זיך אומגעקערט אין אַפּריל קיין וואַלפּאַראַיסאָ.

דער פלאָט פון סאַן מאַרטין האָט מיט דער צייט געהאַלטן אין פאַרגרעסערן זיך. אין 1819 איז אַרויסגעפאָרן פון קאַדיז אַן עקספּעדיציע פון דריי שיפן מיט אַ סך מיליטער, אָנגעפירט פון בריגאַדיר פּאָרליער. פון די דריי שיפן האָט איינע זיך אומגעקערט פון מיטן וועג, אַ צווייטע איז פאַרלוירן געגאַנגען מיט פּאָרליערן באַ קאַפּ האָרנאָס און די דריטע מיטן נאָמען „פּרועבאַ״ מיט 44 קאַנאָנען איז דורך קאָקריין געכאַפּט געוואָרן אין גוואַיאַקיל.

אין יענער צייט ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן באַם אָנהויבן פון אונטערנעמען די גרויסע אַקציע, צו לאָזן זיך קיין פּערו, זיינען פאָרגעקומען געפערלעכע גע־שעענישן אין די אַרגענטינער פּראָווינצן. עס האָבן אויסגעבראָכן רעוואָלו־ציעס קעגן בוענאָס איירעס און אין הויפּטשטאָט גופא האָבן געהערשט שטאַרקע רייבונגען צווישן העכסטן דירעקטאָר און דעם קאָנגרעס. די רעגירונג פון בוענאָס איירעס האָט דאַריבער פאַראָרדנט דער אַנדן אַרמיי זיך אומצוקערן פון טשילע. סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען אין קלעם, ווייל צוריקציען דאָס מיליטער האָט ער פאַרשטאַנען, מיינט אַ סוף צו מאַכן צו זיין עקספּעדיציע־פּלאַן, און צו גלייכער צייט קאָן דאָס אָפּשוואַכן די רעגירונג פון אָהיגינס, און ס׳וואָלט דורך

דעם געבראָכן געוואָרן די טשילעניש־אַרגענטינער אַליאַנץ.

די פאַרייניקטע אַרמיי איז באַשטאַנען פון 468 אַרטילעריסטן, 866 רייטער־גראַנאַדירן, 342 רייטער־גראַנאַדירער און דאָס רעשט פון פאַרשידענע באַטאַליאָנען, צוזאַמען 4.791 סאָלדאַטן אַרגענטינער. דאָס טשילענער מיליטער איז באַשטאַנען פון 4.413 מאַן פון אַלע וואָפן סאָרטן. דאָס אָפּזונדערן דאָס געפאָדערטע מיליטער וואָלט געשאַפן אַ געפערלעכע לאַגע פאַר טשילע. עס איז געווען אַ זייער שווער פּראָבלעם פאַר סאַן מאַרטינען, און געפייניקט פון דער־דאָזיקער לאַגע איז סאַן מאַרטין געפערלעך קראַנק געוואָרן.

אַ קראַנקער, צעבראָכענער האָט סאַן מאַרטין זיך אומגעקערט קיין מענדאָסאַ מיט 2.000 מאַן. ער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו לאָזן זיך אַף סאַנטאַפע וואו עס האָט געבאַלעבאַטעוועט עסטאַניסלאַו לאָפּעז און אַף ענטרע ריאָס וואו עס האָט געדראָעט אַ צווייטע געפאַר פון ראַמירעז קעגן בוענאָס אײַרעס. סאַן מאַרטין האָט צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון די שעפן און אַלע זיינען געווען איינשטימיק אַז די אומשטענדן דערלויבן נישט אונטערצונעמען די געפאָדערטע מיליטערישע אַקציע.

די פרוי פון סאַן מאַרטין איז געווען קראַנק, און ער האָט זי מיטן קינד אַהיימגעשיקט צוריק קיין בוענאָס אײַרעס. דער וועג איז שוין געווען געפערלעך דורך דער אַקציע פון די מאָנטאָנעראָס אָבער מיט דער הילף פון אַן אָפּטיילונג פון בעלגראַנאָס מיליטער אונטערוועגס איז זי געקומען מיטן קינד אומבאַשעדיקט אַהיים.

ער גופא, סאַן מאַרטין, האָט געליטן פון אַ שווערן רעומאַטיזם און געבעטן אורלויב צו קאָנען פאָרן קיין קאַנקענעס צו נעמען בעדער, און ער האָט די דערלויבעניש באַקומען.

נאָך אַ קורצער קוראַציע האָט סאַן מאַרטין זיך אומגעקערט קיין טשילע אַף פאָרצוזעצן די אונטערגענומענע אַקציע צו גיין אַף לימאַ. אָבער באַלד האָט ער באַקומען די דערשיטערנדיקע ידיעה אַז פועיררעדאָן האָט דימיטירט און זיין דימיסיע איז (דעם 9־טן יוני 1819) אָנגענומען געוואָרן און אַף זיין אָרט האָט דער קאָנגרעס באַשטימט גענעראַל ראָנדאָ אַלס העכסטן דירעקטאָר.

דאַמאָלסט איז דאָס גאַנצע לאַנד אַריין אין צושטאַנד פון אַנאַרכיע. די פּראָווינצן זיינען אַריין אין די הענט פון קאַודיזשאָס. אין טוקומאַן האָט זיך רעבעלירט דער גאַרניזאָן און אַרעסטירט בעלגראַנאָ און ענלעכס איז פאָרגעקומען אין סאַן לואיס, סאַן כואַן און מענדאָסאַ.

ווען סאַן מאַרטין האָט באַקומען אין טשילע די ידיעה אַז ס'איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פועיררעדאָן פונעם פּאָסטן אַלס העכסטער דירעקטאָר, און אַז די קאַודיזשאָס האָבן פאַרוואַנדלט בוענאָס אײַרעס אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, האָט ער צוגעשיקט אַ געשלאָסענעם בריוו דעם גענעראַל לאָס העראָס, בעטנדיק אים אַז ער זאָל אים עפענען בלויז פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון זיינע אָפיצירן.

לאַס הערצאָג האָט באַלד פאַררופן זיין שטאַב און געעפנט דעם בריוו. דאָרט האָט סאַן מאַרטין געלאָזט וויסן, אַז אַזוי ווי עס עקזיסטירט מער נישט אין בוענאָס איירעס די רעגירונג וועלכע האָט אים באַשטימט אַלס שעף־קאָמאַנדאַנט ליגט ער אַוועק זיין שעפעאַטור און גיט פרייהייט די אָפיצירן אויסצוקלייבן אַ נייעם שעף. דער ענטפער דערויף איז געווען אַן איינשטימיקער: ס אַ ן מ אַ ר ט י ן ב ל יי ב ט וו יי ט ע ר ד ע ר ש ע ף, און אַלע שטייען אים צו דינסט.

געשטאַרקט דורכן דאָזיקן באַשלוס האָט סאַן מאַרטין מיט זיינע מיטאַרבעטער אָנגעהויבן צוגרייטן די נייע עקספעדיציע, אַף צו באַפרייען פערו.

VII

געקומען קיין פערו

אָנהויב אויגוסט 1820 האָט סאַן מאַרטין געהייסן שליסן דעם פּאָרט פון וואַלפּאַראַיסאָ צוליב אַ גרעסערער זיכערקייט אַף צו קאָנען אָנגיין מיט די פאַרשיפונגען. עס איז געווען צוגעגרייט צו דער פאַרלאָדונג 25 קאַנאָנען, 15.000 ביקסן און 2.000 שווערדן פאַר נייע רעקרוטן וואָס וועלן אַריינגעצויגן ווערן צום באַפרייאונגס קאַמף אין פערו; לעבנסמיטלען פאַר 5.000 מאַן, 800 פערד מיטן פוראַזש, אַ דרוקעריי פאַר פּראָפּאַגאַנדע. די עקספּעדיציע איז באַשטאַנען פון 16 טראַנספּאָרט שיפן מיט 4.430 מאַן צווישן אָפיצירן און סאָלדאַטן, און 8 קריגסשיפן. דאָס מיליטער האָט זיך געטיילט אַף 3.050 אינפאַנטעריסטן, 418 אַרטילעריסטן, 652 קאַוואַלעריסטן. פונעם טאָטאַל זיינען געווען 1.805 טשילענער און 2.313 אַרגענטינער. שעף פונעם הויפּט־שטאַב איז געווען גענעראַל לאַס העראַס און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען די גענעראַלן אַלוואַרעז דע אַרענאַלעס, לוסורנאַגאַ און טאָמאַס גידאָ. דעם פלאָט האָט אָנגעפירט דער ענגלענדער לאָרד אַלעקסאַנדער טאָמאַס קאָקריין און אַרטילעריע קאָמאַנדאַנט דער אַרגענטינער מאַנועל בלאַנקאָ ענקאַלאַדאַ, וועלכער האָט געהאַט געדינט פריער אַפן שפּאַנישן פלאָט. שעף פון דער עקספּעדיציע איז געווען סאַן מאַרטין.

ס׳וועט דאָ אינטערעסאַנט זיין איבערצוגעבן די אָנווייזונגען, ריכטיקער, אינסטרוקציעס, פונעם טשילענער סענאַט סאַר מאַרטינען צום באַפרייאונגס־קאַמפּיין אין פערו. דאָס דערמאָנט אין די אָנווייזונגען פונעם חומש צו די בני ישראל פאַרן אַריינמאַרש קיין כנען. אין דברים (שופטים כ׳) זאָגט זיך: „אַז דו וועסט אַרויסגיין אַף מלחמה קעגן דיין פיינט און וועסט זען פערד און רייטוועגן, פאָלק מער פון דיר, זאָלסטו נישט מורא האָבן פאַר זיי״. ווייטער: „אַז דו וועסט זיך דערנענטערן צו אַ שטאָט צו האַלטן מלחמה אַף איר, זאָלסטו זי רופן צו שלום און אויב זי וועט נישט איינגיין אַף שלום נאָר וועט פירן מלחמה, זאָלסטו זי באַלאַגערן״. דערנאָך: „אַז דו וועסט באַלאַגערן אַ שטאָט פיל טעג, צו האַלטן מלחמה אַף איר, כדי זי איינצונעמען זאָלסטו נישט צעשטערן אירע ביימער דורך אַ האַק. עסן פון זיי מעגסטו, אָבער אויסהאַקן זיי טאָרסטו נישט, ווייל דער בוים איז נישט קיין מענטש באַטראַכט צו ווערן אַלס באַלאַגערט דורך דיר״.

די באפרייאונגס־ארמיי פון סאן מארטין איז געגאנגען קעגן די שפאניער אבער נישט קעגן דער ארטיקער באפעלקערונג. מען האט אונטערגענומען א באפרייאונגס־אקציע, און ווען דעם האט דער סענאט פון טשילע אנגענומען א באשלום מיטצוגעבן דער ארמיי אינסטרוקציעס. דער באריכט וועגן יענער זיצונג לויטעט:

אין דער שטאט סאנטיאגא דע טשילע, 23 טעג אין חודש יוני טויזנט אכט־הונדערט צוואנציק, ווען דער ערנווירדיקער סענאט איז געווען פארזאמלט אין זיצונגס־זאל בא א געוויינלעכער זיצונג, איז באהאנדלט געווארן דער ציל פון דער טשילענער מלוכה און דער גייסט וואס באהערשט די ארמייען וואס זיינען באשטימט פאר דער עקספעדיציע קיין פערו, ארויסצונעמען די איינוואוינער פון יענע גרויסע פראווינצן פון שקלאפעריי און באהערשונג דורכן קעניג פון שפאניע, פאריינהייטלעכן דעם סיסטעם פון ציווילער און נאציאנאלער פרייהייט אין גאנץ זידאמעריקע, און ס'זיינען אנגענומען געווארן רעגלען פאר דעם שעף גענעראל פון דער עקספעדיציע, און די דאזיקע אינסטרוקציעס מוזן דורכויס אפגעהיטן ווערן:

ארטיקל 1 — בא די פעלקער, צו וועלכע מען קומט טאר נישט באנוצט ווערן קיין גוואלט, סיידן ווען מען טרעפט א ווידערשטאנד נאך דעם ווי מען האט זיי פארגעלייגט שלום.

ארטיקל 2 — די פעלקער און פראווינצן, וואס וועלן זיך פרייוויליק אונ־טערגעבן, דארפן באהאנדלט ווערן ווי ברידער, טארן נישט באשמוצט און נישט באליידיקט ווערן, נישט אנגרייפן זיי פערזענלעך און נישט זייערע אינ־טערעסן. אפילו די וואס וועלן נישט איבערגיין צו אונדזער זאך דארף מען זען צו געווינען אף א פרידלעכן אופן דורך גוטער באהאנדלונג, געבנדיק זיי צו פארשטיין, אז דער סיסטעם פון אונדזער ציווילע פרייהייט האט אלס ציל מענטשנליבע.

ארטיקל 3 — ס'איז אומבאדינגט נויטיק, אז דאס מיליטער זאל אפהיטן די דאזיקע אנווייזונגען געוויסנהאפט. און ס'זאלן שטרענג באשטראפט ווערן די וואס וועלן עס פארלעצן, אויפקלערנדיק זיי, אז די גרעסטע און פעסטסטע דעראבערונגען קאנען דערגרייכט ווערן דורך גוטער אויפקלערונג און מאראלישן כוח מער ווי מיטן קאנאן און באיאנעט.

ארטיקל 4 — נאך דעם ווי מען וועט אריין אין א שטאט, זאלן אריינ־געצויגן ווערן אין דער מיטארבעט ארגאניזאציעס און די הויפט שכנים, זיי זאלן אויסקלייבן זייער טעניענטע גובערנאטאר אדער גוברנאטאר, אויב עס האנדלט זיך אין דער אנפירונג פון א פראווינץ, קאבילדאס און אנדערע רעגי־רונגס־באאמטע, אויב די פריערדיקע זיינען קעגן דער זאך פון אמעריקע.

ארטיקל 5 — די גובערנאטארס אדער טעניענטעס, און די אויסגעקליבענע קאבילדאס (שטאטראטן) דערוויילטע פון די איינוואוינער, וועלן דארפן בא־

זאָרגן דאָס מיליטער מיט קוואַרטירן און די אָפיצירן מיט דירות און אַנדערע נויטיקע זאַכן, אויף אַן אופן, וואָס זאָל דאָס מינדסטע נישט באַרירן זייער אייגנטום־רעכט. זיי זאָלן ווּיסן, אַז זיי בלייבן די לעגאַלע באַלעבאַטים פון זייערע טעריטאָריעס און אונדזער מיליטער פאָדערט נישט פון זיי מער ווי דאָס רעכט פון גאַסטפריינטשאַפט און די געהעריקע באַציונג און אויפמערקזאַמקייט ווי ברידער, וואָס ווילן פאַרן פרייז פון גרויסע קרבנות זיי אַרויסנעמען פון שקלאַפעריי און זיי מעגלעך מאַכן צו געניסן פון ציווילער פרייהייט.

אַרטיקל 7 — אויב די הויפּטשטאָט פון פּערו און אַנדערע שטעט וועלן זיך אַרויסזאָגן קעגן אונדזערע פרידנס־פאָרשלאָגן און עס וועט נויטיק זיין צו באַנוצן געוואַלד זיי צו נעמען, זאָל ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן ווערן רויב, געוואַלדטאַט און אַנדערע פיינטלעכע אַקטן, וואָס באַליידיקן די רעליגיע און מענטשלעכקייט.

אַרטיקל 8 — אין די שטעט, וואָס וועלן איינגענומען ווערן דורך וואָפן זאָלן זיך צונויפקומען די פּאַטריאָטן, וואָס געפינען זיך דאָרט אויף אויסצוקלייבן די באַהערדן, אָבער פאַר קיין פאַל זאָל דערביי נישט גענומען ווערן קיין פּאָליטישער פּאָסטן פאַר זיך און נישט פאַר די אָפיצירן.

אַרטיקל 9 — אין דער שטאָט לימאַ, הויפּטשטאָט פון פּערו, זאָל אויסגעקליבן ווערן אַ העכסטער דירעקטאָר אָדער העכסטער רעגירונגס־ראַט, לויטן איינזען פון די וואָקאַלן (דעפּוטאַטן) פון אַלע פּראָווינצן".

אין די ווייטערדיקע אַרטיקלען פון די דאָזיקע אינסטרוקציעס (אינגאַנצן זיינען עס 25 אַרטיקלען) רעדט זיך וועגן דער ווינטשנסווערטיקייט אָנצונעמען באַלד אַ פּראָוויזאָרישע קאָנסטיטוציע; אַז ס'זאָלן באַפרייט ווערן די שקלאַפן; די שפּאַניער זאָלן נישט באַהאַנדלט ווערן פיינטלעך; גייסטלעכע וואָס זיינען פיינטלעך דעם נייעם רעזשים, זאָלן באַזייטיקט ווערן פון זייערע פּאָסטנס; די אַרמיי זאָל רעספּעקטירן די קאַטוילישע רעליגיע און מ'זאָל באַשטראָפן ווערן פאַר חוזק מאַכן פון גלויבן, קירכע און גייסטלעכע; ס'זאָלן פריינטלעך און מענטשלעך באַהאַנדלט ווערן די געבירטיקע אינדיאַנער.

צולעצט זאָג זיך, אַז די טשילענער רעגירונג האָט אינטערעס און האַלט פאַר נוצלעך, אַז ס'זאָל מיטגיין מיט דער אַרמיי אַ פאָרשטייער פון דער רעגירונג. אונטערגעשריבן האָבן דעם דאָקומענט: כאָסע איגנאַסיאָ סיענפוגאָס, פראַנסיסקאָ ב. פאָנטעסיליאַ, פראַנסיסקאָ אַנטאָניאָ פּערעז, כואַן אַגוסטין אַלקאַלדע, כאָסע מאַריאַ דע ראָסאַס, כאָסע מאַריאַ ווילאַרעאַל — סעקרעטאַר.

אַלעס איז געווען גרייט צום אַרויספאָרן און פול מיט האָפענונג.

אַ טאָג פאַרן אַרויספאָרן מיטן פלאָט פון וואַלפּאַראַיסאָ, האָט סאַן מאַרטין (דעם 19טן אויגוסט) זיך געווענדט צום קאַבילדאָ פון בוענאָס איירעס מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„מאָרגן פאָרט אַרויס די באַפרייונגס־עקספּעדיציע קיין פּערו. אַלס אייער גע־נעראַל האָב איך דעם כּבוד צו מעלדן אייער עקסעלענץ, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס העראָישע פאָלק, דאָס טוגנטהאַפטסטע און ווירדיקסטע פאָלק אין דער געשיכטע פון זיד־אַמעריקע, דערקלערנדיק, אַז מיינע הייסטסטע וואונטשן זיי־נען פאַר זיין גליק, און אַז פון דעם מאָמענט, ווען ס'וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ צענטראַלע רעגירונג פון די פּראָווינצן וועט די אַנדן־אַרמיי זיין אונטערוואָרפן אירע פאָראָרדענונגען מיט דער רעספּעקטפולסטער געהאָרכזאַמקייט".

סאַן מארטין האָט אויך צוגעשיקט אַן אָפּשידס בריוול זיין אַלטן פריינט גאָדאָי קרוז, וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן גובערנאַטאָר פון מענדאָזאַ, שרייבנדיק אים: „איך גיי מאַכן די לעצטע אָנשטרענגונג לטובת אמעריקע. אויב דאָס וועט נישט קאָנען דורכגעפירט ווערן איבער די אָנהאַלטנדיקע אומרוען און אַנאַרכיע, וועל איך פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל מיין נשמה קאָן נישט צוזען זיין חורבן".

דעם 20טן אויגוסט האָט דער פלאָט פאַרלאָזט דעם פאָרט פון וואַלפּאַ־ראַיסאָ. אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען אין פאָרט און פאַראַפּשידט די עקס־פּעדיציע, פאָכענדיק מיט ווייסע טיכלעך, מאַכנדיק אויסרופן פאַר סאַן מאַר־טינען, פאַרן דערפאָלג פון דער עקספּעדיציע און פאַר דער פרייהייט פון אַמע־ריקע. די מוזיק האָט געשפּילט דעם אַרגענטינער הימן און די שיפן האָבן ביס־לעכווייז זיך אַריינגעגליטשט אין אָפענעם ים.

די קריגס־שיף סאַן מארטין, אַף וועלכער עס איז געפאָרן סאַן מאַרטין, איז געווען פון 1.300 טאָנען און געהאַט 64 קאַנאָנען. די זעגל־שיף אָ'היגינס, אָנגעפירט פון לאָרד קאָקריין, איז געווען די פלאַגן־שיף און געפאָרן פאָרויס. זי איז געווען פון 1.200 טאָנען און געהאַט 44 קאַנאָנען. די אַנדערע קריגס־שיפן זיינען געווען לאַוטאַרא פון 850 טאָנען מיט 46 קאַנאָנען; אינדעפּענ־דענסיאַ פון 380 טאָנען מיט 28 קאַנאָנען; גאַלוואַרינאָ פון 398 טאָנען מיט 18 קאַנאָנען; אַראוקאַנאַ פון 270 טאָנען מיט 16 קאַנאָנען; מאַקטעזומאַ פון 200 טאָנען מיט 7 קאַנאָנען. די טראַנספּאָרט־שיפן, ריכטיקער שיפלעך, זיינען געווען: דאָלאָרעס, גאַדיטאַנאַ, קאָנסעקוענסיאַ, עמפּערענדעדאָר, סאַנטאַ ראָסאַ, אַגילאַ, מאַקענאָ, פּערלאָ, בערעסאַנאַ, פּערואַנאָ, גאַלאַנדרינאַ, מינערוואַ, ליי־בערטאַד, אַרכענטינאַ, הערקולאַס און פּאַטריליאַ — צוזאַמען פון אַ טאָטאַל פון 7.187 טאָנען.

פּאַרבייפאָרנדיק קאָקימבאָ איז אויפגענומען געוואָרן אַ פרישע אָפּטיילונג טשילענער מיליטער. די רייזע איז געגאַנגען נישט ווייט פון ברעג און האָט געדויערט איבער צוויי וואָכן ביז מען איז געקומען אין דער בוכטע פון פּאַ־ראַקאַס. דעם 7טן סעפּטעמבער 1820 איז געמאַכט געוואָרן דער דעסאַנט נעבן פּיסקאָ. ס'זיינען אַרויסגעזעצט געוואָרן דריי טויזנט סאָלדאַטן, צעטיילט אין דריי באַטאַליאָנען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל לאַס העראַס און זיי

האָבן אויפגעשטעלט אַ לאַגער אין פּיסקאָ. פון דאָרט האָט סאַן מאַרטין אַרויס־געלאָזט זיין ערשטן מאַניפעסט צו די פּערואַנער, אין וועלכן ער האָט דער־קלערט, אַז ער קומט צופרידנשטעלן דעם וואונטש פון אַלע, צו געבן פרייהייט דעם לאַנד און דאָס פאָלק זאָל האָבן אַן אייגענע רעגירונג.

די ידיעה פונעם דעסאַנט איז באַלד באַוואוסט געוואָרן אין לימאַ. גראָד האָט מען דאָרט נאָר־וואָס געהאַט געשוואוירן אויפסניי טרייהייט פערנאַנדאָ דעם 7טן מיט זיין נייער קאָנסטיטוציע.

דעם 12טן סעפּטעמבער נאָכמיטיק איז געקומען קיין פּיסקאָ אַ דעלעגאַציע פונעם וויצע־קעניג צו פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן וואָפנשטילשטאַנד. די פאַר־האַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן אין מיראַפלאָרעס צוויי טעג אָבער אָן דער־פאָלג, און דעם 15טן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. סאַן מאַרטין האָט גע־שיקט גענעראַל אַרענאַלעס מיט אַן אָפּטיילונג מיליטער אין אינערן פון לאַנד, צו דרום, אויף צוצוגרייטן די באַפעלקערונג צום באַפרייאונגס־קאַמף. ס׳איז אויך געקומען צו אַ קאָנטאַקט מיט סטודענטישע פירער און איינציקע פּערזענ־לעכקייטן אין לימאַ.

אין דער צייט וואָס אַרענאַלעס איז אָנגעגאַנגען מיט זיינע אָפּעראַציעס, האָט דער רעשט מאַנשאַפט זיך פאַרשיפט און זיך געלאָזט אין וועג צו צפון. די טראַנספּאָרטן זיינען געקומען קודם צו דער בוכטע פון קאַזשאַאָ, וואו ס׳איז דער הויפּט פּאָרט פון לאַנד און דערנאָך געקומען צום פּאָרט אַנקאָן. דאָ איז אַרויסגעזעצט געוואָרן אַ צווייטער טייל מיליטער, אָנגעפירט פון בראַנדסען, און די שיפן האָבן זיך געלאָזט נאָך מער צו צפון ביז הואַטשאָ. דאָרט האָט גע־לאַנדעט דאָס רעשט מיליטער, און גענעראַל מילער האָט פון דאָרט־אויס, פונעם לאַגער פון הואַראַ נעבן הואַטשאָ אונטערגענומען אַ מאַרש אויף לימאַ.

דער אַדמיראַל לאָרד קאָקריין האָט דורכגעפירט אַן אַקציע אויפן ים און פאַרכאַפּט די פּרעכטיקע שפּאַנישע פראַגאַטן־שיף „לאַ עסמעראַלדאַ”.

דעם 24טן אָקטאָבער האָט סאַן מאַרטין אין פּיסקאָ דורך אַ דעקרעט באַשטימט די פאַרבן פון דער פאָן פון פּערו און דעם עמבלעם. דער דאָזיקער דעקרעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער דרוקעריי, וואָס די עקספּעדיציע האָט מיט זיך געפירט.

דער וויצע־קעניג, פּעסועלאַ, האָט געהאַט אונטער זיין מאַכט אַרום 25.000 מאַן אָבער דאָס מיליטער איז געווען שטאַרק צעשפּרייט. אויפן ים איז זיין מאַכט געווען פולשטענדיק געבראָכן און קיין הילף איז נישט געווען צו דערוואַרטן. אַרענאַלעס האָט געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט אַן אָפּטיילונג רעאַליסטן אין סעררא דע פּאַסקאָ, און ס׳זיינען (6טן דעצעמבער) געפאַלן טויט 58 שפּאַניער, 18 פאַרוואונדעט און 343 זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען. די באַפרייונגס־סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען 2 קאַנאָנען, 300 ביקסן, אַלע פאָנען, מוניציע און מוזיק־אינסטרומענטן. ס׳איז אויך געפאַנגען געוואָרן דער שעף פון דער גרופּע,

בריגאַדיר אָ׳רעילי. דער זיג איז געפייערט געוואָרן אין בוענאָס איירעס און ס׳איז אויפגעפירט געוואָרן א טעאַטער־פּיעסע מיטן טיטל „די שלאַכט אין



דער באַפרייונגס קאַמפּיין אין פּערו

פּיסקאָ". א באַטאַליאָן רעאַליסטן, אָנגעפירט פון קאָראָנעל וואַלדעז, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון פּעסועלא איבערצושניידן אַרענאַלעסן דעם וועג, איז אַריבער אין גאַנצן צו די פּאַטריאָטן.

ס'איז געקומען אזא דעמאָראַליזאציע צווישן דעם שפּאנישן מיליטער, אז דעם 19טן יאנואר 1821 האָט אויסגעבראָכן א מיליטערישער אויפשטאנד אין לימא און ס'איז אראָפּגעזעצט געוואָרן דער וויצע־קעניג פּעסועלא. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער גענעראַל לאַסערנא, איינער פון די וואָס האָבן זיך באטייליקט אין אויפשטאנד.

פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט אין לימא

סאַן מארטין איז אריבער פון זיין לאַגער פון פּיסקא קיין הואורא. דאָרט אין לאַגער האָט אָנגעהויבן בושעווען א פיבער־עפּידעמיע און ס'זיינען מערערע סאָלדאטן געשטאָרבן. סאַן מארטין גופא איז אויך קראַנק געוואָרן. די לאַגע איז געוואָרן שווער. ס'איז נויטיק געווען הילף און זי איז נישט געקומען פון טשילע. אין ארגענטינע האָט געהערשט אַן אנארכיע און אפן עקספּעדיציע־פּלאָט האָט זיך אָנגעהויבן אן אומצופרידנקייט איבער דער ריקשטעליקייט מיטן לוין. בא אַט דעם שווערן צושטאנד האָט דער וויצע־קעניג לא סערנא פּלוצים פאָרגע־שלאָגן וואַפנשטילשטאנד־פארהאנדלונגען.

דעם 2־טן יוני 1821 זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין פּונטשאוקא סאַן מאַר־טין און לא סערנא, דער ערשטער באגלייט פון לאס העראס און גידאָ און דער צווייטער פון קאנטעראַק, וואלדעז, לאמאר און דער קאָמיסאַר אברו, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון מאדריד מיט א פאָרשלאַג וועגן שלום מיטן באַדינג צו אנערקענען דעם מאָנארך פערנאנדאָ דעם 7טן און די נייע קאָנסטי־טוציע פון 1812.

סאַן מארטין האָט ווארעם באגריסט לא סערנאן און ביידע האָבן זיך אומארעמט.

— גענעראַל, האָט סאַן מארטין געזאָגט, איך באטראַכט עס ווי איינעם פון די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן. איך קום קיין פּערו פון די ברעגן פון לא פּלאטא, נישט צו פארגיסן בלוט, נאָר צו געבן דעם פאָלק די פרייהייט און רעכטן, וואָס אייער אייגן לאנד וויל איצט געבן דורך דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1812, וועלכע אייער עקסעלענץ און אייערע גענעראַלן פארטיידיקן".

סאַן מארטין האָט גערעדט הארציק וועגן די פאָלקס־רעכטן און וועגן דער נויטיקייט צו געבן דעם לאנד אן אייגענע רעגירונג און בכדי אויסצומיידן נייע בלוט־פארגיסונג האָט ער פאָרגעשלאָגן, אז דער וויצע־קעניג זאָל באַשטימען א רעגענץ, צו רעגירן אין אַן אומאָפּהענגיקער פּערו, ביז שפּאניע וועט בא־שטימען א פּרינץ, וואָס זאָל פארנעמען דעם טראָן אין נייעם לאנד.

סאַן מארטין האָט געמאכט אזא קאָנקרעטן פאָרשלאַג: ס'זאָל געבילדעט ווערן אין לימא א רעגירונגס־ראט מיט לא סערנא אָדער אנדערן שפּאנישן גע־

נעראל אלס פּאַרזיצער, און די רעגירונג זאָל בלייבן אומאָפּהענגיק. עס זאָלן געפירט ווערן צו גלייכער צייט פאַרהאַנדלונגען מיט שפּאַניע וועגן שאַפן א דרום־אַמעריקאַנער מאָנאַרכיע מיט א פּרינץ פונעם באָרבאָנען הויז אלס קעניג.

דאָס איז געווען אַן איבעראַשונג פאַר די שפּאַנישע מיליטער־שעפן, און דער וויצע־קעניג האָט דעם פּאָרשלאַג אין פּרינציפּ אָנגענומען, דערקלערנדיק בלויז, אַז ער מוז האָבן דערצו די צושטימונג פונעם הויפּט־שטאַב.

סאַן מאַרטין האָט געגעבן לכבוד די געסט א באַנקעט און מען האָט געהאַלטן רעדעס און געוואונטשן וואוילזיין פאַר אַמעריקע און שפּאַניע.

ווען אָבער לאַ סערנאַ מיט זיין באַגלייטונג זיינען צוריקגעקומען קיין לימאַ, האָבן די אַנדערע מיליטער־שעפן אָפּגעוואָרפן דעם פּאָרשלאַג פון אומאָפּהענגיקייט דעם לאַנד. דער וואָפנשטילשטאַנד איז ווידעראַמאָל געבראָכן געוואָרן.

ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט געוואָרן פון לימאַ און ווער ווייסט ווער ס׳וואָלט געזיגט. סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען אין א שלעכטער לאַגע, ווייל הונדערטער פון זיינע סאָלדאַטן זיינען געשטאָרבן אָדער געלעגן קראַנק פון דער עפּידעמיע אין הואורא. אָבער אויך לאַ סערנאַן איז געווען נישט גוט, ווייל דאָס מיליטער איז געווען דעמאָראַליזירט. אנשטאָט צו קעמפן, האָט לאַ סערנאַ איינגעוויליקט און נאָכגעקומען די ביטע פונעם קאַבילדאָ פון לימאַ צו פאַרלאָזן די שטאָט.

לאַ סערנאַ האָט נישט געוואָלט לאָזן חרוב מאַכן לימאַ און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט. דעם 10טן יולי האָט לאַ סערנאַ מיט זיינע גענעראַלן און מיט דער גאַנצער אַרמיי עוואַקואירט די הויפּטשטאָט זיך לאָזנדיק צו די בערג.

דער פּאָרשלאַג פון סאַן מאַרטין ווערט פאַרשידן אויסגעטייטשט. אייניקע האָבן זיך דערלויבט אפילו חוזק צו מאַכן פון אים באַצייכענענדיק אים „דער קעניג אָן א קרוין". אָבער סאַן מאַרטין האָט אין איינעם א דאָקומענט אויפגעקלערט, אַז ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז פערנאַנדאָ וועט נישט איינגיין אויף דעם פּאָרשלאַג פון אומאָפּהענגיקייט, און ער האָט בלויז געוואָלט קאָמפּראָמעטירן די שפּאַנישע מיליטער־שעפן, צו ווייזן, אַז זיי זיינען געצווינגט צו געבן אומאָפּהענגיקייט דעם לאַנד. ס׳איז געווען פּשוט א מלחמה־שפּיצל.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען סאַן מאַרטין איז שוין געווען אין אייראָפּע, האָט ער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פונעם געמאַכטן פּאָרשלאַג אין פּונטשאַוקאַ.

1) ס׳זאָל אנערקענט ווערן די אומאָפּהענגיקייט פון פּערו אלס סואווערענע נאַציע; 2) ס׳זאָל געבילדעט ווערן א רעגירונגס־ראַט צוזאַמענגעשטעלט פון דריי פּערזאָנען, באַשטימטע איינער דורכן וויצע־קעניג, דער אַנדערער דורך סאַן מאַרטינען און דער דריטער דורך דער הויפּטשטאָט; 3) דער רעגירונגס־ראַט צוזאַמען מיט א דעפּוטאַט פון יעדער פּראָווינץ זאָלן שאַפן א פּראָוויזאָרישן פּאַרלאַמענט ביז ס׳וועט אויסגעקליבן ווערן א קאָנגרעס; 4) ס׳זאָל געשיקט

ווערן אַ קאָמיסיע קיין שפּאַניע צו בעטן דעם קעניג צו באַשטימען אַ פּרינץ פון זיין דינאַסטיע, צו קרוינען אים אין פּערו און שווערן די קאָנסטיטוציע, וואָס וועט אים צוגעשטעלט ווערן.

די אַנדערע פאַרשלאָגן זיינען געווען וועגן די פּאָזיציעס פון די אַרמייען.

ווען דער וויצע־קעניג מיטן מיליטער איז אַוועק, האָט ער איבערגעלאָזט די קאָמאַנדע איבער דער שטאָט דעם אַלטן קריאָליאָ מאַרקיז מאָנטעמירא. דער קאַבילדאָ (שטאָטראַט) האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַשטימט צו שיקן אַ דעפּוטאַציע צו סאַן מאַרטינען אים איינצולאַדן אַריינצוקומען קיין לימאַ. סאַן מאַרטין האָט זיך געפונען אויף דער שיף מאַקטעזומאַ, וואָס איז געשטאַנען גע־אַנקערט אין קאַזשאַאָ, און ווען די דעלעגאַציע האָט אים איבערגעגעבן וועגן וואָס זיי קומען, האָט ער געענטפערט:

„איך וויל נישט אַריין ווי קיין זיגער, נאָר ווי אַן איינגעלאַדענער פון פאָלק".

ער האָט פאַראָרדנט דעם מיליטער זיך צוריקצוציען אויף אַ געוויסער דיס־טאַנץ און ער איז אַריין דעם 9טן יולי אין דער הויפּטשטאָט פון פּערו, נישט ווי אַ זיגער, נאָר ווי אַן איינגעלאַדענער.

דעם 28טן יולי 1821, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין לימאַ די אומאָפּהענ־גיקייט פון פּערו און סאַן מאַרטין איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס פּראָטעקטאָר. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז סאַן מאַרטין ביינגעווען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. ס'איז צו אים צוגעקומען זיין עדעקאַן און געמאָלדן, אַז דאָס רעאַליסטישע מיליטער גייט אויף לימאַ. ער איז באַלד אַרויס געוואָר צו ווערן מער איינצלהייטן. באַלד האָט זיך אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט פאַרזאַמלט דאָס פאָלק אויף דער פּלאַסע און עס האָבן זיך געהערט אויסרופן „פרייהייט אָדער טויט!"

דאָס שפּאַנישע מיליטער, וואָס האָט געהאַט דעם הויפּטשטאַב אין כאַוכאַ האָט דעם 25טן אויגוסט 1821 זיך געלאָזט אונטער דער קאָמאַנדע פון גע־נעראַל קאַנטעראַק אָפּן וועג צו קאַזשאַאָ מיטן ציל צו פאַרנעמען לימאַ. דעם 4טן סעפּטעמבער האָט מען שוין געמערקט די דערנענטערונג פון עם שונא. ביידע אַרמייען האָבן זיך דערנענטערט צו אַנאַנדער. און דאָ איז געשען אַ וואונדער: די שפּאַניער האָבן אָנגעהויבן שנעל דעם ריקצוג און אין אומאָרדע־נונג זיך צעלאָפן. אין קאַזשאַאָ, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינע פון די מעכטיקסטע אַרסענאַלן פון די שפּאַניער אין אַמעריקע, האָט דאָס געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. קאָראַנעל לאַ מאַר, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון קאַזשאַאָ, האָט אין אָנהויב נישט געוואָלט גלויבן דאָס גע־שעענע, אָבער אַן אָפיציר, וואָס איז געקומען צו לויפן, האָט עס באַשטעטיקט: קאַנטעראַק איז אַנטלאָפן! עס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן דער קאַפּיטולאַציע.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט סאַן מאַרטין אָפּגעהאַלטן איינעם פון די גלענצנ־

דיקסטע זיגן אָן אַ שאָס פּולווער. ס'זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען 2.000 מאַן און פאַרנומען אַלע וואָפן און מוניציע. אַנדערע 1.000 מאַן, וואָס זיינען געקומען צו הילף דעם גאַרניזאָן פון קאַזשקאַ, האָבן זיך אויך אונטערגעגעבן. אייניקע גרופּעס פון שפּאַנישן מיליטער זיינען אַריבער פרייוויליק צו די באַ־פרייער.

ביים צוריקקומען קיין לימאַ איז סאַן מאַרטין אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס יובל, אָבער אויך דאָ, ווי שטענדיק, האָט ער זיך באַמיט אויסצומיידן פּאַראַדעס. ער האָט אין אַ פּראָקלאַמע דערקלערט: „ווען דער שונא וועט זיין אַרויסגעוואָרפן פונעם לאַנד, וועל איך אַראָפּנידערן צום שטאַנד פון אַ פּשוטן בירגער, איבערגעבנדיק דעם גורל פון פּערו אין די הענט פונעם סואווערענעם קאָנגרעס”.

אין אַרגענטינע האָט די לאַגע אין אַ געוויסער מאָס זיך געבעסערט. נאָך דער גרויסער אַנאַרכיע איז געווען גובערנאַטאָר פון פּראָווינץ בוענאָס איירעס מאַרטין ראָדריגעז, און זיין מיניסטער איז געווען בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון פרידן און פּראָגרעס. דער פּראָטעק־טאָר פון פּערו האָט אין אַ בריוו צום גובערנאַטאָר פון בוענאָס איירעס געשריבן: „זאָל גאָט העלפן, אַז באַם אָנקומען פון דער דאָזיקער מעלדונג (פונעם פאַלן פון לימאַ) זאָל האָבן אויפגעהערט דאָס שלעכטס, וואָס האָט באַדראָט די הויפּט־שטאָט און די פאַרבינדעטע פּראָווינצן, בילדנדיק אַ צענטראַלע רעגירונג”.

ריוואַדאַוויאַ איז געבליבן אַ שונא סאַן מאַרטינען נאָך פון יענער צייט פון 1812, ווען דער באַפרייער מיט דער לאַוטאַראָ־לאָזשע האָבן געמאַכט דעם אויפשטאַנד אין בוענאָס איירעס שטירצנדיק די דעמאָלדיקע רעגירונג, אין וועלכער ריוואַדאַוויאַ האָט פאַרנומען דעם מלוכה־אַמט.

אין פּערו האָט סאַן מאַרטין זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם שפּאַנישן מי־ליטער, אַז ער איז נישט געקומען בלוט פאַרגיסן. אין איינער אַ פּראָקלאַמע, האָט ער דערקלערט: „איראָפּעישע שפּאַניער! מיין פּראָקלאַמירן די אומאָפּ־הענגיקייט פון לאַנד איז נישט אייער רוינע. בלויז די פרייהייט פון פּערו באַט אייך אָן אַ זיכערע היים. צו די אינטימע באַציונגען וואָס פאַרבינדן אייך צו די אַמעריקאַנער, פעלט בלויז אייער וואונטש צו בילדן אַ גרויסע פאַמיליע פון ברידער”.

די שפּאַניער האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אויערן פאַר אַזעלכע ווערטער.

דעם 8טן אָקטאָבער 1821 האָט דער פּראָטעקטאָר פון פּערו (סאַן מאַרטין) דיקטירט אַ סטאַטוט, וואָס איז געווען אַ צייטווייליקער רעזשים פּראָגראַם פאַרן לאַנד, ביז ס'וועט געשאַפן ווערן אַ פּערמאַנענטע מלוכה־קאָנסטיטוציע.

ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלערליי נויטיקע מיטלען צו זיכערן לימאַ, קאַזשקאַ און דעם רעשט באַפרייטן לאַנד קעגן אַ נייעם פּלוצימדיקן איבערפאַל פון די שפּאַניער. די עקספּעדיציע־אַרמיי, וואָס איז געקומען פון טשילע, איז

באַשטאַנען פון 4.872 מאַן, פון זיי איז אַ העלפט קראַנק געוואָרן אָדער גע־שטאָרבן. אָבער צום יאָר איז די אַרמיי אויסגעוואַקסן אין פּערו צו 6.700 מאַן, צווישן זיי וואָלונטירן און געוועזענע שפּאַנישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַריבער צו סאַן מאַרטינען צו העלפן קעמפן פאַר דער באַפרייונג.

אינטריגעס קעגן סאַן מאַרטינען

נישט באַשערט געווען סאַן מאַרטינען צו זיין דער פולשטענדיקער באַ־פרייער פון פּערו און זיך אומקערן, ווי ער האָט געהאָפט, קיין אַרגענטינע מיט זיין מיליטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן אומגעהויער גרויסע שוועריקייטן. דאָס ערשטע איז געווען אַן אינצידענט מיטן שעף פונעם פלאָט לאָרד קאָקריין. דער דאָזיקער ענגלישער פלאָט־קאָמאַנדאַנט, וואָס האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צום זיג פון דער עקספּעדיציע, קודם איבערן שפּאַנישן פלאָט אין פּאַסיפיק, און דערנאָך צום דערפאָלג אויף דער יבשה, באַם פּערואַנער ברעג, האָט זיך געוואָלט נעמען גרויסע קאָמאַנדע־רעכטן, וואָס דער פּראָטעקטאָר האָט נישט געקאָנט דערלויבן. אויסער דעם האָט לאָרד קאָקריין געפאָדערט דרינגענד אַ גרויסע סומע, וואָס איז נישט מעגלעך געווען אים צו דעקן.

באַלד נאָכדעם ווי די באַפרייונגס־אַרמיי איז אַריין קיין לימאַ, האָט לאָרד קאָקריין צוגעשטעלט דעם פּראָטעקטאָר און דער רעגירונג פון פּערו צוויי חשבונות, פאָדערנדיק זיי צו דעקן. איינער איז געווען פאַר דער צייט זייט די עקספּעדיציע איז אַרויסגעפאָרן פון טשילע, אַ סומע פון 130.000 פּעזעס, און דער אַנדערער חשבון, וואָס טשילע איז געבליבן שולדיק פאַר נישט אויסגע־צאָלטע לוינען, עפּעס מער פון 200.000 פּעזעס. מען האָט אים געענטפערט, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט דער ערשטער פאָדערונג, איז ער באַרעכטיקט און דער חשבון וועט געדעקט ווערן; אָבער דער צווייטער חשבון דאַרף צוגעשטעלט ווערן דער טשילענער רעגירונג. ס׳איז אים אויך דערקלערט געוואָרן, אַז די פּערואַנער רעגירונג וויל אים באַצאָלן איצט פערציק טויזנט פּעזעס, און דעם רעשט אין אָקטאָבער.

אַ פּאָר טעג נאָך דעם ענטפער זיינען געקומען ידיעות פון אַן אוואַנס פון די שפּאַניער אויף לימאַ. די רעגירונג האָט דעריבער פאַראָרדנט, אַז דאָס געלט, וואָס געפינט זיך אין מינצהויז, די שטיקער גאָלד און אַנדערע ווערט־זאַכן, זאָלן שנעל אַרויסגעפירט ווערן און עס פאַרשיפן. די באַפעלקערונג איז אויך געוואָרנט געוואָרן, אַז אויב עמיץ וויל עפּעס זיכערן, זאָל מען עס ברענגען קיין אַנקאָן און איבערגעבן דעם מלוכה־קאַסיר און צוויי בוכהאַלטערס, וואָס זיינען צו דעם צוועק באַשטימט געוואָרן, און אַרויסנעמען דערויף אַ קוויטונג.

גראָד אין דאָזיקן מאָמענט, ווען דער פיינט האָט זיך דערנענטערט צו

לימא, איז קאַקריין צוגעשטאַנען דרינגלעך מען זאָל אים שוין באַצאָלן דאָס גע־פאָדערטע געלט, און ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז מען וועט עס טון אַזוי שנעל דער פיינט וועט פאַרטריבן ווערן, האָט ער באַשלאָסן דורכצופירן אַ רויב־איבערפאַל. ער האָט צונויפגערופן די מאַנשאַפט און געמאַכט אַן איבערפאַל אויף דער שיף, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס אָנגעזאַמלטע גאָלד און ווערט־זאַכן, האָט אַרויסגעוואָרפן דעם קאַסיר און בוכהאַלטערס און פאַרנומען אַלעס. די באַאַמטע האָבן געבעטן ער זאָל זיי כאָטש געבן אַ באַשטעטיקונג אויף דעם, בכדי זיי זאָלן זיך קאָנען רעכטפאַרטיקן, נאָר ער האָט דאָס אויך נישט געוואָלט.

אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון דער מאַנשאַפט איז באַשטאַנען פון אויס־לענדער, האָבן זיי געפאָלגט קאָקריינען, און פאַרנומען דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע פאַרמעגן אין באַטרעף פון 586.000 פעזעס, פון דעם 153.000 פון דער רעגי־רונג און דאָס רעשט פון פריוואַטע פערזאָנען.

מיטן דאָזיקן רויב האָט קאָקריין זיך געלאָזט מיט אַ שיף ביז צו די ברעגן פון מעקסיקע, דערנאָך זיך אומגעקערט קיין גוואַיאַקיל. דאָרט האָט ער געהאַט אַ העפטיקן קאָנפליקט מיט בלאַנקאַ ענקאַלאַדאַ, און אַוועק צו זיד. דערנאָך איז ער (אין יוני 1821) געקומען קיין וואַלפּאַראַיסאָ און געפירט אַ פאַרלוימ־דונגס־אַקציע קעגן סאַן מאַרטין. נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אין טשילע איז ער פון דאָרט אַוועק און געקומען קיין בראַזיל (1823) און זיך געשטעלט אין דינסט פון די פּאָרטוגעזער אָפּן בראַזיליענער פלאָט.

סאַן מאַרטין האָט זיך אָפּגעגעבן, אַלס פּראָטעקטאָר, מיטן איינשטעלן אָרדענונג און רו אין לאַנד. ער האָט געשאַפן אַ פּערואַנער לעגיאָן צו געבן דעם לאַנד אַן אייגענע אַרמיי, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם ענגלענדער מילער און פּראַנצויז בראַנדסען. ער האָט רעאָרגאַניזירט די פינאַנצן, געעפנט דאָס לאַנד פאַרן פרייעם האַנדל, האָט אָפּגעשאַפט די שקלאַפעריי, דעם סיסטעם פון ענ־קאָמיענדאַס. דער פּראָטעקטאָר האָט אָפּגעשאַפט די אינקוויזיציע, דאָס שלאָגן אין שול און דאָס פייניקן אין די טורמעס. ער האָט איינגעפירט פרייהייט פון פּרעסע, אַראָפּגענומען די צענזור, האָט איינגעשטעלט די אומפאַרלעצלעכקייט פון דירה, האָט געזיכערט די אינדיווידועלע פרייהייט און האַבעאַס קאָרפּוס. ער האָט געעפנט אַ פאָלקס־ביבליאָטעק און זי באַזאָרגט מיט ביכער, האָט אָנ־ערקענט די מלוכה־חובות, וואָס זיינען געקומען דורך די קריגס־אַקציעס מצד דער רעאַליסטישער רעגירונג. ער האָט געוואָלט איינשטעלן אַ ליבעראַל־דעמאָ־קראַטישן רעזשים אין פולסטן זין פון וואָרט.

ס'איז געווען נישט אַזוי לייכט אַלץ דורכצופירן אין אַ צייט ווען עס זיינען נאָך אַרום און אַרום געווען פיינטלעכע כוחות און עס האָט נישט אויפ־געהערט דער קאַמף אין אינערן. אויסערדעם האָט ער חוץ דעם שפּאַנישן מי־ליטער געהאַט קעגן זיך דעם קלער.

פאַרן קומען פון סאַן מאַרטין האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטער מאָנאַר־

כיזם און די קירכע האָט געהאַט גרויס איינפלוס אויף אַלץ. איצט, נאָכן פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט, האָט דער קלער אָנגעפירט אַ געהיימע פאַרשווערונג. דער אַרציבישאָף פון טשאַרקאַס און די בישאָפן פון טרוכיזשאָ, קוזקאָ, הואַמאַנגאַ און אַרעקיפּאַ האָבן אָנגעפירט אינטריגעס קעגן פּראָטעקטאָר. דאָס זעלבע דער אַרציבישאָף פון לימאַ, מאָנסעניאָר הערעס. אויסער דעם האָבן אין לימאַ אַקטווירט צוויי רייכע שפּאַניער אַבאַדיאַ און אַריסמענדי, וועלכע האָבן צוגעשיקט אַלערליי ידיעות דעם שפּאַנישן מיליטער. ס'איז געקומען אַזוי ווייט מיט די אינטריגעס און שפּיאָנאַזש, אַז מען האָט זיך געזען געצוואונגען צו האַנדלען גאַנץ שטרענג קעגן אייניקע. סאַן מאַרטין האָט אויפגעפאָדערט דעם אַרציבישאָף פון לימאַ צו פאַרלאָזן ביז 24 שעה דאָס לאַנד, נישט רעכנענדיק זיך דערמיט וואָס מאָנסעניאָר הערעס איז געווען שוין איבער אַכציק יאָר אַלט. דאָס מיינט אָבער פאָר קיין פאַל נישט, אַז סאַן מאַרטין האָט נישט רעספּעקטירט די קירכע. דעם 17טן יאַנואַר 1822, איז געפייערט געוואָרן סאַן מאַרקאָס יום־טוב אין לימאַ מיט גרויס גלאַנץ, ווי אין די צייטן פון ווירעינאַט, און סאַן מאַרטין מיט זיינע מיליטער־שעפן זיינען געווען צוזאַמען מיט הויכע גייסטלעכע אין דער אָפיציעלער לאָזשע.

איינע אַ גרויסע זאָרג האָט געהאַט דער פּראָטעקטאָר, וואָס איז געווען די ערגסטע און געפערלעכסטע. ער האָט געמערקט אַן אומצופרידנקייט בײַ זיין מיליטער. עס האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט בײַ די אָפיצירן צוליבן נישט באַקומען אויסגעצאָלט די ריקשטעליקע לוינען און עס זיינען פאַרגעקומען געהיימע באַראַטונגען און ס'האָט געדראָט מיט אַן אויפשטאַנד. ער איז דאָס געוואָר געוואָרן דורך דעם קאָלאָמביאַנער קאָראָנעל הערעס.

דאָס איז שוין געווען גוט באַוואוסט אין גאָס און צווישן קלער, נאָר ער איינער, דער פּראָטעקטאָר, איז געוואָר געוואָרן וועגן דער געפאַר אין וועלכער ער געפינט זיך ערשט פון דערמאָנטן קאָראָנעל. ער האָט באַלד געלאָזט רופן זיין מיטאַרבעטער לאַס הערעס און אים געזאָגט: „קאָראָנעל! מען האָט מיר געזאָגט, אַז די שעפן פון די אַנדן זיינען קעגן מיר". לאַס הערעס האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ באַהויפּטונג, דערקלערנדיק אַז ס'איז דורכויס פאַלש. עס איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן אַן אויספאָרשונג. סאַן מאַרטין האָט אויף זיך גענומען אַרויסצוטראָגן דעם אורטייל. די אונטערזוכונג האָט גאָרנישט אויסגעפונען און סאַן מאַרטין האָט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט געהאַט קיין גרויסן אינטערעס, אַז ס'זאָל עפּעס אויפגעדעקט ווערן.

שפּעטער מיט יאָרן האָט לאַס הערעס מודה געווען, אַז ס'איז יאָ געווען אַזאַ אומצופרידנקייט, אָבער זי איז באַצייטנס צונישט געמאַכט געוואָרן, ווייל די העכערע אָפיצירן און די סאָלדאַטן האָבן געשטיצט דעם פּראָטעקטאָר.

אין מיטן די אַלע זאָרגן און שוועריקייטן באַם אָנפירן די מלוכה־אַרבעט, איז סאַן מאַרטין, וואָס איז אין יענער צייט אַלט געווען 43 יאָר, פאַרוויקלט

געוואָרן אין א שטיקל ליבעס אוואַנטורע אין לימאַ. באַלד נאָך זיין אריינקומען קיין לימאַ האָט ער ארויסגעלאָזט א מאַניפעסט „צו די לימאַ'ער פרויען" און דערנאָך האָט ער געשאַפן אַן „אָרדן פאַר פאַרדינסטפולע", אַלס אָנערקענונג „פאַרן פאַטריאָטיזם פון די מער פיינפילנדיקע" און איינע פון די באַרטע מיט דער דאַזיקער אויסצייכענונג איז געווען די שיינע גוואַיאַקילער דאַמע ראָסאַ קאַמפּוסאַנאַ, א גייסטרייכע און בילדשיינע פרוי פון 32 יאָר. זי איז געקומען פון עקוואַדאָר קיין לימאַ אין 1817, ווען סאַן מאַרטין איז געקומען קיין טשילע, און האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַן עלעגאַנט הויז אויף דער סאַן מאַרסעלאָ גאַס. איר הויז איז גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א זאַמלפּלאַץ פון הויכע פּערזענלעכ־קייטן. עס פלעגן אַהין קומען מאַרקיזן, גראַפן, וויסקאַנדס און אפילו דער וויצע־קעניג לאַסערנאַ האָט זיך צו איר געהנדלט... אויסער די שפאַנישע אַדעליקע זיינען אַהין אויך געקומען פאַטריאָטן און דאָ אָפּגעהאַלטן געהיימע פאַרזאַמלונגען, צווישן זיי קאַרטינעז, סאַנטשעז קאַרריאַן, באַקו, מאַריאַטעגי און אַנדערע. ראָסאַ קאַמפּוסאַנאַ האָט געווירקט אויף שעף פונעם שפאַנישן רעגימענט „נומאַנסיאַ", קאָראָנעל הערעס, אַז זיין מיליטער זאָל אריבער צו דער באַפרייונגס־אַרמיי. זי האָט אויך געווירקט, ווי עס הייסט, אויף קאָמענדאַנט סאַנטאַליאַ, אַז די מאַנשאַפט פון זיין שיף „קאַנטאַבריאַ" אין קאַזשאַאָ זאָל זיך בונטעווען. ווען סאַן מאַרטין האָט זיך מיט איר באַקענט, האָט ער געפונען אין איר נישט בלויז א זעלטענע פיזישע שיינקייט, נאָר אויך א גייסטיק הויכע און פּאָליטיש רייפע פרוי, און ער האָט אָנגעהאַלטן מיט איר א וואַרעמע פריינטשאַפט, און לויט אייניקע היסטאָריקער, אויך אינטימע באַציונגען. זייער פריינטשאַפט איז געווען ווייט באַקאַנט און מען האָט אפילו באַצייכנט ראָסאַן אַלס „די פּראָטעקטאָרשע". זי האָט שפּעטער געהאַט א קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן א פּאָר יאָר שפּעטער און נישט געקענט זיין סאַן מאַרטינס. דאָך האָבן די שולקינדער אים געגעבן דעם צונאָמען „פּראָטעקטאָר". ראָסאַ קאַמפּוסאַנאַ האָט געדינט סאַן מאַרטינען אַלס גוטע ראַטגעבערין אין א סך ענינים. זי איז געווען די איינציקע פרוי וואָס האָט באַצויבערט דעם פּראָטעקטאָר אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין לימאַ, און איר פריינטשאַפט האָט א סך געווירקט דערצו, אַז סאַן מאַרטין זאָל נישט ווערן פאַרצווייפלט פון די אַלע זאָרגן און אינטריגעס, נאָר אויסאַרבעטן נייע פּלענער פאַר זיין באַפרייונגס־אַקציע.

ערב דעם צוזאַמענטרעף מיט באָליוואַר

אין דער צייט וואָס סאַן מאַרטין האָט אָפּערירט אין פּערו, האָט זיך געפונען אין קאָלאָמביאַ א צווייטער באַפרייער, סימאָן באָליוואַר, וועלכער האָט באַפרייט זיין געבורטסלאַנד ווענעזועלאַ און אָנגעגאַנגען מיט דער באַפרייונג פון אַנדערע לענדער פון זיד־אַמעריקע. ביידע — סאַן מאַרטין און באָליוואַר — האָבן זיך

פּערזענלעך נישט געקענט, כאָטש עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען זיי וואָלטן זיך געקענט יאָ באַקענען, אין קאַדיז און אין לאָנדאָן. זיי האָבן אָבער יאָ גע־וואוסט די באַפרייונגס אַרבעט וואָס ביידע האָבן אָנגעפירט, און אַף אַ באַגריי־טונגס־בריוו וואָס סאַן מאַרטין, דער פּראָטעקטאָר פון פּערו, האָט צוגעשיקט באָליוואַרן, האָט יענער דעם 10טן יאַנואַר 1821 געשריבן אים פון באָגאָטאַ אויס:

„דעם דאָזיקן מאָמענט האָב איך געוואונטשן מיין גאַנץ לעבן, און בלויז די אומאַרמונג אייך און די פאַרייניקונג פון אונדזערע פאָנען קען מיך דערפרייען. דער זיגער פון טשאַקאַבוקאָ און מאַיפּו, דער ערשטער זון פונעם פאָטערלאַנד האָט פאַרגעסן זיין אייגענעם רום אַף צו שרייבן פאַר מיר איבערטריבענעם לויב; אָבער דאָס רימט אים, ווייל דאָס איז דער בעסטער עדות פון זיין גוטסקייט און אומאייגננוץ.

„ווען איך האָב געהערט וועגן אייער קומען צו די ברעגן פון פּערו, האָב איך זיי געהאַלטן פאַר שוין באַפרייט און איך אייל מיך צו באַגריסן אייער עקסעלענץ פאַרן דאָזיקן דריטן פאָטערלאַנד. וואָס איז אייך שולדיק זיין עקזיסטענץ. איך געפין מיך אין מאַרש אַף אויסצופירן מיין פאַרשפּרעכן צו פאַרייניקן די אימפּעריע פון די אינקאַס צו דער אימפּעריע פון פרייהייט. אָן שום צווייפל, אַז ס׳איז לייכטער אַריינצוגיין קיין קיטאָ ווי קיין לימאַ; אָבער אייער עקסעלענץ וועט קענען דורכפירן לייכטער דאָס שווערסטע, ווי דאָס לייכטסטע. און גאָר אינגיכן וועט די השגחה וואָס האָט ביז איצט געשטיצט די סטאַנדאַרטן פונעם געזעץ און פרייהייט, אונדז צוזאַמענברענגען אין אַ ווינקל פון פּערו, נאָך דעם ווי עס וועלן אַרויסגעוואָרפן ווערן די טיראַנען פון דער אַמעריקאַנער וועלט".

דאָס איז געווען זעקס חדשים איידער סאַן מאַרטין איז אַריין אין לימאַ. און ווען די באַפרייונגס־אַרמיי איז אַריין קיין פּערו האָט סאַן מאַרטין פון דאָרט אויס געשיקט אַ הילפס־אָפּטיילונג פאַר באָליוואַרן, וועלכער איז נאָך געווען אין קאָלאָמביע און זיין מיליטער האָט נישט געקענט אַריין קיין קיטאָ, כאָטש „ס׳איז געווען לייכטער", ווי באָליוואַר האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט.

אין דער צייט ווען סאַן מאַרטינס מיליטער איז אָנגעגאַנגען אין פּערו זי־געריש מיט דער באַפרייונגס־אַקציע, האָט באָליוואַרס גענעראַל, סוקרע, וואָנ־סירט פון קאָלאָמביע צו עקוואַדאָר, און נאָך דעם געליטענעם קלאַפּ אין הואַטשי האָט גענעראַל סוקרע און דער ראַט פון גוואַיאַקיל געבעטן הילף באַם פּראָטעקטאָר, און סאַן מאַרטין האָט געשיקט דעם קאָראָנעל אַנדרעס דע סאַנטאַ קרוז מיט 1.622 מאַן, צווישן זיי אַ גרויסער טייל אַרגענטינער. די הילפס־אָפּטיילונג איז אַרויס פון פּיוראַ, האָט געקרייצט דעם טייך מאַרקאַראַ און געקומען דעם 9טן פעברואַר 1822 קיין סאַראַגוראַ, און זיך פאַראייניקט מיט באָליוואַרס מיליטער. אַזוי אַרום איז מיט דער באַקומענער פאַרשטאַרקונג געלונגען דעם גענעראַל סוקרע אָפּצוהאַלטן אַ זיג אין ריאָ באַמבאַ דעם 21טן אַפּריל און פּיטשינטשאַ

דעם 24טן מאי. אַ דאַנק דעם איז עס געלונגען דערנאָך דער זיג איבערן שפּאַ־ נישן גענעראַל איימעריטש און עס האָט קאַפּיטולירט קיטאָ.

צווישן סאַן מאַרטין און באָליוואַר איז פאָרגעקומען אַן אָפענער בריוו־טויש און אין אַלע בריוו איז אויסגעדריקט געוואָרן קעגנזייטיקער ליוב און רום, און דער וואונטש פון אַ באַגעגעניש און צוזאַמענאַרבעט.

דורך אַ דעקרעט פון 18טן יוני 1822, אַנערקענט באָליוואַר אַז „די רעגי־ רונג פון קאָלאָמביע איז שולדיק אַ גרויסן טייל פונעם זיג אין פּיטשינטשאַ" דעם באַפרייונגס מיליטער פון סאַן מאַרטין און פאָדערט, אַז דאָס מיליטער וואָס האָט אים געהאָלפן זאָל האָבן דעם נאָמען „גראַנאַדירער פון ריאָ באַמבאַ". אין יענער שלאַכט האָבן זיך באַטייליקט פינף אַרגענטינער שעפן, צווישן זיי כואַן לאַוואַזשע, וועלכער האָט שפּעטער אויך געקעמפט קעגן ראָסאַס. לאַוואַזשע איז געווען איינער פון די ערשטע שילער פון סאַן מאַרטינס גראַנאַדירער, האָבנ־ דיק אַריינגעטרעטן אין גראַנאַדירער רעגימענט אין 1812, באַלד באַם אָנהויב.



ווייצע־קעניג פּעסועלאַ

גענעראַל גרעגאָריאָ לאַס העראַס

באָליוואַר האָט זיך געוויזן אַזוי דאַנקבאַר סאַן מאַרטינען, אַז ער האָט באַשטימט אַז זיין מיליטער פון קאָלאָמביע זאָל גיין וואוהין ס'וועט גערופן ווערן פון די וואָפנברידער פון זיך. אַזוי האָט ער געמאָלדן סאַן מאַרטינען אין יוני.

זאָל דאָ עפּעס באַמערקט ווערן וועגן באָליוואַר. געבוירן איז ער אין קאַ־ ראַקאַס, די הויפּטשטאָט פון ווענעזועלאַ, דעם 24טן יולי 1783, אַלס זון פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע און האָט אין דער יוגנט געמאַכט רייזעס איבער דער וועלט. ער איז געווען אין שפּאַניע, פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד און נאָרד־

אַמעריקע, קובאַ און מעקסיקע. אין פּאַריז איז ער בייגעווען די קרוינונג פון באָנאַפּאַרטע און אין מאַדריד האָט ער חתונה געהאַט, דערנאָך זיך אומגעקערט אַהיים און געגאַסן פון זיין פאַרמעגן. עס איז אָבער אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע און באָליוואַרס פרוי איז צווישן טויזנטער אַנדערע געפאַלן אַלס קרבן און געשטאָרבן. אַ פּאַרווייטיקטער איז ער ווידעראַמאָל אַוועק קיין אייראָפּע און געווען אין פאַרשידענע לענדער און זיך צום צווייטן מאָל אומגעקערט אַהיים. דעמאָלט איז אין ווענעזועלאַ געווען גענעראַל קאַפּיטאַן (שפּאַנישער מלוכה־פאַרשטייער) וויסענטע עמפּאַראַן און ער האָט פּראָקלאַמירט די נייע דינאַסטיע פון דער צוזאַמענגעבראָכענער מאָנאַרכיע פון שפּאַניע. באָליוואַר האָט אויפגע־הויבן אַ פּראָטעסט און עס האָט אויסגעבראָכן דעם 19טן אַפּריל 1810 די רעוואָלוציע אין קאַראַקאַס. ס'האָט זיך געבילדעט אַ העכסטער רעגירונגס־ראַט, וועלכער האָט באָליוואַרן, מיטן גראַד פון קאָראָנעל, געשיקט קיין ענג־לאַנד איבערצורעדן דאָרט וועגן דער שטעלונג פון דער ענגלישער רעגירונג צום נייעם רעזשים אין זיין פאָטערלאַנד. אין לאָנדאָן האָט מען אים פאַרזי־כערט, אַז ענגלאַנד וועט זיך נישט מישן אין די געשעענישן פון זיד־אַמעריקע. ער האָט זיך אומגעקערט און באַלד אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַן אַרמיי אַף אונ־טערצונעמען די באַפרייונגס־אַקציע.

פּונקט ווי אין אַרגענטינע האָט מען אויך אין ווענעזועלאַ געהאַט שווער צו קעמפן קעגן די שפּאַניער און קעגן אַנדערע אינערלעכע קעגנער. דאָך איז צו די פערצן חדשים נאָך דער רעוואָלוציע, דעם 15־טן יולי 1811, פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט פון ווענעזועלאַ. באָליוואַר האָט אין לויף פון דער ווייטערדיקער באַפרייונגס־אַקציע זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסער מיליטער־שעף, אויסצייכענענדיק זיך באַזונדערס אין די שלאַכטן פון טאַגואַנעס און אַראַנע. אָבער די שפּעטערדיקע שלאַכטן אין קוראַ, אַריקאַ און לאַ פּוערטאַ האָט ער פאַרשפּילט, און דורך דעם האָט ווענעזועלאַ פאַרלוירן די אומאָפּ־הענגיקייט. באָליוואַר איז אַנטלאָפן קיין נועוואַ גראַנאַדאַ און דערנאָך קיין יאַמאַיקאַ. דאָרט איז ער שיר נישט דערמאָרדעט געוואָרן, נאָר צום גליק פון דער באַפרייונגס־באַוועגונג איז ער געבליבן געראַטעוועט. ער איז צולעצט אָפּ־געפאָרן מיט 300 מאַן פון לאָס קאַיאָס (דאָמיניקע) און אונטערגענומען די ערשטע באַוואָפנטע אַקציע אין מאַרגאַריטאַ, אַן אינדזל באַם ברעג פון ווענע־זועלאַ, און מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן די נייע גרויסע באַפרייונגס־אַקציע. זיין מיליטער, פון וועלכן דער גרעסטער טייל סאָלדאַטן האָט נישט געהאַט קיין וואָפן און זיך געפונען אין מאַנגל פון לעבנסמיטלען, האָט אַדאַנק דעם גרויסן פּאַטריאָטישן גייסט אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָכן אַנדערן. באָליוואַר האָט אָפּגע־האַלטן זיגן אין די שלאַכטן פון די גוואַיאַנען, קאַלאַבאָסאָ, סאַמפּרערא און סאַן פערנאַנדאָ. זיין אַרמיי האָט געהאַלטן אין וואַקסן און איז באַזאָרגט געוואָרן מיט וואָפן וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן באַם שונא. דערנאָך זיינען געקומען

נידערלאַגעס אין לאַ פּוערטאַ, האַגאַסאַ און קומאַנאַ. שפּעטער זיינען געקומען נייע זיגן.

דעם 17טן דעצעמבער, 1819, איז זיך צוזאַמענגעקומען אין אנגאָסטוראַ דער קאָנגרעס צוזאַמענגעשטעלט פון דעפּוטאַטן פון די פרייע פּראָווינצן פון ווענעזועלאַ און ניי גראַנאַדע און ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק קאָלאָמביע, און דערביי אויסגעצייכנט באָליוואַרן מיטן טיטל „פאָטער פונעם פאָטערלאַנד".

באָליוואַר האָט פאָרגעזעצט זיין באַפרייונגס־אַקציע אין ווענעזועלאַ און אין קאָלאָמביע, און אָפּגעהאַלטן גרויסע זיגן אין באָיאַקאַ (1819), קאַראַבאָבאָ (1821) און פּיטשינטשאַ (1822). אין פּיטשינטשאַ האָט מיטגעהאָלפן צום זיג אַן אָפּטיילונג פון סאַן מאַרטינס גראַנאַדירן; דאָס זעלבע אין ריאָ באַמבאַ, פאַר וועלכן באָליוואַר האָט זיך אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַר. אַ דאַנק די לעצטע צוויי זיגן האָט באָליוואַר געקענט אריין קיין קיטאָ און גוואַיאַקיל, די הויפּט־שטאָט און פּאָרט־שטאָט פון עקוואַדאָר.

סאַן מאַרטין, וואָס האָט זיך געפונען אין פּערו, האָט געוואָלט איצט פאַראייניקן דיביידע באַפרייונגס־אַרמייען, צו פאַרענדיקן געמיינזאַם די באַפרייונגס אַקציע אין עקוואַדאָר און פּערו, און דורך דעם וואָלט שוין געווען געזיכערט אַרגענטינע און גאַנץ זיד אַמעריקע. אין איינעם אַ בריוו, וואָס סאַן מאַרטין האָט אַלס ענטפער געשריבן באָליוואַרן אין יוני 1822, האָט זיך געזאָגט: „די זיגן פון באַמבאָנאַ און פּיטשינטשאַ האָבן געלייגט דעם חותם פון דער פאַרבינדונג פון קאָלאָמביאַ און פּערו. פּערו איז נאָך דער איינציקער קאַמפּפּלאַץ וואָס בלייבט אין אַמעריקע, און וואו עס דאַרפן זיך צוזאַמענקומען די וואָס ווילן באַקומען דעם כבוד פון לעצטן טריומף קעגן די וואָס זיינען שוין באַזיגט געוואָרן אויפן גאַנצן קאָנטינענט. איך נעם אָן אייער גרויסמוטיקן אָנבאָט. פּערו וועט אויפנעמען מיט ענטוזיאַזם און דאַנקבאַרקייט דאָס מיליטער, וואָס אייער עקסעלענץ קאָן צושטעלן, אַף צוצואיילן דעם קאַמפּיין. איך דערוואַרט אַז קאָלאָמביע וועט זיין צופרידן וואָס אירע וואָפן האָבן ווירקזאַם מיטגעהאָלפן צו מאַכן אַ סוף צום קאַמף אין פּערו, און זיי האָבן געהאָלפן באַפעסטיקן די פאָן פון דער רעפּובליק אין דאָזיקן לאַנד. איך וועל גיין באַגריסן אייער עקסעלענץ אין קיטאָ. מיין נשמה איז פול מיט פרייד, ווען איך שטעל מיר פאָר יענעם מאָמענט ווען מיר וועלן זיך זען, און איך שטעל מיר פאָר אַז אַמעריקע וועט נישט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען מיר וועלן זיך אומאַרמען".

סאַן מאַרטין איז געווען גערעכט. אַמעריקע האָט נישט פאַרגעסן דעם טאָג פון צוזאַמענטרעף און אומאַרמונג פון ביידע העלדן אין גוואַיאַקיל, אָבער די דערמאָנונג ברענגט אַ גרויסע פאַרביטערונג. סאַן מאַרטינס גרויסער חלום צו טרעפן זיך מיטן צווייטן באַפרייער איז מקוים געוואָרן, אָבער ער איז געבליבן אַנטוישט. יענער צוזאַמענטרעף האָט געמאַכט אַ סוף צו די גרויסע האָפנונגען פון זיין באַפרייונגס־אַקציע.

VIII

געקומען קיין גוואַיאַקיל

גרייטנדיק זיך צום צוזאמענטרעף מיט באָליוואַרן, האָט סאַן מאַרטין אין יאַנואַר 1822, איבערגעגעבן די רעגירונגס־מאכט און אָפּגעפאָרן קיין קאַזשאַאָ, וואו ער האָט זיך פאַרשיפט, צו טרעפן זיך מיט באָליוואַרן אין גוואַיאַקיל דעם 8טן פעברואַר. ער האָט אָבער אין הואַנטשאַקאַ באַקומען די ידיעה, אַז דער באַפרייער (באָליוואַר) איז שטאַרק פאַרנומען מיטן קאַמף בא קיטאָ און ער קען נישט קומען קיין גוואַיאַקיל. סאַן מאַרטין האָט זיך דעריבער אומגעקערט (3־טן מערץ) קיין לימאַ, אָבער נישט איבערגענומען צוריק די רעגירונגס־מאכט. די שלאַכט בא קיטאָ איז ווירקלעך געווען אין פולסטן ברען, און ערשט אין מאַי (1823) האָט די פאַראייניקטע אַרמיי פון קאָלאָמביע, פּערו, טשילע און אַרגענטינע, אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשידענעם זיג אין קיטאָ און דערמיט פאַרענדיקט מיט דער שפּאַנישער מאַכט אינעם נאָרדן פון זיד־אַמעריקע. געבליבן איז נאָך בלויז צו פאַרענדיקן דעם קאַמף אין פּערו.

קורץ פאַר יענער צייט, וואָס באָליוואַר איז אָנגעגאַנגען מיטן קאַמף בא קיטאָ, האָט סאַן מאַרטינס אַרמיי אין פּערו, געהאַט אַ שווערע נידערלאַגע אין אַ שלאַכט אינעם טאָל פון א י ק א. די שפּאַניער, וואָס האָבן זיך געפונען אין כּאוכאַ, הואַנקאַוועליקאַ, הומאַנגאַ, און אַרעקיפּאַ, האָבן אַרומגערינגלט אַ גרויסן מיליטער־טייל פון דער באַפרייונגס־אַרמיי אינעם טאָל פון איקאַ. צום אומגליק איז דאָס מאָל געווען קאָמאַנדאַנט פון דאָזיקן מיליטער דער גענעראַל טריסטאַן, אַ פּערואַנער, אומפעיקער מיליטער־שעף, און וואַרשיינלעך נישט קיין גרויסער אָנהענגער פון דער באַפרייונגס־אַקציע. יענע אַרמיי איז באַשטאַנען פון צוויי באַטאַליאָנען פּערואַנער, איין באַטאַליאָן טשילענער מיט אייניקע קאָמפּאַניעס אינפאַנטעריע אַרגענטינער, ווי אויך רייטער־גראַנאַדירן און לאַנצערן פון פּערו. צוזאַמען 2.111 מאַן. די שפּאַניער האָבן באַלאַגערט די באַפרייונגס־אַרמיי אינעם טאָל פון איקאַ און סאַן מאַרטין האָט נישט געקאָנט אונטערנעמען קיין אַקציע צו באַפרייען זיין אַרמיי.

אָנהויב מערץ 1821, האָט דאָס שפּאַנישע מיליטער, נאָך אַ צייט פון אַ באַלאַגערונג פון זיבעציק טעג, אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער אַטאַקע און דעם 4טן אַפּריל האָט גענעראַל קאַנטעראַק מיט 1.400 אינפאַנטעריסטן און 600 רייטער זיך אַרויסגעלאָזט פון כּאוכאַ, און גענעראַל וואַלדעס האָט זיך געלאָזט

מיט 500 מאן פון ארעקיפא צום אַנגריף אַף דער באפרייונגס־ארמיי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמאנדע פון דערמאָנטן גענעראל טריסטאן און גע־נעראל גאמארא. צוויי טעג האָט געדויערט די שלאכט און דעם 7טן אפריל פארטאָג איז זי געווען פארענדיקט. דאָס שלאכט־פעלד איז געווען באדעקט מיט טויטע, צום גרעסטן טייל פון דער באפרייונגס־ארמיי און די שפאניער זיינען געבליבן די זיגער. זיי האָבן פארנומען 1.000 געפאנגענע, צווישן זיי 50 שעפן און אָפיצירן, 2 פאָנען, 4 קאנאָנען, 2.000 ביקסן, דאָס גאַנצע רעשט קריגס־מאטעריאל און די דרוקעריי, וואָס האָט באדארפט אָנפירן א פראָפאגאנ־דע־ארבעט.

דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאר דער באפרייונגס־ארמיי און די שולד איז ארויפגעוואָרפן געוואָרן אין גאנצן אפן פראָטעקטאָר, ווייל ער האָט אנפארטרויט יענע ארמיי אן אומדערפארענעם מיליטער־שעף.

גאנץ מעגלעך, אז שוין דאָס מאָל זאָל סאן מארטין האָבן געדענקט בא זיך צו פארלאָזן זיין פלאַץ און אויפגעבן זיין באפרייונגס־אקציע. אָבער ער האָט געוואָלט נאָך א יי ן מ אָ ל פרואוון דאָס מזל און זיך זען מיט באָליוואַרן, און אפשר דערגרייכן א צוזאמענארבעט אָדער סתם מיליטערישע הילף.

צו די 2 חדשים נאָכן קלאַפּ אין טאָל פון איקא, האָט סאן מארטין אפן עקזע־ציר־פלאַץ פון סאן בארכא, נעבן לימאַ געהאַט אַ באשוי איבער דער פערואניש־טשילעניש־ארגענטינער ארמיי. זי איז באשטאנען פון אכט באטאליאָנען אינ־פאנטעריע, צוויי רעגימענטן קאוואלעריע און 20 קאנאָנען. אויסער דעם האָט ארענאלעס אין די צענטראלע בערג געהאַט אַ צווייטע ארמיי. רעכענענדיק דאָס מיליטער, וואָס האָט זיך געפונען אין קיטאָ און מיט דער הילף פון אן אָפּ־טיילונג קאָלאָמביאַנער, וואָלט סאן מארטין זייער שנעל געקאָנט אָפּהאַלטן א זיג איבערן רעשט שפאניער אין פערו און דערמיט פארענדיקן דעם קאמפיין. אַף צו ברענגען דאָס מיליטער פון קיטאָ און די קאָלאָמביאַנער, זיינען געשטאנען צוגעגרייט אין קאַזשאַאָ צען טראנספּאָרט־שיפן, געשטיצט פון צוויי פערואנער קריגס־שיפן.

באָליוואַר האָט פארשפּראָכן הילף סאן מארטינען, שרייבנדיק אין איינעם אַ בריוו: קאָלאָמביע איז גרייט צו געבן די גרעסט־מעגלעכע הילף דער רעגירונג פון פערו, אויב די רומפּולע וואפן פון זיד־אמעריקע האָבן נישט געקאָנט נאָך פארענדיקן גלאָררייך דעם קאמפיין, וואָס האַלט שוין באַם סוף.

סאן מארטין האָט געוואָלט אונטערנעמען די לעצטע קריגס־אקציע קעגן די שפאניער אין פערו, און האָט צוליב דעם זיך געווענדט וועגן הילף צו באָליוואַר, און פון דער אנדערער זייט זיך געווענדט צו די גובערנאטאָרן פון די ארגענ־טינער פראָווינצן צו אָרגאניזירן אַ נייע מיליטערישע דיוויזיע אַף אונטערצונע־מען אַ קאמפיין אין אַלטאָ פערו.

אין אַ בריוו צום גובערנאטאָר פון סאן כואן, קאָראָנעל באָסע מאריאָ פערעז

דע אורדינינעא, האָט ער געשריבן: „דער קאַמפּיין איז געזיכערט, אויב איר וועט מיר העלפן בלויז מיט 300 מאַן פון דער פּראָווינץ קוזשאָ. אַ דיוויזיע פון 4.500 מאַן דאַרף זיך פאַרשיפן פאַר די צווישנפאַרטן אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל רודעסינדראַ אַלווּאַראַדאָ. איך דערוואַרט דעם בעסטן רעזולטאַט. דאָס פאָדערלאַנד פאָדערט עס און דער כבוד פון אונדזערע וואָפן בעט עס. די צוזאַמענאַרבעט פון אַלע כוחות, פון די פון טוקומאַן, סאַלטאַ, סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ מיט אַלווּאַראַדאָ וועט אַנטשיידן דעם גורל פון זיד־אַמעריקע".

וואָלט טאַקע אין יענעם מאָמענט געקומען צו דער צוזאַמענאַרבעט, ווי סאַן מאַרטין האָט עס געוואָלט, דאַן וואָלט דער קאַמפּיין גיך פאַרענדיקט געוואָרן און אַלטאָ פּערו (היינט באָליוויע) וואָלט מעגלעך געבליבן אַלס טייל פון אַרגענטינע.

דער גורל פון סאַן מאַרטינס וואָפן איז אָבער געווען אַן אַנדערער. די הילף פון קאָלאָמביע איז נישט געקומען. באָליוואַרס לויב־ווערטער און זיינע פאַרשפּרעכנס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּוסטע רייד.

נאָכן זיג אין קיטאָ, איז באָליוואַר אַריין קיין גוּאַיאַקיל. ביידע האָבן פריער געהערט צום וויצע־קעניגטום (ווירעינאַט) פון פּערו, אָבער באָליוואַר האָט זיי באַלד נאָך דער דעראָבערונג פּראָקלאַמירט אַלס אַנעקסירט צו קאָלאָמביע. און ווען באָליוואַר איז געקומען קיין גוּאַיאַקיל דעם 11טן יולי, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס יובל. ס'זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן לכבוד אים טריומף־טויערן מיט אויפשריפטן איבער זיי: „באָליוואַרן, דעם באַפרייער פון קאָלאָמביע — דער בליץ פון מלחמה — דער רעגנבויגן פון פרידן".

דאָס אַנעקסירן גוּאַיאַקיל צו קאָלאָמביע איז נישט געפעלן סאַן מאַרטינען, ווייל דאָס האָט באַדייט פאַרשמעלצונג פון ווענעזועלאַ, קאָלאָמביע און היינטיקע עקוואַדאָר. און סאַן מאַרטין האָט פאַרשטאַנען, אַז גוּאַיאַקיל מיט קיטאָ און אַנדערן טייל פון דער היינטיקער עקוואַדאָר, וואָלט באַדאַרפט זיין אַ באַזונדערע רעפּובליק. ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט טון צו ענדערן די לאַגע.

אַף אַ בריוו, וואָס סאַן מאַרטין האָט געשריבן באָליוואַרן מעלדנדיק אים זיין וואונטש צו זען זיך מיט אים, האָט באָליוואַר געענטפערט ווידעראַמאָל מיט לויב־ווערטער, אויסדריקנדיק זיך, אַז ער וועט מיט גרויס צופרידנקייט אים אויפנעמען, און באַצייכנענדיק אים מיטן טיטל ווירדיקער פריינט, זאָגט זיך דאָרט: „איך רוף אייך פריינט און דער דאָזיקער נאָמען וועט זיין דאָס וואָרט וואָס דאַרף אונדז בלייבן דאָס גאַנצע לעבן, ווייל די פריינטשאַפט איז דער איינציקער טיטל, וואָס געהערט צו וואָפן־ברידער, פון אונטערנעמונג און מיינונג". ווייטער זאָגט זיך אין יענעם בריוו, אַז ער דערוואַרט אים מיט געשפּאַנטקייט, ווייל עס האַנדלט זיך אין אַ מענטשן, וואָס אַלע ווילן אים קענען. „איך דערוואַרט אייך און וועל גיין וואוהין איר וועט מיך באַשטעלן. אַ פּאָר שעה, ווי

איר זאָגט, וועלן גענוג זיין אַף צו האָבן א פאַרשטענדיקונג; אָבער עס וועט נישט גענוג זיין די צייט אַף צופרידנצושטעלן די לײדנשאַפט פון פריינטשאַפט, וואָס וועט אָנהויבן געניסן פונעם גליק צו קאָנען אָט יענעם מענטשן וואָס איז ביז איצט באַקאַנט געווען בלויז דורך הערן".

ווען באָליוואר האָט אונטערגעצייכנט דעם דאָזיקן שמייכלערישן בריוו, דעם 25טן יולי 1822, האָט ער באַקומען אַ ידיעה, אַז מען האָט פון וויטן געזען אַ זעגלשיף, וואָס דערנענטערט זיך צו אַן אינדזל אין דער בוכטע ע ל מ ו ע ר ט אָ. דאָס איז געווען די „מאַצעדאָניא", מיט וועלכער ס'איז געפאָרן דער „פּראָטעקטאָר" פון פּערו, גענעראַל סאַן מאַרטין. די שיף האָט געאַנקערט באַם אינדזל פּוניא. באָליוואר האָט געשיקט צוויי פון זיינע עדעקאַנען צו באַגריסן דעם הויכן גאַסט און אים אָנבאָטן גאַסטפריינטשאַפט. אַפן צווייטן טאָג האָט די מ אַ צ ע ד אָ נ י א זיך געלאָזט פון פּוניא אין דער ריכטונג צו גוואַיאַקיל און דאָ האָט (דעם 26־טן יולי 1822) סאַן מאַרטין געלאַנדעט און דאָס פאָלק וואָס איז געווען פאַרזאַמלט באַם ברעג האָט אים באַגריסט מיט ענטוזיאַסטישע אַפּלאָזן. עס האָט אים אויך אָפּגעגעבן מיליטערישן כבוד א באַטאַליאָן סאָלדאַטן. ווען ער איז שפּעטער געקומען צום הויז, וואָס איז פאַר אים צוגעגרייט געווען, האָט באָליוואר, אָנגעטון אין זיין גאַלאַ־אוניפאָרם, אַרומגערינגלט פון זיין הויפּט־שטאַב, אָפּגעוואַרט דעם גאַסט באַ די טרעפּ, און אים אַקעגנגעגאַנגען.

ביידע גרויסע מענער פון זיד־אַמעריקע האָבן זיך אומאַרעמט צום ערשטן און צום לעצטן מאָל, און באָליוואר האָט געזאָגט: „ענדלעך זיינען דערפילט מיינע וואונטשן צו קאָנען דריקן די האַנט פונעם רענאָמירטן גענעראַל סאַן מאַרטין". און דער גאַסט האָט געענטפערט, אַז אויך ער איז גליקלעך, וואָס ס'איז דערפילט געוואָרן אויך זיין וואונטש צו טרעפן זיך מיטן באַפרייער פון צפון. ביידע זיינען דערנאָך געאַרעמט אַרויפגעגאַנגען מיט די טרעפּ אונטערן אַפּלאָז פון פאַרזאַמלטן פאָלק און מיליטאַרן.

אינעווייניק, אינעם גרויסן אויפנאַם־זאַל, האָט דער באַפרייער פאָרגעשטעלט דעם פּראָטעקטאָר פאַר די מיליטער־שעפן און אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. עס האָבן אָנגעהויבן קומען פאָרשטייער פון פאַרשידענע קערפּערשאַפטן צו באַגריסן דעם גאַסט. ס'איז געקומען צווישן אַנדערע אַ דעלעגאַציע פון פרויען און פריילנס, און איינע פון זיי האָט געהאַלטן א באַגייסטערטע רעדע, אַף וועלכער סאַן מאַרטין האָט געענטפערט מיט דאַנק. באַלד דערויף האָט אַ מיידל פון 18 יאָר, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס די שענסטע פון גוואַיאַקיל, זיך אַרויסגערוקט פון צווישן דער גרופּע, איז צוגעגאַנגען צום גאַסט און אים אָנגעטון א באַגילדעטע קרוין פון לאָרבער־בלעטער. סאַן מאַרטין, נישט געוואוינט צו אַזעלכע טעאַטראַלע מאַניפעסטאַציעס — זאָגט מיטרע — און אַ פיינט פון אַזעלכע האַנדלונגען, איז געווען אומצופרידן פון דעם. ער

האָט אַראָפּגענומען די קרוין פונעם קאָפּ און מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז ער האַלט, אַז ער איז נישט ווערט אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס, וואָס אַנדערע האָבן זיך מער פאַרדינט, אָבער ער וועט עס באַהאַלטן „צוליבן פּאַטריאָטישן סענטימענט, וואָס האָט עס געשאַפן און צוליב די הענט, וואָס האָבן עס אים געגעבן, באַהאַלטנדיק עס אַלס אָנדענק פון איינעם פון זיינע גליקלעכסטע טעג״.

דאָס מיידל, וואָס האָט אָנגעטון סאַן מאַרטינען די לאָרבער־קרוין, האָט געהייסן קאַרמען גאַראיקאָאַ. יעדער פאַרשטייט, אַז דאָס איז געווען דער איינפאַל פון באָליוואַר צו מאַכן דעם שפּיל, אָבער סאַן מאַרטין, וואָס האָט זיך אויסגעטון די בלומען־קרוין, וואָס איז אים אָנגעטון געוואָרן אין בוענאָס איירעס נאָכן זיג אין טשאַקאַבוקאָ, האָט נישט געקאָנט דולדן די קרוין פון גאָלדענע לאָרבער־בלעטער. וואו די דאָזיקע קרוין איז שפּעטער אַהינגעקומען איז נישט באַוואוסט.

די אויפנאַמע סאַן מאַרטינען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ יום־טובדיקייט און אַזאַ הארציקייט, ווי ער האָט זיך עס פאַרגעשטעלט און דערוואַרט, און ווי ער האָט עס באמת פאַרדינט.

דערנאָך, ווען דער עולם איז אַוועק, זיינען ביידע באַפרייער געבליבן אַליין און געהאַט אַן ערשטן שמועס.

דער דורכפאַל באַם צוזאַמענטרעף

דער ערשטער שמועס צווישן דעם באַפרייער פון נאָרד און דעם באַפרייער פון זיד איז פאָרגעקומען באַ פאַרמאַכטע טירן, און קיינער ווייסט נישט וואָס זיי האָבן גערעדט. מעגלעך, אַז סאַן מאַרטין זאָל האָבן באַרירט דעם ענין פון גוואַיאַקיל, אַז ס'איז געווען אַן אומרעכט דאָס אַנעקסירן די פּראָווינץ צו קאָלאָמביע און מעגלעך, אַז סאַן מאַרטין זאָל האָבן נישט געשמייכלט באָליוואַרן, אַזוי ווי עס האָט דערוואַרט דער ערגייץ פון לעצטן. עס בלייבט אַ מיסטעריע יענער ערשטער שמועס נאָך דער פאַראַדנער אויפנאַמע.

עס האָבן זיך געפונען מיט סאַן מאַרטינען אין גוואַיאַקיל דער אַדמיראַל בלאַנקאָ ענקאַלאַדאַ, רופינאָ גידאָ און מאַנועל ראַכאַס, סעקרעטאַר פון דער געזאַנדשאַפט אין פּערו, אָבער קיינער פון זיי און אויך קיינער נישט פון באָליוואַרס הויפּטשטאַב איז בייגעווען יענעם שמועס, פון וועלכן סאַן מאַרטין איז אַרויס אומצופרידן, און מען האָט געמערקט אַפן פּנים פון באָליוואַרן, אַז ער איז געבליבן נאָכדענקלעך, ווען ער האָט פאַרלאָזט סאַן מאַרטינען. דער פּראָטעקטאָר האָט באַגלייט באָליוואַרן ביז די טרעפּ און אים פאַראַפּשידט.

אין גוואַיאַקיל זיינען דאָס מאָל געווען צוויי פּאָליטישע גרופּעס. איינע פון זיי אַן אויטאָנאָמיסטישע, וואָס האָט געשטיצט סאַן מאַרטינס אידייע, אַז

גוואַיאַקיל און קיטאָ, וואָס האָבן געהערט צום וויצע־קעניגטום פֿון פּערו, זאָלן בלייבן אויטאָנאָם, אַלס זעלבשטענדיקער שטאַט. די אַנדערע גרופּע דאַקעגן איז געווען מיט באָליוואַרן, אַז די טעריטאָריע זאָל געהערן צו גרויס־קאָלאָמביע. אין יאָר 1820 האָט אויסגעבראָכן אין גוואַיאַקיל אַ רעוואָלוציע קעגן די שפּאַניער, געשטיצט פֿונעם פּלאַט פֿון קאָקריין, און שפּעטער האָבן לוסאַריאַגאַ און גידאָ אויך געגעבן מיליטערישע הילף די עקוואַדאָרער פּאַטריאָטן. סאיז דערייבער העכסט וואַרשיינלעך, אַז ווען באָליוואַר האָט געזען די ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע, וואָס סאַן מאַרטין האָט באַקומען פֿונעם פֿאָלק בא זיין לאַנדן אין

גענעראַל כואַן לאַוואַזשע



כאָסע מאַריאַ פּאַז

גוואַיאַקיל, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ קנאה און מעגלעך אויך מורא, אַז דער דאָזיקער באַזוך זאָל ברענגען נישט גינסטיקע קאָנסעקווענצן פֿאַר זיינע פּאָליטישע צילן.

אפֿן צווייטן טאָג נאָך יענעם געהיימען שמועס, דעם 27טן יולי, האָט סאַן מאַרטין געענטפֿערט אפֿן באַזוך און געהאַט דעם צווייטן שמועס. וואָס האָט געדויערט פֿון 1 ביז 5 אַזייגער, וואָס מיינט פֿיר שעה, און ווידעראַמאָל גע־היים. ס'איז וועגן דעם נישטאָ קיין שום פּראָטאָקאָל און קיין שום באַשטעטיקטע ידיעה. דער גענעראַל מאַסקעראַ, אַ פֿריינט פֿון באָליוואַרן, האָט שפּעטער מיט יאָרן, ווען בײדע באַפֿרייער זיינען שוין געווען טויט, אָנגעגעבן עפּעס וועגן יע־

נער קאָנפערענץ; אָבער גענעראַל גידאָ, וועלכער האָט געהאַט באַגלייט סאַן מאַרטינען קיין גוואיאַקיל, האָט יענע דערקלערונג אנטשידן געלייקנט, זאָגנדיק אז נישט ער, נישט מאסקערא און נישט עמעץ אנדערש איז בייגעווען די געהיימע שמועסן פון באָליוואַרן מיט סאַן מאַרטינען.

יענע קאָנפערענץ האָט פאַרענדיקט די פריינטשאַפט צווישן סאַן מאַרטינען מיט באָליוואַרן און געבראַכט צו דער באַזייטיקונג פונעם פּראָטעקטאָר.

שוין דעם 26טן, נאָכן ערשטן שמועס, זאָל סאַן מאַרטין האָבן באַשלאָסן אָפּצופאָרן. דער באַזוך בא באָליוואַרן דעם 27טן איז געווען איינטלעך שוין אַן אָפּשיד. די באַציונג פון באָליוואַרן צו זיין „וואָפן־פריינט" איז געווען ווייט נישט אַזעלכע ווי עס האָט זיך געזאָגט אין די אַלע בריוו און נישט ווי עס האָט זיך גערעדט אין לעצטן בריוו, געשריבן דעם 25טן.

נאָך דער קאָנפערענץ דעם 27טן יולי 1822 האָט באָליוואַר געגעבן אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט, נאָך וועלכן ס'איז געקומען אַ באַל לכבוד דעם גאַסט. סאַן מאַרטין איז געזעסן נעבן באָליוואַרן און ווען עס האָט זיך געענדיקט דער מאָלצייט, האָט באָליוואַר געהאַלטן אַ ברינדיס. ער האָט געבעטן אַלע זיך אויפצושטעלן און געמאַכט אַ ברינדיס „פאַר די צוויי גרעסטע מענער פון זיד־אַמעריקע: גענעראַל סאַן מאַרטין און איך". אלס ענטפער האָט סאַן מאַרטין געמאַכט אַ ברינדיס „פאַר דער שנעלער אָרגאַניזירונג פון די פאַרשידענע רעפּובליקן פונעם קאָנטינענט און — פאַרן געזונט פונעם באַפרייער פון קאָלאָמביע".

ס'איז געקומען דערנאָך דער באַל, פריילעך און שטאַרק צעהוליעט. אַרום האַלבער נאַכט האָט דער באַל אָנגעהויבן אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט שטאַרק אויפגעבראַזט דאָס געמיט פון סאַן מאַרטינען. זיין געדולד האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. ער האָט אַ זאָג געטון גידאָן: „איך קען מער נישט אויסהאַלטן דעם טומל, לאָמיר גיין". באָליוואַר האָט אים פריינטלעך באַגלייט ביז צו דער טיר. אלס מתנה האָט ער אים געגעבן זיינס אַ בילד. מער האָבן זיי זיך נישט געזען.

אויף דער שיף מאַצעדאָניאַ האָבן געברענט די לאָמפּן. ס'איז געווען איינס אַזייגער פאַרטאָג. סאַן מאַרטין האָט זיך געזעגנט מיט באָליוואַרס עדעקאַן, וואָס האָט אים באַגלייט ביז דער שיף און באַלד האָט די מאַצעדאָניאַ, געטריבן פון ווינט, זיך געלאָזט צום ברעג פון פּערו.

באַם אַרויספאָרן האָט סאַן מאַרטין געזאָגט צו גידאָן: „דער באַפרייער האָט אונדז באַזיגט".

פאַר סאַן מאַרטינען איז נישט געבליבן שוין קיין האָפענונג צו קאָנען באַפרייען אינגאַנצן פּערו אָן דער הילף וואָס ער האָט דערוואַרט. עס קומט איצט דער סוף: די דימיסיע און פאַרלאָזן זיין אונטערגענומענע אַקציע.

וואָס איז פאָרט געשען אין גוואיאַקיל? ווען סאַן מאַרטין האָט געהאַט געבעטן צוזאַמענצופירן ביידע אַרמייען און אונטערנעמען אַ געמיינזאַמע אַקציע

קענען די שפּאַניער אין פּערו, זאָל באָליוואַר, דער בעל־גאוה האָבן געענטפערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר צוויי באַפרייער אין זיד־אַמעריקע. סאַן מאַרטין האָט דאַן פאַרגעשלאָגן זיך צו שטעלן אונטעראָרדנט אונטער באָליוואַרס קאָמאַנדע אַף מיטצוהעלפן אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף, און אויך דאָס האָט באָליוואַר נישט געוואָלט.

ווען באָליוואַרס ערגייץ ווערט איבערגעגעבן אַ גאַנצע רייע עפּיזאָדן, וואָס ווייזן בולט זיין גרויסקייט־מאַניע. בא איינעם אַ באַנקעט אין קיטאָ, וואו עס זיינען בייגעווען קאָלאָמביאַנער, פּערואַנער, אַרגענטינער און טשילענער שעפן פון די דיוויזיעס וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן דעם זיג אין פּיטשינטשאַ, האָט דער באַפרייער, ווי באָליוואַר ווערט גערופן, געהאַלטן אַ טאָסט, און זיך געפינענדיק ווייזט אויס נישט ניכטער, געזאָגט: „עס וועט נישט דויערן לאַנג, ווען די זיגרייכע פאָן פון קאָלאָמביע וועט גרייכן ביז אַרגענטינער ערד". עס זיינען דערביי בייגעווען פינף אַרגענטינער שעפן, און דער קאָמאַנדאַנט פון די רייטער גראַנאַדירער פון די אַנדן, כואַן לאַוואַזשע, האָט געבעטן דאָס וואָרט קלאָר צו מאַכן אַ טעות. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט דרייסט: „די אַרגענטינער רעפּובליק געפינט זיך אומאָפּהענגיק און פריי פון דער שפּאַנישער מאַכט זייט דעם טאָג, ווען ס'איז דערקלערט געוואָרן די עמאַנציפּאַציע, דעם 25טן מאַי 1810. אין אַלע פּראָווינצן צו דעראָבערן די טעריטאָריע זיינען די שפּאַניער דורכגעפאַלן. אונדזער נאַציאָנאַלער הימן באַשטעטיקט די זיגן". ער האָט געמאַכט אַ טרינקוואונטש „פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אַמעריקע און דער אַרגענטינער רעפּובליק". מער קיין רעדעס זיינען שוין נישט געהאַלטן געוואָרן.

אַן אַנדערש מאָל האָט באָליוואַר געהאַט אַזאַ שמועס מיטן אַרגענטינער קאָראָנעל מאַנועל ראָכאַס, סעקרעטאַר פון דער פּערואַנער געזאַנדשאַפט:

— ווער זענט איר?

— מאַנועל ראָכאַס.

— וואָס פאַר אַ גראַד האָט איר?

— קאָראָנעל, — האָט ראָכאַס געענטפערט, ווייזנדיק מיט דער האַנט אַף דער אָפּצייכענונג.

— פון וועלכן לאַנד?

— כ'האָב דעם כבוד צו זיין פון בוענאָס איירעס — האָט ראָכאַס געזאָגט און געוויזן מיט דער האַנט אַף די אַרגענטינער אויסצייכענונגען אַף זיין ברוסט.

— מען דערקענט עס פון דעם שטאָלץ וואָס איר ווייזט אַרויס.

— דאָס איז דער שטאָלץ פון פרייע מענער. — האָט ראָכאַס געענטפערט.

דערמיט איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דער שמועס. אַלע בייוועזנדע זיינען געבליבן אין פאַרלעגנהייט.

דאָס איינגעמען גוואַיאַקיל איז באָליוואַרן נישט געווען לייכט. די אָרטיקע

פּאַטריאָטן האָבן נישט געוואָלט אונטערוואַרפן די שטאָט צו עמיצן נאָך דעם ווי די שפּאַניער זיינען פאַרטריבן געוואָרן, אָבער באָליוואַר האָט געצוואונגען מיט גוואַלד די שטאָט זיך אונטערצוגעבן זיין מאַכט און אַף אַזאַ אויפן „באַפרייט" גוואַיאַקיל פאַר קאָלאָמביע.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סאַן מאַרטין איז געווען גערעכט. עקוואַדאָר האָט זיך אָפּגעריסן און געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע רעפּובליק, אין יאָר 1830.

געפינענדיק זיך אַפן וועג צוריק קיין לימאַ, האָט סאַן מאַרטין שוין געפירט מיט זיך דעם פעסטן באַשלוס צו פאַרלאָזן יעדע ווייטערדיקע מיליטערישע אַקציע. ער האָט געוואוסט, אַז מיליטעריש דראָט דערוויייל נישט קיין געפאַר אין פּערו, אָבער נישט ער וועט עס שוין זיין דער וואָס וועט פאַרענדיקן די באַפרייונגס־אָפּעראַציע. אמת איז אַז באָליוואַר האָט אָנגעבאָטן אַ געוויסע מיליטערישע הילף דעם פּראָטעקטאָר, אַלס ענטפער אַף דער הילף וואָס ער האָט געגעבן די קאָלאָמביאַנער צו דער שלאַכט אין פּיטשינטשאַ, אָבער די אָנגעבאָטענע הילף איז געווען אַ נישטיקע און דערביי אונטער נישט אָננעמבאַרע באַדינגונגען.

גרויס פאַרביטערונג פון סאַן מאַרטין

נאָך דעם שווערן קלאַפּ באַ באָליוואַרן האָט סאַן מאַרטין באַ זיין צוריקקער אין לימאַ באַקומען אַ צווייטן קלאַפּ, וואָס האָט אַנטשידן אַ סוף געמאַכט צו זיינע פּלענער פון באַפרייונג.

אין דער צייט וואָס סאַן מאַרטין איז געווען אין גוואַיאַקיל מיט דער האַבענונג צו געווינען אַף זיין זייט באָליוואַרן און באַקומען הילף, איז אין לימאַ פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד און עס איז באַזייטיקט געוואָרן דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פּראָטעקטאָר, בערנאַרדאָ מאָנטעאַגודאַ. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרפאָלגן אומברחמנותדיק די שפּאַניער און עס האָבן זיך דורך דעם געפילט געטראָפן אַ סך פאַמיליעס. ער איז אויך באַשולדיקט געווען אין וועלן איינפירן אַ מאָנאַרכיסטישן רעזשים.

דעם 25טן יולי, 1822, אין זעלבן טאָג ווען סאַן מאַרטין איז געקומען קיין גוואַיאַקיל און דאָרט אַקלאַמירט געוואָרן, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין לימאַ אַרום פופציק שכנים, אָנגעפירט פונעם פאַרזיצער פון דער מוניציפּאַליטעט, ר י־וו א אַ ג ו ע ר אָ, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַזייטיקן דעם מיניסטער מאָנטעאַגודאַ. ה ע כ ס ט ע ר ד ע ל ע ג אַ ט, וואָס מיינט מלוכה־שעף אין יענעם מאָמענט, איז געווען דער פּערואַנער טאָררע טאַגלע, אָבער פאַקטישער וואָרטפירער איז געווען מאָנטעאַגודאַ, און קעגן אים האָט זיך אָנ־

געזאַמלט אַ שטאַרקער האַס. יענע געהיימע פאַרזאַמלונג פון אָנגעזעענע פּער־זאָנען האָט באַשלאָסן צוצושטעלן דעם הערכסטן דעלעגאַט אַ פּעטיציע אין וועל־כער ס׳איז דערקלערט געוואָרן, אַז די באַפעלקערונג געפינט זיך אין אויפברויז, אַזוי ווייט, אַז עס האַלט באַ אַן אויפשטאַנד „דורך די טיראַנישע און אַרבי־טראַרע מיטלען, וואָס דראָען פּערו מיט אַ דעספּאָטיזם״. צו גלייכער צייט איז באַשטימט געוואָרן צו שיקן אַ נאָטע דער מוניציפּאַליטעט, בעטנדיק באַם שטאַט־ראַט זיין שטיצע, „נעמענדיק אין אַכט די אונטערדריקונג און דעספּאָטיזם פון וועלכן עס ליידט נישט בלויז די שטאָט, נאָר דער גאַנצער שטאַט, דורך די האַנדלונגען פונעם געהאַסטן מיניסטער״. דער שטאַטראַט אונטערן פאָרזיץ פון ריוואַ אַגועראָ האָט, פאַרשטייט זיך, געשטיצט אַנטשידן די ווענדונג און גע־פאָדערט ביי דער רעגירונג דעם באַלדיקן אַרעסט פונעם מיניסטער. די רעגירונג האָט דערויף געענטפערט, אַז זי וועט מאָרגן באַהאַנדלען דעם ענין.

אין זעלבן טאָג, אין אָוונט, האַלב עלף אַזייגער, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם אַרום דער מוניציפּאַליטעט און רעגירונגס־הויז, פאָדערנדיק די באַלדיקע באַזייטיקונג פונעם מיניסטער. מאָנטעאַגודאָ האָט נישט געהאַט קיין ברירה און האָט דימיטירט. די מוניציפּאַליטעט איז אָבער מיט דעם נישט גע־בליבן צופרידן, נאָר געפאָדערט זיין אַרעסט, בכדי ער זאָל געמשפּט ווערן.

אָפן צווייטן טאָג אין דער פרי איז באַניית געוואָרן די פאָלקס־פאַרזאַמלונג אַרום רעגירונגס־הויז און עס האָט געדראָט מיטן אויסברוך פון אַ רעוואָלוציע, און בכדי צו באַרויקן די געמיטער האָט די רעגירונג געמאָלדן עפנטלעך, אַז דער מיניסטער געפינט זיך אונטער הויז־אַרעסט באַ זיך אין דער היים. דער גענעראַל אַלוואַראַדאָ, שעף פון דער אַרמיי האָט זיך געהאַלטן נייטראַל צו די געשעענישן. די צייטונגען זיינען אַרויס מיט שאַרפע אַטאַקעס קעגן מאָנטע אַגודאָ און ס׳זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אַלערליי העצע־בלעטלעך קעגן אים. די מיינסטע אַטאַקעס זיינען געווען פאַר זיין ווילן איינשטעלן אַ מאָנאַרכיע מיט אַ שפּאַנישן פּרינץ אַלס קעניג. דאָס איז געווען אויך אַן אַלטע אידייע פון סאַן מאַרטינען, צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה מיט אַ שפּאַנישן פּרינץ אַלס קעניג, האָפנדיק דורך דעם צו ברענגען צו אַ שלום מיט שפּאַניע. אין איינעם אַזאַ בולעטין האָט זיך געזאָגט: „דער דאָזיקער גרויסער שריט פון פאָלק מעלדעט דעם ערשטן גרויסן שריט פון זיין פרייהייט, ווייל מיט אַזאַ מיניסטער אין דער שפּיץ, איז ווען אפילו מען וואָלט איבערגעריסן די קייטן, וואָלט מען זיי איבערגעריסן אַף אַזאַ אופן, אַז מען וואָלט געבליבן מיט צעבראָ־כענע הענט״. אין אַ צווייט בלעטל האָט זיך געזאָגט: „אַ שטאָלצער מיזאַנטראָפּ האָט געהאַלטן די הויפּטשטאָט (לימאַ) ווי זי וואָלט געווען זיין אייגנטום״.

דעם 29טן איז זיך ווידער צוזאַמענגעקומען די מוניציפּאַליטעט און גע־פאָדערט, אַז אַף צו באַרויקן די שטאָט און דאָס לאַנד איז נויטיק אַרויסצושיקן מאָנטעאַגודאָן. אַזוי איז עס אויך געטון געוואָרן.

באַ אַזאַ צושטאַנד האָט זיך אומגעקערט, דעם 20טן אויגוסט, גענעראַל סאַן מארטין. דאָס פאָלק האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאזם און ריוואַ אגוערא און אנדערע רעוואָלוציאָנערע לידערס האָבן אים דערקלערט זייער אָנשליסונג צו אים. דער פּראָטעקטאָר האָט אָבער געפילט, אַז כאָטש ער האָט צווישן פאָלק אַ גרויסן טייל באמת געטרייע אָנהענגער, האָט ער אָבער אויך קעגנער. ער האָט אויך געזען, אַז דאָס מיליטער איז מער נישט זיינס אינגאַנצן. מיט געוואַלט האָט ער נישט געוואָלט הערשן. בעסער איז איבערצוגעבן דעם פאָלק דעם גורל אין די אייגענע הענט. זיין מאַכט אַלס פּראָטעקטאָר האָט ער געהאַלטן אַלס געבראָכן. ער האָט באַלד נאָך זיין צוריקקער אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמע, אין וועלכער ער האָט געמאָלדן די פאָרגעקומענע קאָנפערענץ מיט באָליוואַרן, איבערגעבנדיק דעם באַריכט פארשטעלט, באַהאַלטנדיק דעם אמת, בכדי צו ראַטעווען זיין פּרעסטיזש ביז ער וועט אַלץ דערליידיקן אין פּערו. אין דער פּראָקלאַמע האָט זיך געזאָגט: „איך האָב געהאַט די צופרידנקייט צו אומאַרעמען דעם העלד פון זיד־אַמעריקע. ס׳איז געווען איינער פון די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן. דער באַפרייער פון קאָלאָמביע העלפט פּערו מיט דריי פון זיינע בראַווע באַטאַליאָנען. מיר דריקן אויס אַלע אייביקע אָנערקענונג דעם אומשטערבלעכן באָליוואַר”. די הילף, וואָס סאַן מאַרטין האָט אָנגעגעבן, איז באַשטאַנען פון אַן אָנבאָט פון 1.400 קאָלאָמביאַנער סאָלדאַטן, אַלס ענטפער אויף דער הילף, וואָס סאַן מאַרטין האָט געהאַט געשיקט באָליוואַרן. די דאָזיקע הילף איז פאַרשפּראָכן געוואָרן אונטער אויסדריקלעכן באַדינג, אַז זיי שטייען אונטער קאָלאָמביאַנער קאָמאַנדע און קאָנען צוריק אָפּגערופן ווערן צו יעדן מאָמענט. אָט די פאַרשפּראָכענע הילף איז געקומען היפּש שפּעט.

דער באַשלוס פון סאַן מאַרטינען איז איצט געווען אַן אַנטשלאָסענער און פעסטער: אַבדיקירן און זיך צוריקציען.

אין זעלבן טאָג פון זיין קומען קיין לימאַ, דעם 25טן אויגוסט, האָט סאַן מאַרטין געשריבן צו אָ׳היגינסן: „באַ מיין קומען אַהער האָב איך געטראָפן די באַזייטיקונג פון מאָנטעאַגודאָ. זיין כאַראַקטער האָט עס דערצו געבראַכט. איך וואָלט אים געווען באַשטימט .פאַר אַ געזאַנדשאַפט, אָבער טאָררע טאַגלע (דער געבליבענער שטעלפאַרטרעטער פון סאַן מאַרטינען, אַ פּערואַנער) האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים לאָזן, ווייל ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אים פאַרבייטן. מיט מיין קומען האָט זיך אַלעס באַרואיקט”.

דער פּראָטעקטאָר האָט געפּרואווט פאַרהילן דעם ריינעם אמת, נישט וועלנדיק אים ווי טון, ווייל אויך אין טשילע איז געווען אומרואיק און די מלוכה־מאַכט פון אָ׳היגינס האָט זיך געוואַקלט. ער האָט דעריבער פאָרגעשטעלט די זאַך ווי אַן אינצידענט, אָן געפערלעכע קאָנסעקווענצן, כאָטש ער האָט ,גוט געזען, אַז ס׳איז דער אָנהויב פון אַן אַנאַרכיע. און כאָטש ער האָט אָנגעגעבן, אַז מיט זיין קומען האָט זיך אַלעס באַרואיקט, האָט ער דאָך אין זעלביקן בריוו

נאָך געשריבן, אַז עס האַלט אין קומען אַ צייט, אַף וועלכער ער האָט אַזוי אַרויסגעקוקט, „צו קאָנען גענין רואיקייט, אין וועלכער איך נויטיק מיך זייער". ער האָט אויך געשריבן, אַז ער רעכנט צו פאָרן קיין בוענאָס איירעס צו זען די זייניקע און דערנאָך זיך באַזעצן אַף דער טשאַקרע און לעבן רואיק.

אין זעלביקן בריוו רעדט ער אויך וועגן דער מיליטערישער לאַגע אין פּערו, זאָגנדיק: „ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַרמיי מיט פיר באַטאַליאָנען און דריי רייטער־סקאַדראָנען. אין טאָטאַל זיינען עס 11.000 מאַן. דער דערפאָלג פון די קאַמפּיינען פון רודעסינדאַ (אַלוואַראַדאַ) און אַרענאַלעס, איז אָן שום צווייפל געזיכערט".

דער דאָזיקער אָפּטימיזם, דאָס פאָרשטעלן די לאַגע אין אַזעלכע פאַרבן, איז אומפאַרשטענדלעך.

דריי טעג שפּעטער, דעם 28טן אויגוסט, האָט ער געשריבן אַ בריוו צו באָליוואַרן, אין וועלכן ער גיסט אויס זיין גאַנצע פאַרביטערונג. פון אָט דעם בריוו ווערט אויפגעקלערט דאָס געשעענע אין גוואַיאַקיל. ער שרייבט דאָרט:

„ליבער גענעראַל. איך וועל אייך שרייבן נישט בלויז מיט דער אויפריכטיקייט פון מיין געוואוינהייט, נאָר אויך ווי עס פאָדערן די אינטערעסן פון אַמעריקע.

„דער רעזולטאַט פון אונדזער שמועס איז נישט געווען אַזעלכער, ווי איך האָב דערוואַרט פאַר דער שנעלער פאַרענדיקונג פון דער מלחמה. צום אומגליק בין איך באַ זיך איבערצייגט, אַז אָדער איר האָט נישט געגלויבט מיין אָנבאָט צו דינען אונטער אייער קאָמאַנדע מיט מיין מיליטער, אָדער מיין פּערזאָן איז אייך געווען אומבאַקוועם. דעם מאָטיוו, וואָס איר האָט אָנגעגעבן, אַז אייער פיינפילונג וואָלט אייך נישט געלאָזט קיינמאָל מיר צו קאָמאַנדירן, און ווען אפילו ווען איר וואָלט עס אָנגענומען, זיינט איר זיכער, אַז דער קאָנגרעס פון קאָלאָמביע וואָלט נישט געלאָזט אייך אַרויספאָרן פון דער טעריטאָריע פון דער רעפּובליק, קומען מיר פאָר ווי נישט ריכטיקע תירוצים. וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס ערשטע, לייקנט זיך עס אַליין און וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס צווייטע, בין איך זיכער, אַז ווען איר וואָלט אויסגעדריקט אייער וואונטש, וואָלט עס אויפגענומען געוואָרן (דורכן קאָנגרעס) מיט איינשטימיקער צופרידנקייט, נעמענדיק אין אַכט, אַז עס האַנדלט זיך אין פאַרענדיקן דעם קאַמפּיין. מיט אייער צוזאַמענאַרבעט און מיט אייער־אַרמיי, וואָלט דער קאַמף, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן, און אין וועלכן מיר זיינען פאַרטון, זיך גיך געענדיקט, און דער כבוד צו האָבן פאַרענדיקט דעם קאַמף וואָלט געווען אייערער און פון דער רעפּובליק, וואָס איר פּרעזידירט.

„מאַכט אייך נישט קיין אילוזיעס, גענעראַל. די ידיעות וועגן באַשטאַנד פון די שפּאַנישע כוחות זענען טעותדיקע. זיי האָבן אין אַלטאָ און באַכאָ פּערו איבער 19.000 וועטעראַנען. די פּאַטריאָטישע אַרמיי, צעשעדיקט דורך קראַנ־

קיטן, קען גרייכן נישט מער פון 8.500 מאַן, און פון דעם אַ גרויסער טייל רעקרוטן. די דיוויזיע קאָלאָמביאַנער פון 1.400 מאַן, וואָס איר שיקט, וועט נויטיק זיין צו קענען זיכערן דעם גאַרניזאָן אין קאַזשאַאָ און אויפהאַלטן די אָרדענונג אין לימאַ. דעריבער איז זיך נישט צו רעכענען מיט אַ דערפאָלג אין די צווישן־פּאַרטן אָן אייער מיטבאַטייליקונג. דער קאַמף קען זיך אַזוי אַרום פאַרציען זייער לאַנג. איך בין איבערצייגט, אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן אַבסאָלוט מיט דער אומאָפּהענגיקייט פון אַמעריקע, אָבער איך בין אויך איבערצייגט, אַז אַ לאַנג־פאַרציענדיקע מלחמה וועט זיין די רוינע פון די פעלקער, און עס איז די הייליקע פליכט פאַר די מענער וועמען ס׳איז אָנפאַרטרויט זייער גורל אויסצומיידן אַזעלכעס.

„בקיצור, גענעראַל, מיין אָפּפאָרן איז באַשלאָסן אומווידעררופלעך. אפן 20טן פון קומענדיקן חודש (סעפּטעמבער) האָב איך פאַררופן דעם ערשטן קאָנגרעס פון פּערו, און דעם אַנדערן טאָג וועל איך זיך פאַרשיפן קיין טשילע, איבערצייגט אַז מיין אָנוועזנהייט איז אַ שטערונג פאַר אייך צו קומען מיט אייער אַרמיי קיין פּערו. פאַר מיר וואָלט עס געווען דער העכסטער פּונקט פון גליק צו פאַרענדיקן דעם קאַמף פון דער אומאָפּהענגיקייט אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ גענעראַל, וועמען אַמעריקע איז שולדיק איר פרייהייט. דער גורל איז אָבער אַן אַנדערער, און מען דאַרף זיך צופרידנשטעלן.

„נישט צווייפלענדיק, אַז נאָך מיין אַרויספאָרן פון פּערו וועט די רעגירונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן, בעטן די אַקטיווע מיטאַרבעט פון קאָלאָמביע, און איר וועט נישט קענען אָפּזאָגן אַזאַ גערעכטע פאָדערונג, וויל איך איבערגעבן אַ באַמערקונג וועגן שעפן וועמענס מיליטערישע און פּריוואַטע אויפפירונג קען אייך זיין פון געוויסן נוצן.

„דער גענעראַל אַרענאַלעס וועט בלייבן אָנפירער פונעם אַרגענטינער מיליטער. זיין ערנהאַפטיקייט, מוט און קענטשאַפט, בין איך זיכער, וועט אַנערקענט ווערן פון אייך.

„כ׳וויל אייך גאָרנישט זאָגן וועגן דער אַנעקסירונג פון גוואַיאַקיל צו דער רעפּובליק פון קאָלאָמביע. זאָל מיר נאָר דערלויבט זיין, גענעראַל, צו באַמערקן, אַז איך האָב געגלויבט אַז דאָס האָט געהערט נישט צו אונדז צו אַנטשיידן אַזאַ וויכטיקן ענין. ווען די מלחמה וואָלט געווען געענדיקט וואָלטן די רעספּעקטיווע רעגירונגען געלייזט די פראַגע אָן וועלכער שעדיקונג די אינטערעסן פון די נייע מלוכות אין זיד־אַמעריקע.

„איך האָב גערעדט צו אייך, גענעראַל, מיט אויפריכטיקייט, אָבער די געפילן וואָס ווערן דאָ אויסגעדריקט וועלן בלייבן באַגראָבן אין טיפסטן שווייגן. וואָלטן זיי אַרויסגעקומען אַף דער ליכטיקער שיין, וואָלטן די פיינט פון אונדזער פרייהייט געקענט עס אויסנוצן צום שאָדן און די אַמביציעזע אינטריגאַנטן צו זייען אומצוטרוי.

„מיטן קאָמענדאַנט דאָדעראָ, איבערברענגער פון דעם בריוו, שיק איך אייך אַ ביקס און אַ פּאָר פּיסטוילן צוזאַמען מיט מיין פערד, וואָס איך האָב אייך אָנגעבאָטן אין גוואַיאַקיל. נעמט צו, גענעראַל, דעם מעמאָריע־בריוו פונעם ערשטן פון אייערע פאַרערער.



די באַגעגעניש פון סאַן מאַרטין מיט באָליוואַר

„מיט די דאָזיקע געפילן און מיט דעם איינציקן וואונטש, אַז איר זאָלט עס זיין דער וואָס זאָל האָבן דעם רום צו פאַרענדיקן די אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה אין זיד־אַמעריקע, ווידערהאָלט אייער איבערגעגעבענער דינער

כאָסע דע סאַן מאַרטין.“

פון אָט דעם בריוו איז קלאָר וואָס ס'איז פאָרגעקומען הינטער די פאַרמאַכטע טירן באַ דער קאָנפערענץ פון סאַן מאַרטין און באָליוואַר. סאַן מאַרטין האָט געהאַלטן וואָרט און געשוויגן. אין אַ בריוו צו אָהיגינס האָט ער געשריבן, אַז ער וויל זיך צוריקציען אויס מידקייט און איבערן שוואַכן געזונט־צושטאַנד. ער שרייבט זיין אויפריכטיקן פריינט און וואָפן־חבר: „איר ווילט מיך איבעררײדן צו פאַרענדיקן דאָס אָנגעהויבענע ווערק. איר האָט רעכט, אָבער איך האָב עס מער. איך בין מיד פון צו הערן דאָס אָנרופן מיך טיראַן, און אַז איך וויל זיין קעניג, אימפעראַטאָר און אפילו טייוול. אויסער דעם איז מיין געזונט־צושטאַנד צעטרייסלט. די טעמפעראַטור דאָ אין לאַנד וועט מיך טרייבן אין קבר. בכלל, מיין יוגנט האָב איך מקריב געווען אין דינסט פון די שפּאַניער און מיינע מיטעלע יאָרן — מיין פאָטערלאַנד. איך גלויב, אַז איך האָב רעכט צו באַשטימען וועגן מיין עלטער. דאָס וועט זיין דער לעצטער בריוו וואָס איך שרייב".

דער פּראָטעקטאָר אַבדיקירט

ווי ס'איז שוין איבערגעגעבן געוואָרן, האָט סאַן מאַרטין פאַררופן דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פּערו, מיטן ציל איבערצוגעבן דעם מאַנדאַט. דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט באַדאַרפט געבן דעם לאַנד די קאָנסטיטוציע און בילדן אַ רעגירונג.

דעם 20טן סעפּטעמבער, 1822, איז מיט גרויס פּאָמפּע דערעפנט געוואָרן דער קאָנגרעס, און ביי דער ערשטער זיצונג האָט סאַן מאַרטין, אין דער קעגנוואָרט פון דער פאָלקס־פאַרטרעטונג, אויסגעטון דעם צווייפאַרביקן רויט־ווייסן באַנד, וואָס האָט סימבאָליזירט די העכסטע אויטאָריטעט, און געזאָגט:

„באַם אָוועקלייגן דעם צייכן וואָס כאַראַקטעריזירט דעם העכסטן שעף פון פּערו, טו איך נישט מער ווי כ'דערפיל מיין פליכט און פיר אויס דעם וואונטש פון מיין האַרץ. אויב די פּערואַנער האָבן מיר עפּעס צו פאַרדאַנקען, איז עס די אויסאיבונג פון דער מאַכט וואָס די אומשטענדן האָבן געפאָדערט. היינט, ווען איך קען, צום גליק, זי (די מאַכט) איבערגעבן, בעט איך באַם אויבערשטן צו באַלויכטן און מוטיקן די פאָרשטייער פון פאָלק, און דאָס פאָלק זאָל איבערנעמען די מלוכה־מאַכט אין גאַנצן לאַנד."

ער האָט אַפן טיש אַנידערגעלייגט דעם באַנד און זעקס אָנווייזונגען אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן און איז אַוועק, באַגלייט פון שטורמישע אָוואַציעס און אַפּלאַוזן.

מען האָט געעפנט דעם ערשטן קאָנווערט. דאָרט איז געווען די אומווידעררופלעכע אַבדיקאַציע. עס האָט זיך געזאָגט: „דאָס פאַרגעניגן פון איינעם, וואָס קעמפט פאַרן גליק פון פעלקער קומט פון דער איבערצייגונג, אַז ער איז

גענוען אַ מיטל צו דערגרייכן דאָס גליק. מיין רום האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, ווען איך זע פאַרזאַמלט דעם קאָנסטיטואַנטע קאָנגרעס. איך שטעל אייך צו די דימיסיע פון דער העכסטער קאָמאַנדע, וואָס די נויטיקייט האָט מיך געצוואונגען אָנצונעמען. אויב מיין דינסט פאַר דער זאַך פון אַמעריקע זאָל באַטראַכט ווערן פאַר וויכטיק באַם קאָנגרעס, קען איך עס אָננעמען, מיטן איינציקן באַדינג, אַז עס זאָל נישט זיין קיין איינער וואָס זאָל וועלן, אַז איך זאָל בלייבן אין דער רעגירונג".

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון גרויסן באַפרייער אין מאָמענט פון זיין אַבדיקאַציע. טיף־מענטשלעכע ווערטער פון וועלכע ס'איז אַרויסגעוועזן די גאַנצע גרויסקייט פון זיין נשמה.

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון דאַנק דעם פּראָטעקטאָר. אַלס „ערשטער סאָלדאַט פון דער פרייהייט" און אים באַשטימט פאַרן גענעראַליסימוס פון אַלע באַוואָפנטע כוחות אַפן ים און יבשה, מיט אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע פון 12.000 פּעזעס יערלעך.

סאַן מאַרטין האָט דערויף געענטפערט, אַז ער נעמט אָן דעם טיטל און באַלוינונג, אָבער נישט די קאָמאַנדע, דערקלערנדיק: „אַנטשלאָסן נישט צו פאַרראַטן מיינע אייגענע געפילן און די גרויסע מלוכה־אינטערעסן, זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערקלערן, אַז די אויסצייכענונג מיט וועלכער דער קאָנגרעס וויל מיך באַשענקען (אַלס מיליטערישער שעף), וואָלט געווען נישט בלויז אומנוצלעך, נאָר שעדלעך, ווייל עס וואָלט אַרויסגערופן גרויס אייפערזוכט פון די וואָס שטרעבן צו אַ פּאָזיטיווער פרייהייט. איך האָב דערפילט דאָס פאַרשפּרעכן וואָס איך האָב געמאַכט צו פּערו. כ'האָב געזען דעם צוזאַמענקום פון די פאָלקס־פאַרטרעטער. די פיינטלעכע מאַכט איז מער נישט קיין געפאַר פאַר די פעלקער וואָס ווילן פריי זיין, און וואָס האָבן די מיטלען עס צו זיין. די אַרמיי איז גרייט צו גיין אין קאַמף צו פאַרענדיקן אויף שטענדיק די מלחמה. עס בלייבט מיר נישט מער ווי אויסצודריקן מיין הארציקסטן דאַנק און מיין פאַרשפּרעכן, אַז אין פאַל עס וועט אין איינעם אַ טאָג אַטאַקירט ווערן די פרייהייט פון די פּערואַנער וועל איך מיך טיילן מיטן רום פון די קעמפער צו פאַרטיידיקן זי ווי אַ פּשוטער בירגער".

דער קאָנגרעס האָט צודרינגלעך געפאָדערט, אָבער סאַן מאַרטין האָט אַנטשיידן זיך אָפּגעזאָגט צו זיין ווייטער אַ מלוכהמאַן.

אין זעלבן אָוונט האָט דער קאָנגרעס אָפּגעהאַלטן אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג און באַשטימט פאַר סאַן מאַרטינען דעם טיטל „ג ר י נ ד ע ר פ ו ן ד ע ר פ ר י י ה י י ט פ ו ן פ ע ר ו", מיטן רעכט צו באַנוצן דעם צווייפאַרביקן באַנד, וואָס ער האָט אויסגעטון, און זאָל האָבן דעם גראַד פון קאַפּיטאַן־גענעראַל. עס איז אים באַשטימט געוואָרן אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע ווי וואַשינגטאָנען. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ס'זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ מאָ־

נומענט, אַף וועלכן ס'זאָל פאַרצייכנט ווערן זיינע לייסטונגען. דערוויייל זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אַ ביוסט אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, וואָס ער האָט געגרינדעט, און ס'זאָל אָפּגעגעבן ווערן כבוד סאַן מאַרטינען, ווי אַ מלוכה־פּרע־זידענט די גאַנצע צייט, וואָס ער וועט זיין אין פּערו.

דאָס פאָלק פון פּערו דורך זיין פאַרטרעטערשאַפט באַם קאָנגרעס האָט גע־וואוסט ווי אָפּצושאַצן די באַפרייונגס־אַקציע פון סאַן מאַרטין און געוואָלט ווי אַמבעסטן באַלוינען מיט אַלע מעגלעכקייטן אָט דעם באַשיידענעם, ערלעכן און גרויסן פרייהייטס קעמפער.

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז סאַן מאַרטין באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ מתנה פונעם שטאָטראַט פון לימאַ מיט דער פאָן פונעם קאָנקיסטאַדאָר פּיזאַררא. דעם 3טן אַפּריל 1822, האָט דער בירגערמייסטער פון לימאַ, פעליפּע אַנטאָניאָ אַלווארַדאַ, אינעם נאָמען פון קאַבילדאָ, געשריבן סאַן מאַרטינען: „מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך דעם כבוד צוצושיקן אייער עקסעלענץ דעם אַקט פון דער האָנאָראַבלער מוניציפּאַליטעט, באַגלייט פונעם קעניגלעכן סטאַנדאַרט, וואָס וועט מער קיינמאָל נישט אַרויסגעהאָנגען ווערן אין פּערו. זאָל אייער עקסעלענץ עס באַהאַלטן און האָבן מיט דעם דעם אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פון דער מוני־ציפּאַליטעט, וואָס שטאַלצירט צו זען די באַפעלקערונג, וואָס זי רעפּרעזענטירט פריי פון שפּאַנישן יאָך דורך שוץ פון אייער עקסעלענץ".

דאָס איז געווען דער קעניגלעכער סטאַנדאַרט, וואָס עס האָט געבראַכט אין דער אינקאַ אומפּעריע (פּערו) דער קאָנקיסטאַדאָר פּיזאַררא, דער פאַרשקלאַפער פון דער געביר̈טיקער באַפעלקערונג. סאַן מאַרטין האָט אויך באַקומען אַלס מתנה דעם טינטער און גלעקל פון דער אינקוויזיציע אַלס אָנדענק פון זיין באַפרייאונג. פּיזאַררא'ס פאָן און דער טינטער פון דער אינקוויזיציע, סימבאָלן פון דער שפּאַ־נישער טיראַניע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם פּראָטעקטאָר אַלס טראָפּייען פאַר זיין באַפרייען דאָס פאָלק דורך זיין גרויסער באַפרייאונגס־אַקציע.

סאַן מאַרטין האָט פאַרלאָזט לימאַ און געפאָרן קיין מאַגדאַלענאַ, וואו ער האָט געהאַט זיין זומער רעזידענץ. אין יענעם הויז האָבן געוואוינט פריער די וויצע־קעניגס און דערנאָך, ווען סאַן מאַרטין איז אַוועק, האָט עס געדינט אַלס רעזידענץ פאַר באָליוואַר. דאָ אין מאַגדאַלענאַ, וועלכע סאַן מאַרטין האָט גערופן „פּועבלאָ דע לאָס ליבּרעס", האָט ער געטראָפן זיין וואָפן־חבר און אינטימען פריינט טאָמאַס גידאָ.

אַהער קיין מאַגדאַלענאַ איז געקומען אַ דעפּוטאַציע פונעם קאָנגרעס צו בעטן אים אָנצונעמען דעם פּאָסטן פון גענעראַליסימוס, אָבער ער האָט אָנטשידן זיך אָפּגעזאָגט: מיין אַרבעט איז געענדיקט, האָט ער געזאָגט, מיין אָנוועזנהייט וועט זיין נישט בלויז אומניצלעך נאָר שעדלעך. עס ליגט איצט אין די הענט פון די פּערואַנער צו פאַרענדיקן די אַרבעט.

אייגנטלעך וואָלט סאַן מאַרטין נאָך געקאָנט אונטערנעמען נאָך אַ נייע

אקציע. סוף אויגוסט 1822 איז דאָס פּערואַנער־טשילענער־אַרגענטינישע מיליטער באַשטאַנען פון 11.000 מאַן. אויסערדעם האָט די רעגירונג פון טשילע געדאַרפט שיקן 1.000 מאַן אַלס פאַרשטאַרקונג קיין אַריקאַ, צו אָפּערירן אין די צווישן־פּאָרטן. גאַנץ פאַרלוירן איז די זאַך נישט געווען. באַ אַ גוט־אויסגעאַרבעטן פּלאַן קאָנען נאָך געווינען ווערן שלאַכטן. ער האָט געמאַכט אַ חשבון אַז באַם שיקן 4.300 מאַן פון די אַנדן סאָלדאַטן און טשילענער צו אַטאַקירן די שפּאַניער אין די זידלעכע בערג און אַלטאַ פּערו, און אַן אָפּטיילונג מיליטער צו די ברעגן פון צענטער וואָס געהערן צו פּיסקאַ, וואָלט ער געקאָנט געבן אַ שטאַרקן קלאַפּ דעם שונא. ער האָט זיך באַראַטן וועגן דעם פּלאַן מיט באָליוואַרן און יענער האָט געענטפערט אַז ס׳איז גלענצנדיק. נאָר שפּעטער ווען די שלאַכט איז פאַרשפּילט געוואָרן האָט ער אים פאַרדאַמט. און דורכגעפאַלן איז דער פּלאַן ווייל סאַן מאַרטין איז נישט בייגעווען דעם קאַמף. מ׳האָט געמוזט האָבן דערצו אַ געניאַלן שעף און סאַן מאַרטין איז געווען שוין ווייט אַוועק. אָבער דאָס געהערט שוין אויסשליסלעך צו דער געשיכטע פון פּערו.

ווען די דעפּוטאַציע פון קאָנגרעס האָט פאַרלאָזט סאַן מאַרטינען האָט ער אָנגעהויבן באַלד נעמען זיך פּאַקן דעם באַגאַזש און די דאָקומענטן. פאַרנאַכט האָט ער איינגעלאַדן גידאָן צו אַ טיי און אין אַן אינטימען שמועס געזאָגט: „ס׳איז היינט פאַר מיר אַן אמת גליקלעכער טאָג. איך האָב מיך באַפרייט פון אַ לאַסט וואָס איך האָב נישט געקאָנט טראָגן. די פעלקער וואָס מיר האָבן באַפרייט וועלן שוין נעמען אויף זיך דעם אייגענעם גורל”. אָבער כאָטשע ס׳איז געווען „אַ גליקלעכער טאָג” פאַר אים איז ער געווען גאָרנישט הייטער. עס האָט זיך געמערקט אַ נערוועזיטעט אינעם געשפּרעך. מיט אַמאָל האָט סאַן מאַרטין אַ זאָג געטאָן: „וואָס שיקט איר אייער פרוי קיין טשילע?” גידאָ האָט אָנגעקוקט זיין פריינט מיט שטוינונג, אָבער סאַן מאַרטין האָט באַלד פאַרגעזעצט: „דער פּאַסאַזשיר וואָס וועט פירן אייער פעקל וועט עס איבערגעבן פּערזענלעך”.

— ווער איז עס דער פּאַסאַזשיר?

— דער פּאַסאַזשיר בין איך. עס שטייען שוין פאַרטיק מיינע פערד צו גיין קיין אַנקאָן: היינט אָוונט וועל איך מיך פאַרשיפן.

גידאָ איז געבליבן גאַנץ דערשטוינט: „ווי אַזוי לאָזט מען דאָס איבער אויף גאָטס באַראָט אַן אונטערגענומענע ארבעט, ווען עס האָט אייך נישט געפעלט די שטיצע פון דער עפנטלעכער מיינונג און פון מיליטער. ווי אַזוי לאָזט מען עס איבער אַ לאַנד אין אַזאַ צערודערונג? ווי אַזוי לאָזט מען עס אין יתומהשאַפט די וואָס האָבן אייך באַגלייט פונעם לאַ פּלאַטאַ און טשילע?...” די דאָזיקע ווערטער האָבן טיף געשניטן דעם באַפרייער. ער האָט אָבער געפּרוווט באַהאַלטן זיין אינערלעכע אויפרעגונג און געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן:

„כ׳האָב אַלעס דורכגעטראַכט. איך קען דעם צושטאַנד אין אַמעריקע און ווייס מיינע פליכטן. איך פאַרלאָז מיט ווייטיק די חברים וואָס איך האָב ליב

ווי זין, און וועלכע האָבן מיר אַזוי געטריי געהאָלפֿן. אָבער איך קאָן נישט בלייבן מען קיין איין טאָג. איך גיי". און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער פֿאַרגעזעצט: „גאָרנישט וועט מיר קענען איבערצייגן אַז מיין בלייבן דאָ וועט זיי ברענגען קלענערן אומגליק ווי מיין שיידן זיך. איבער אַ סך מאָטיוון קאָן איך נישט בלייבן אין מיין פּאָסטן, נאָר סיידן אונטער באַדינגונגען וואָס זיינען קעגן מיינע געפילן און מיינע איבערצייגונגען".

ס'איז געוואָרן נאַכט און ביידע פריינט זיינען געבליבן אין טרויער. ביידע זיינען געווען פאַרנומען מיט געדאַנקען פון פראַגעס וועגן מאָרגן. וואָס וועט ווערן פונעם רעשט אַרגענטינער־טשילעניש מיליטער; וואָס ווערט פון זיי ביידע גופא?

נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט סאַן מאַרטין געזאָגט: „לאָמיך אייך זאָגן אַן אמת: אַף אויפצוהאַלטן די דיסציפּלין פון דער אַרמיי וואָלט איך באַדאַרפט דערשיסן אייניקע שעפן און עס פעלט מיר מוט דאָס צו טאָן מיט חברים וועלכע האָבן מיך באַגלייט אַזאַ לאַנגע צייט אין טעג פון פרייד און לייד". ווער זיי זיינען האָט ער נישט געזאָגט. ווידעראַמאָל אַ לאַנגע פּויזע און דערנאָך ווידעראַמאָל אַ פאַרטרויליכע וואָרט: „נאָך פאַראַנען אַ גרעסערע שוועריקייט, אַ שוועריקייט, וואָס איך וואָלט נישט געקאָנט באַזיגן נאָר אַפן חשבון פונעם גורל פונעם לאַנד און מיין אייגענעם כבוד: באָליוואַר און איך קאָנען נישט זיין צוזאַמען אין פּערו. איך האָב גוט געזען זיין בליק און שטאַנדפּונקט. איך האָב פאַרשטאַנען די אומצופרידנקייט וואָס עס וואָלט אים געקאָנט פאַרשאַפן דער רום וואָס וואָלט געקאָנט אויספאַלן אַף מיין חלק באַם ענדיקן דעם קאַמפּיין. ער וואָלט זיך נישט אָפּגעשראָקן פון מיטלען אַף אַריינצודרינגען קיין פּערו און איך וואָלט מעגלעך נישט געקענט אויסמיידן אַ קאָנפליקט, געבנדיק דער וועלט אַ סקאַנדאַל, און ס'וואָלטן פון דעם געוואָנסן מיין שונאים. דאָס נישט! זאָל באָליוואַר אַריין קיין פּערו, און אויב ער וועט זיכערן דאָס וואָס מיר האָבן געוואונען וועל איך זיין צופרידן, ווייל אין יעדנפאַל וועט האָבן געזיגט אַמעריקע. נישט סאַן מאַרטין וועט עס זיין דער וואָס וועט ענדיקן מיטן שונא".

ס'איז אַריינגעקומען עמיצער און געמאָלדן אַז אַלעס איז גרייט צום פאָרן. ס'איז געקומען דער מאָמענט פון אָפּשייד פונעם לאַנד, צו וועלכן סאַן מאַרטין איז געקומען מיט גרויסע האָפענונגען. עס קומט איצט דער וועג צוריק, פונעם פּאַסיפיק צום לאַ פּלאַטאַ.

דער דרויסן איז געווען איינגעהילט אין טונקלקייט און די לופט דורכגענומען פון פרילינגס אַראָמאַט. דער הימל גוט אויסגעשטערנט. סאַן מאַרטין און גידאָ האָבן זיך אומאַרעמט און געזעגנט.

פאַר זיין פאַרלאָזן מאַגדאַלענאַ האָט ער איבערגעלאָזט אַ לעצט אָפּשידס וואָרט פאַר די פערואַנער, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט:

„כ'בין בייגעווען די דעקלאַראַציע (פון אומאָפּהענגיקייט) פון די שטאַטן

טשילע און פערו. ס'איז פאַראַנען בײַ מיר דער סטאַנדאַרט וואָס ס'האָט גע־בראַכט פיזאַררא צו פאַרשקלאַפן די אימפּעריע פון די אינקאַס, און איך האָב אויפגעהערט צו זיין מלוכה־מאַן. דאָס איז די באַלוינונג מיט פּראָצענט פון צען יאָר רעוואָלוציע און מלחמה.

„מיין פאַרשפּרעכן צו די פעלקער וואו איך האָב געפירט מלחמה זיינען דערפולט. זיי זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיק און האָבן אויסגעקליבן זייערע רעגירונגען.

„די אָנוועזנהייט פון אַ גרויס־געוואָרענעם מיליטאַר ווי באַשיידן ער זאָל זיין איז אַ געפאַר פאַר נייע שטאַטן. אויסערדעם בין איך מיד פון צו הערן אַז איך וויל מען זאָל מיך מאַכן קעניג. דאָך בין איך גרייט צו געבן אַ לעצטן קרבן פאַר דער פרייהייט פונעם לאַנד, אָבער נאָר אַלס פּשוטער, פּריוואַטער בירגער און נישט מער.

„פּערואַנער: איך לאָז אייך איבער מיט אַ נאַציאָנאַלער פאַרטרעטונג. אויב איר וועט האָבן צו איר פולסטן צוטרוי וועט איר זיגן; אויב נישט וועט די אַנאַרכיע אייך פאַרשלינגען.

„זאָל גאָט וואַכן איבער אייער גורל און זאָל ער זיין (אַ גורל) פון גליק און שלום".

אין דער נאַכט פון 20־טן סעפּטעמבער 1822 האָט ער צוגעריטן צום פּאָרט און זיך אויפגעזעצט אויף דער זעגל־שיף „בעלגראַנאָ" און 10 אַזייגער אָפּגעפאָרן פונעם פּערואַנער ברעג, זיך לאָזנדיק אין וועג צו וואַלפּאַראַיסאָ.

IX

זיך אומגעקערט קיין טשילע

פאַרוואָס האָט סאַן מאַרטין נישט פאַרענדיקט זיין קאַמפּיין אין פּערו? ער האָט עס קלאָר דערקלערט גידאָן. עס זיינען מיד געוואָרן די מיליטערישע כוחות זיינע, עס האָט זיך אויפגעהויבן אין אייניקע קרייזן אַ שטימונג קעגן אים, און ער, דער באַשיידענער, וואָס האָט אין ערגעץ נישט געוואָלט אָננעמען קיין מאַטעריעלע באַלוינונגען האָט געהאַט צו הערן אָנדייטונגען, אַז ער וויל ווערן קעניג. די דאָזיקע שטימונגען קעגן אים האָבן אויך זיך געשאַפן אין טשילע. ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן אַז דער אַדמיראַל קאָקריין, וואָס איז אַנטלאָפן פון פּערו מיט קריגס-שיפן, פאַרשלעפנדיק אַ גרויסן געלט-רויב, איז געקומען קיין טשילע און פאַרשפּרייט אַלערליי רכילותן אַף סאַן מאַרטינען. דערדאָזיקער פאַרשוין האָט נישט אויפגעהערט צו העצן קעגן סאַן מאַרטינען אין טשילע און דערנאָך אין מאָנטעווידעאָ, און עס האָבן זיך געפונען גענוג שונאים סאַן מאַרטינס אין טשילע צו העלפן פאַרשטאַרקן די העצע.

סאַן מאַרטין איז געקומען קיין וואַלפּאַראיסאָ דעם 13טן אָקטאָבער 1822. די ידיעה וועגן זיין קומען האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט, באַגלייט פון אַלערליי קלאַנגען. קאָקריין האָט זיך נאָך געפונען אין טשילע און אַרויסגעלאָזט קלאַנגען, איינעם ערגער פון אַנדערן: אַז סאַן מאַרטין איז אַנטלאָפן פון פּערו ווייל ער האָט מורא געהאַט צו האָבן דעם סוף פון מאָנטעאַגודאָ, אָדער אומגעבראַכט צו ווערן; אַז ער איז אַנטלאָפן מיט אַ צוגערויבטן אוצר וואָס ער וויל ברענגען אַלס קאָנטראַבאַנד; אַז ער קומט ווי אַ תליון קיין טשילע, און אַז ער וועט באַלד אַרעסטירט ווערן.

צום גליק איז נאָך געווען באַם רעגירונגס-רודער אָהיגינס, און ווען ער האָט געהערט פונעם קומען פון זיין געטרייעם וואָפן-ברודער האָט ער פאַראָרדנט אַז די ברעג באַטעריעס זאָלן אָפּפייערן אַ זאַלפּ צו באַגריסן די „בעלגראַנאָ”. ער האָט אויך געשיקט אַ קאַרעטע צו ברענגען דעם גאַסט אין שטאָט אַריין. די אַדיוטאַנטן פונעם העכסטן דירעקטאָר, גענעראַל פּריעטאָ און מאַיאָר אָקאָננאָר, האָבן באַגריסט דעם באַפרייער אין נאָמען פון אָהיגינס.

געקומען איז סאַן מאַרטין קיין טשילע קראַנק און דערשלאָגן. ער האָט ווידעראַמאָל געהאַט אַ בלוט-שטורץ און געמוזט בלייבן צו בעט אַ צייט פון

צוויי חדשים. דערצו האָט ער געליטן פון רעומאַטיזם אין אַ האַנט און געוואָלט פאָרן אין די בעדער פון קאַוקענעס. געהאַט האָט ער מיט זיך בלויז הונדערט צוואַנציק אונץ גאָלד אין טאַש און דעם סטאַנדאַרט פון פּיזאַרראָ מיטן גאָלדענעם גלעקל פון דער אינקוויזיציע פון לימאַ. דאָס איז געווען דער גאַנצער „צוגע־רויבטער אוצר" פון פּערו, וואָס די שונאים האָבן אים צוגעשריבן.

עס האָבן אים שטאַרק וויי־געטאָן די ידיעות וואָס ער האָט באַקומען פון לימאַ. כאָטש דער קאָנגרעס האָט אים אָפּגעגעבן דעם געהעריקן רעספּעקט און באַשטימט אַ פּענסיע פאַר אים, איז ער געוואָר געוואָרן שפּעטער זייענדיק אין טשילע, דורך אַ ידיעה פון סאַלוואַדאָר איגלעסיאַס, אַז בײַ אַ זיצונג אין קאָנג־רעס האָבן אייניקע דעפּוטאַטן, צווישן זיי מאַריאַטעגי, שטאַרק אַטאַקירט אים און איינער האָט זיך אויסגעדריקט אַז „פּערו האָט אין דעם איינעם יאָר זייט דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקייט אין לימאַ געליטן אַ גרעסערע טיראַניי און מיסברויכן ווי אין די דרייהונדערט יאָר אונטער שפּאַנישער הער־שאַפט, און אַז פּערו וואָלט באַקומען די פרייהייט אָן דער נויטיקייט פון דער הילף פון סאַן מאַרטין מיט זיין מיליטער". ווייטער האָט איגלעסיאַס געמאָלדן, אַז „מען רעדט, אַז אייער עקסעלענץ האָט פאַרנומען 600.000 פּעזעס פון דער מלוכה־קאַסע און 4.000 אונץ גאָלד פונעם מינצהויז און דאָס געלט וואָס האָט זיך געפונען אין דער אַדואַנאַ".

אין פּערו האָט זיך אָנגעהויבן אַ צושטאַנד פון אַנאַרכיע. די פּאָליטיקער האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן אַרום דער מלוכה־מאַכט און עס האָט געפעלט די האַנט און אַ מאַן מיט אַ וואָגיק וואָרט צו צוימען דעם וואַקסנדיקן אומרו. דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז די שפּאַניער זאָלן אויסנוצן דעם כאַאָס און אַ מיליטער אָפּטיילונג אָנגעפירט פון גענעראַל קאַנטעראַק איז דעם 18־טן יוני 1823 ווידער אַריין קיין לימאַ.

דאָס גאַנצע ווערק פונעם העלד פון די אַנדן האָט געהאַלטן בײַם צוזאַמענ־ברעכן אין פּערו.

אויך אין טשילע איז די לאַגע געווען אַן אומרואיקע. אָהיגינס האָט געהאַט קעגן זיך אַ סך שונאים און מען האָט געאַרבעט קעגן אים אונטערערדיש. עס האָבן אָנגעהויבן אַקטיוו צו אַרבעטן קעגן אים די קאָנסערוואַטאָרע קעגנער פון קאַררעראַ. אָבער חוץ די קאָנסערוואַטאָרן האָבן געאַרבעט קעגן אים די ליבעראַלן און ראַדיקאַלן וועמענס פירער ער איז פריער געווען. דער נאָענטער וואָפן־חבר זיינער גענעראַל ראַמאָן פרעירע איז אויך אַרויס קעגן אָהיגינסן און געפאָדערט זיין דימיסיע. דער רעגירונגס־מיטגליד אַנטאָניאָ ראָדריגעז אַלדעאַ, אַן אַנזור־פּאַטאָר, האָט געשפּינען אַ נעץ פון אינטריגעס קעגן אָהיגינסן אַף אַזוי ווייט, אַז עס האָט אין נאָוועמבער 1822 אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע קעגן העכסטן דירעקטאָר פון טשילע, באַשולדיקנדיק אים אין דעספּאָטישער דיקטאַטור. אין לויף פון חודש דעצעמבער האָבן אויך די אינטריגאַנטן אויפגערודערט די

פּראָווינצן קעגן העכסטן דירעקטאָר און עס איז געקומען דערצו, אַז דעם 7־טן יאַנואַר זאָל ער האָבן געזען זיך געצוואונגען צו באַזייטיקן פון דער רעגירונג זיין פּאָוואַריט. דעם 28־טן יאַנואַר 1823 האָט אַ רעוואָלוציע געבילדעט אַ נייעם רעגירונגס־ראַט. אָהיגינס איז פון דער נייער רעגירונג געבעטן געוואָרן צו אַבדיקירן און ער האָט עס באַלד געטאָן איבערגעבנדיק דעם באַנד און סצעפּטער. דער רעגירונגס־ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו האַלטן אַלס „געהייליקט און אומבאַרירבאַר די פּערזאָן פון גענעראַל אָהיגינס". צען טעג נאָך דער אַבדיקאַציע איז אָהיגינס אָפּגעפאָרן מיט אַן ענגלישער שיף פון זיין פאָטערלאַנד, פאַר וועלכן ער האָט געקעמפט אַזוי העלדיש און איבערגעגעבן צוזאַמען מיט סאַן מאַרטינען. ער איז אַוועק קיין פּערו און זיך דאָרט באַזעצט.

אין דער צייט פון דער באַוועגונג קעגן אָהיגינס איז סאַן מאַרטין געווען אין טשילע. אַזוי ווי ער האָט זיך געפונען אָן מיטלען האָט ער גע־פּרואווט אָפּמאָנען אַ חוב בא איינעם, זיינעם אַ געוועזענעם פריינט, אָבער יענער האָט אים אָפּגעגעבן אַ נישטיקע סומע, זאָגנדיק, אַז מער האָט ער נישט. די פּערואַנער רעגירונג געוואָר ווערנדיק וועגן דער לאַגע פון סאַן מאַרטין, האָט אים צוגעשיקט 2.000 פּעזעס אָפן חשבון פון זיין פּענסיע.

אין טשילע האָט ער באַקומען אָפּט ידיעות, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרלוימדונגס קאַמפּיין קעגן אים אין פּערו. מען האָט אויסגעטייטשט זיין שטילשווייגן וועגן דער קאָנפערענץ אין גוואַיאַקיל און זיין פּלוצלינגע אַבדיקאַ־ציע און זיין מיסטעריעז פאַרלאָזן דאָס לאַנד ווי אַזוי ווער עס האָט געוואָלט. דאָס וואָס האָט צום טיפסטן ווי־געטון סאַן מאַרטינען איז געווען די באַהויפּטונג, אַז ער איז אַ מאָנאַרכיסט און אַז ער איז אַוועק אַף צו געפינען אַ פּרינץ צו קאָנען אים קרוינען אַלס קעניג.

געשטאָרבן רעמעדיאָס עסקאַלאַדאַ

אין אָנהויב 1823 אין סאַמע ברען פון דער אויפשטאַנדס־באַוועגונג קעגן אָהיגינס האָט סאַן מאַרטין זיך געלאָזט פון סאַנטיאַגאָ אָפן וועג קיין מענדאָסאַ. ער האָט זיך געלאָזט צו די קאָרדיליערן פון די אַנדן רייטנדיק אַף אַן אייזל, אַן עלנטער, טרויעריק און האָפענונגסלאָז. אָך, ווי עס האָבן אים אַמאָל געררייצט די אַנדן צו לאָזן זיך איבער זיי, און ער האָט געריטן איבער די בערג 1817 אין דער שפּיץ פון אַן אַרמיי פון 5.000 קעמפער. ער איז דערנאָך געריטן איבער די בערג הין און צוריק אַלס זיגער. דעמאָלס האָט אַלעם געשטראַלט אַף די אַנדן. היינט איז אַלעם פּוסט און טרויעריק.

די ידיעה אַז סאַן מאַרטין געפינט זיך אָפן וועג קיין מענדאָסאַ האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט דאָרט. און דער יונגער אָפיציר מאַנועל אָלאַסאַבאַל וועלכער

אין אין 1813 געווען קאַדעט אינעם גראַנאַדירן רעגימענט און האָט איצט געוואוינט אין מענדאָסאַ איז אַנטקעגנגעפּאָרן זיין געוועזענעם שעף.

סאַן מאַרטין האָט געריטן אַפן אייזל לאַנגזאַם. זיין קערפּער איז געווען איינגעבויגן און אַרומגעהילט מיט אַ טשילענער פּאָנטשאָ. אַלאַסאַבאַל האָט געזען פון וויטן די דערנענטערונג פון סאַן מאַרטין, איז ער צוגעלאָפן צו אים און אַרומגענומען באַם גאַרטל. סאַן מאַרטין אַ גערירטער האָט געלייגט זיין האַנט אַפן קאָפּ פון יונגן אָפיציר און קוים געזאָגט דאָס וואָרט „זון". מער האָט ער נישט געקאָנט דורך טיפער עמאָציע. סאַן מאַרטין האָט געהאַט אַלס באַגלייטונג איינציקע פּערזאָנען: אַ קאַפּיטאַן, צוויי אַסיסטענטן, צוויי דינערס, פיר פויערן און דריי טרעגערס מיטן באַגאַזש און לעבנס־מיטלען. די גרופּע האָט זיך געזעצט אָפּרוען און געטרונקען אַ מאַטע. דערנאָך איז פאַרגזעצט געוואָרן דער וועג. נאָך אַ טאָג רייטן האָבן זיי איבערגענעכטיקט אונטערוועגס און דערנאָך באַטאָג אָפּגעשטעלט זיך אין דער עסטאַנציאַ פון כואַן פראַנציסקאָ דעלגאַדאָ. דאָרט האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שליח, געשיקט פון אָהיגינסן מיט קאָרעספּאָנדענץ וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון לימאַ. אין איינעם פון די בריוו האָט דער גענעראַל ד ו ד ע ס י נ ד א א ל ו א ר א ד א געמאָלדן סאַן מאַרטינען דעם קריגס־פּלאַן וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט פאַר קריגס־אָפּעראַציעס באַם ברעג. אין אַ צווייטן בריוו האָט ריוואַ אַגוועראָ געבעטן אים ער זאָל זיך אומקערן קיין פּערו אָנצופירן ווייטער דעם קריגס־קאַמפּיין. דאָס איז געווען דער זעלבער ריוועראַ אַגועראָ וואָס האָט אָנגעפירט די רעוואָלוציע אין לימאַ קעגן סאַן מאַרטינס פאַרשטייער מאָנטעאַגודאָ און געבראַכט צו זיין דעפּאַרטאַציע. איצט באַם צוגרייטן אַ נייעם קאַמפּיין אין פּערו האָט מען זיך אַרומגעזען אַז ס'וואָלט נויטיק געווען אַז סאַן מאַרטין זאָל אים אָנפירן.

איבערלייענענדיק דעם ערשטן בריוו האָט סאַן מאַרטין זיך אויסגעדריקט צו אַלאַסאַבאַלן: „ווען אַלוואַראַדאָ וואָלט דורכגעפירט דעם קאַמפּיין לויט דעם פּלאַן וואָס איך האָב אים געלאָזט וואָל ער זיכער געזיגט. אַנדערש אָבער וועט עס זיין שלעכט". און לייענענדיק דעם צווייטן בריוו, פון ריוואַ אַגועראָ האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אינטריגאַנט!"

דריי טעג אין סאַן מאַרטין געבליבן אין דער עסטאַנציאַ און זיך גוט אויסגערוט. דערנאָך האָט די גרופּע פאַרגעזעצט די רייזע. דעם 2־טן פעברואַר האָט סאַן מאַרטין מיט זיינע באַגלייטער גענעכטיקט אין לאַ עסטאַקאַדאַ און צולעצט געקומען קיין מענדאָסאַ. דאָ האָט ער זיך איינגעאָרדנט אינעם הויז פון זיין גוטער פריינדין כאָסעפאַ רויז דע הוידאַבראָ, וועלכע האָט אים אויפגענומען מיט פרייד.

ס'זיינען געקומען אַ סך מענדאָסער איינוואוינער צו באַגריסן סאַן מאַרטינען. ער האָט פאַנאַנדערגענומען דאָס געפּעק און זיך איינגעאָרדנט אַלעס אין זיין צימער. אין צוויי טעג שפּעטער האָט ער באַקומען די ידיעה אַז אָהיגינס איז

באַזייטיקט געוואָרן פון דער מלוכה. מען האָט אים אַרעסטירט, באַפרייט און געצוואונגען צו אַבדיקירן. מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט ער באַקומען אַ מעלדונג פון זיין פריינט אָהיגינס אַז ס'איז ארויסגעשיקט געוואָרן אַ מיליטער אָפּטיילונג צו פאַרפאָלגן אים, סאַן מאַרטינען, און אים אַרעסטירן, און איצט באַקומט ער די ידיעה פונעם פאַלן פון זיין פריינט. ער האָט אַף שנעל געשריבן אַ טרייסט־בריוו זיין וואפן־חבר, זאָגנדיק דאָרט צווישן אַנדערס: „מיליאָנען און מיליאָנען מזל־טובס אייך צו דער באַזייטיקונג פון דער מאַכט. איצט וועט איר קאָנען געניסן רו, און עס וועט פאַרשפּאָרט ווערן כסדרדיקע עגמת־נפשן. געניסט איצט פון דער רו און זייט צופרידן מיט דעם וואָס איר ווייסט, אַז איר האָט געאַרבעט פאַרן וואויל פונעם פאָטערלאַנד.”

פון מענדאָסאַ איז סאַן מאַרטין אַריבער אַף זיין טשאַקרע „לאָס באַרריאַלעס” און דאָ אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. די טשאַקרע האָט זיך געפונען פינף לעגוועס פון מענדאָסאַ, און ער האָט באַקומען דאָ אָפט באַזוכן פון אַרומיקע שכנים און אויך פון מענדאָסינער.

ער האָט געדענקט זיך אָפּצוגעבן אין גאַנצן דער לאַנד־ווירטשאַפט, ווי וועלכער ס'איז פּריוואַטער בירגער, אָבער דאָס איז אים נישט באַשערט געווען. ער האָט באַקומען ידיעות וועגן באָליוואַרס מיליטערישע אַקציעס און וועגן דער באַוועגונג אין לימאַ אַז סאַן מאַרטין זאָל צוריקקומען. ער האָט אויך באַקומען ווידעראַמאָל בריוו פון ריוואַ אַגועראָ, אַז ער זאָל פאַרגעסן דאָס געשעענע און זיך אומקערן קיין פּערו, ווייל דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין אים. דאָס אַלעס האָט אים אויפגערעגט. ס'זיינען צו אים געקומען אויך שריפטלעכע ביטעס פון מיליטער־שעפן זיך אומצוקערן, אָנגעבנדיק אַז ער, דער „גרינדער פון דער פרייהייט”, מוז קומען צו העלפן ראַטעווען דאָס לאַנד, וואָס האַלט אין אַריינ־פאַלן אין אַנאַרכיע. סאַן מאַרטין ענטפערט אָבער, אַז ער וועט זיך נישט אומקערן, אַז זיין צוריקציען זיך איז אומווידעררופלעך, עס טוט אים ווי דאָס אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן לאַנד, אָבער ער וועט זיין שווערד נישט טונקען אין בלוט פונעם בירגער־קריג.

פון בוענאָס אייערס האָט ער באַקומען ידיעות אַז עס גייט אָן אַ שטאַרקע העצע קעגן אים. גובערנאַטאָר פון פּראָווינץ בוענאָס אייערס איז דעמאָלסט געווען מאַרטין ראָדריגעז און אינערן־ און אויסערן־מיניסטער בערנאַדינאָ ריוואַ־דאַוויאַ. דער לעצטער איז געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון סאַן מאַרטינען און אַזוי ווי ער איז געווען דער פּאַקטישער דעה־זאָגער אין דער רעגירונג האָט די פּרעסע פון בוענאָס אייערס אים געדינט און אָנגעגאַנגען מיט אַ שטאַרקן העצע־קאַמפּיין קעגן סאַן מאַרטינען. באַזונדערס שאַרף זיינען אַרויסגעטראָטן די צייטונגען „על סענטינעלאַ” און „אַרגאָס”.

אַף צו קאָנען געניסן פון אמתער רו האָט סאַן מאַרטין באַשלאָסן אוועק־

צופאָרן קיין אייראָפּע, און פּארשטייענדיק אַז ריוואַדאַוויאַ וועט אים נישט געבן קיין דערלויבעניש ארויסצופאָרן, האָט ער זיך דעם 10־טן אויגוסט 1823 געווענדט צו דער פּערואַנער רעגירונג מיט דער ביטע אים צוצושטעלן אַ דערלויבעניש אַוועקצופאָרן. גראָד דעמאָלסט האָט ער באַקומען אַ ידיעה אַז רעמעדיאָס געפינט זיך געפערלעך קראַנק. דער אַדמיראַל בלאַנקאָ ענקאַלאַדאַ האָט אים געשריבן אַז ער איז געווען אין הויז פון עסקאַלאַדאַ אַ פּאָר מאָל און נישט געקאָנט זען רעמעדיאָס עסקאַלאַדאַ, ווייל זי איז שווער קראַנק און ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג זי צו ראַטעווען. סאַן מאַרטין האָט געוואָלט פאָרן זען זיין יונגע פרוי, אָבער ער האָט מורא געהאַט אַז ריוואַדאַוויאַ וועט אים לאָזן אַרעסטירן.

דעם 3טן אויגוסט 1823 איז מאַריאַ רעמעדיאָס עסקאַלאַדאַ, די יונגע פרוי סאַן מאַרטינס געשטאָרבן. איר פאָטער איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר פריער, אַזוי אַז די קליינע יתומה, סאַן מאַרטינס איינציקע קינד, איז געבליבן בײַ דער באָבע, דאָניאַ טאָמאַסאַ דע לאַ קינטאַנאַ. רעמעדיאָס איז נישט אַלט געווען קיין פולע 26 יאָר, ווען זי איז געשטאָרבן. זי האָט זיך געזען צום לעצטן מאָל מיט איר מאַן, סאַן מאַרטין, אין מערץ 1819 אין מענדאָסאַ, און ער האָט זי אייליק אַהיימגעשיקט, ווייל זי איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק. אויף איר מצבה האָט סאַן מאַרטין געלאָזט אויפשרייבן די ווערטער: „דאָ רוט רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ, די פרוי און פריינדין פון גענעראַל סאַן מאַרטין".

דער דאַטום פונעם טויט פון רעמעדיאָס ווערט אָנגעגעבן פאַרשידן. ריקאַרדאָ ראָכאַס גיט אָן דעם דאַטום פון 12־טן אויגוסט, נאָר קאַרלאָס איבאַרגורען און אַנדערע גיבן אָן דעם 3־טן אויגוסט. זי איז געשטאָרבן עלנט. זיית פיר יאָר האָט זי געלעבט אַליין, ווייל איר מאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער באַפרייאונגס אַקציע. און פּונקט ווי זי איז געשטאָרבן עלנט, אַזוי איז סאַן מאַרטין געבליבן לעבן עלנט.

די טרויעריקע ידיעה פונעם טויט פון רעמעדיאָס, כאָטש ער האָט זי דערוואַרט, האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף סאַן מאַרטינען. איצט איז ער געבליבן אינגאַנצן אַליין. נישטאָ מער וואָס צו טון דאָ, אין דער סביבה פון אומויפהערלעכע אומרוען און פאַרלוימדונגען. מען מוז איצט אַוועק. ער האָט באַקומען מיטגעפיל־אויסדרוקן פון אַלע זייטן: פון לימאַ, סאַנטיאַגאָ און בוענאָס איירעס. פון מענדאָסאַ איז מען געקומען פערזענלעך אים אויסדריקן מיטגעפיל, ווייל ווער האָט דאָ נישט געקאָנט די יונגע, דינאַמישע רעמעדיאָס? מען האָט אים געראַטן, אַז ער זאָל אַרויסנעמען דאָס קינד קיין מענדאָסאַ און ער זאָל פאָרן קיין פערו און פון דאָרט אַוועקפאָרן. ער האָט אָבער באַשלאָסן אונטערצונעמען די רייזע קיין אייראָפּע דורך בוענאָס איירעס.

סאַן מאַרטין פאַרלאָזט אַרגענטינע

נאָכן טויט פון רעמעדיאס האָט סאַן מאַרטין זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין. אין אָקטאָבער 1823 האָט דער קאַפּיטאַן מאַנועל געוואַרא, וואָס איז געקומען פון בוענאָס איירעס, באַזוכט סאַן מאַרטינען און אים איבערגעגעבן אַ בריוו פונעם סאַנטאַ פּעער גובערנאַטאָר, עסטאַניסלאַאָ לאָפּעז. דער בריוו איז אים איבערגעגעבן געוואָרן בא דער האַלטשטעלע (פּאָסטאַ) לאַ קאַנדעלאַריאַ. דאָרט האָט זיך געזאָגט:

„איך ווייס גאַנץ פּאָזיטיוו, דורך מיינע אַגענטן אין בוענאָס איירעס, אַז באַם קומען פון אייער עקסעלענץ אין יענער הויפּטשטאָט, וועט איר גע־שטעלט ווערן דורך יענער רעגירונג פאַר אַ קריגס־ראַט פון אָפיצירן און גע־נעראַלן אונטער דער באַשולדיקונג פון אומגעהאָרכזאַמקייט אין 1817 און 1820, אַלס באַלוינונג פאַר די רומפולע קאַמפּיינען פון טשילע און פּערו.

„אַף אויסצומיידן דעם אומאָנגענעמען סקאַנדאַל און אַלס אויסדרוק פונעם (סאַנטאַ פּעער) פאָלק, וואָס איך רעגיר, פּאַרן אָפּזאָגן זיך פון אייער עקסעלענץ אַזוי פּאַטריאָטיש אין 1820 צו קומען פאַרגיסן ברידער־בלוט מיט אייער אַנדן־מיליטער פון דער פּראָווינץ קוזשאָ, האָב איך דעם כבוד צו פאַרזיכערן אייער עקסעלענץ, אַז אַף דער ערשטער מעלדונג וועל איך זיין מיט דער פּראָווינץ אין על דעסמאָטשאַדאַ אַף צו פירן אייך אין טריומף ביז דער פּלאַסאַ וויק־טאָריאַ.

„אויב אייער עקסעלענץ וועט עס אָננעמען, וועט עס מיר זיין לייכט צו פירן אייך אין פולער זיכערקייט איבער ענטרע ריאָס ביז מאָנטעווידעאָ”.

סאַן מאַרטין איז אין ערשטן מאָמענט געבליבן ערנסט באַזאָרגט פון דאָזיקן בריוו.

עסטאַניסלאַאָ לאָפּעז, דער גובערנאַטאָר פון סאַנטאַ פּעּ, האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט קעגן דער רעגירונג פון בוענאָס איירעס. אין יולי 1818, האָט ער אַלס קאַודיזשאָ פון סאַנטאַ פּע, דורכגעפירט אַ שטאַטסקלאַפּ און פאַרכאַפּט די מאַכט אין זיין פּראָווינץ און געפירט אַ פיינטלעכע פּאָליטיק קעגן בוענאָס איירעס. אין איינעם אַ מאָמענט האָט דער סאַנטאַ פּעער גובערנאַטאָר אַרויסגעלאָזט אַ פּראָ־קלאַמע צו דער באַפעלקערונג (אין אָקטאָבער 1819) רופנדיק צו מלחמה קעגן דער הויפּטשטאָט. אַ צווייטער קאַודיזשאָ, פראַנציסקאָ ראַמירעז, האָט דאָס זעל־בע געטון אין פּראָווינץ ענטרע ריאָס. דער גענעראַל ראָנדאָ האָט געמאַכט אַ רוף צו בעלגראַנאָ און סאַן מאַרטין אונטערצוקומען מיט זייערע אַרמייען און העלפן ראַטעווען די לאַגע, און סאַן מאַרטין איז דאָס מאָל געבליבן אומגעהאָרכזאַם. ער האָט געזען, אַז עס וועט אויסקומען צו פירן אַ בלוטיקן בירגערקריג און האָט נישט געוואָלט איינטינקען זיין שווערד אין ברידער־בלוט. ער האָט אַלץ גע־האַלטן פאַר וויכטיקער די אַקציע קעגן פּערו איידער קעגן די קאַודיזשאָס.

לאַפּעז איז געבליבן דאנקבאר סאַן מארטינען פאר יענעם זשעסט. ער איז געבליבן ווייטער הערשער איבער זיין פּראָווינץ און שפּעטער מיטגעאַרבעט מיט ראָסאַסן.

ווען ער האָט געהערט, אַז סאַן מארטין וויל פאָרן קיין בוענאָס איירעס אַף אָפּצופאָרן קיין אייראָפּע, און ווייסנדיק די קעגנערשאַפט פון ריוואדאוויא — איצטיקער אינערן און אויסערן־מיניסטער — צום באפרייער, האָט לאָפּעז גע־וואָלט אָפּדינגען מיט עפּעס סאַן מארטינען.

אפן צווייטן טאָג איז געקומען קאָראָנעל מאנועל אַלאַסאַבאַל באזוכן סאַן מארטינען, און דער באפרייער האָט אים געגעבן דעם בריוו, זאָגנדיק: „נאָט, לייענט". און ווען אַלאַסאַבאַל האָט געענדיקט, האָט ער אויסגעדריקט שטוינען. סאַן מארטין אָבער האָט געזאָגט:

— איך קאָן נישט גלויבן, אַז ס'זאָל אַזעלכעס פּאָרקומען. איך וועל פאָרן, אָבער גאַנץ אַליין, ווי איך האָב געקרייצט דעם פּאַסיפיק און ווי איך בין צווישן מיינע מענדאָסינער. אָבער אויב ס'זאָל קומען צו אַזאַ פּאַטאַליטעט, וועל איך געבן אלס ענטפער מיין שווערד, די פרייהייט פון אַ וועלט, דעם סטאַנדארט פון פּיסאַררא און די פאָנען פונעם שונא, וואָס הענגען איבער דער קאַטעדראַל, דעראָבערטע מיט יענע וואָפן, וואָס האָבן נישט געוואָלט פארבן זיך אין אַר־גענטינער בלוט. ניין! בוענאָס איירעס איז די וויג פון פרייהייט. דאָס פאָלק פון בוענאָס איירעס וועט האנדלען מיט גערעכטיקייט.

דעם 20טן נאָוועמבער 1823, האָט סאַן מארטין פארלאָזט זיין ליב גע־וועזענע מענדאָסאַ, יענע שטאָט, וואָס האָט אמאָל אים געגעבן אזוי פיל גליק און געבליבן איצט גלייכגילטיק צו אים. ער האָט זיך געלאָזט אפן וועג צו בוענאָס איירעס מיטן געדאנק אָפּצופאָרן קיין אייראָפּע אַף מינדסטנס צוויי יאָר. ער וואָלט מעגלעך אויסגעמיטן בוענאָס איירעס, אָבער ער האָט געוואָלט מיט־נעמען זיין קינד, זיין זיבן־יעריקע יתומה, און זיין צו איר אַ פּאָטער און דער־ציער.

נאָך אַ לאנגן שלעפּן זיך איבער די פּוסטע וועגן פון די פארשידענע פּראָ־ווינצן, איז סאַן מארטין געקומען, דעם 14־טן דעצעמבער 1823, קיין בוענאָס איירעס און זיך איינגעאָרדנט אין הויז פון זיין שוויגער, די אַלמנה קינטאַנאַ דע עסקאַלאַדאַ.

גאַנץ אנדערש ווי לאָפּעז האָט אים געוואָלט איינריידן, איז סאַן מארטין אויפגענומען געוואָרן אין בוענאָס איירעס. ס'איז נישט געווען קיין סימן פון עפנטלעכער שנאה אָדער פארפאָלגונג. די צייטונג „ארגאָס", פון בוענאָס איי־רעס, האָט דעם 11טן דעצעמבער געשריבן: „מיר האָבן דאָס פארגעניגן צו מעלדן דאָס קומען פון גענעראַל כאָסע דע סאַן מארטין. ער איז געקומען דעם 4טן דעם חודש. אָן צו פאראַטן די פּאַטריאָטישע פליכטן, איז נישטאָ עמעץ וואָס זאָל בלייבן גלייכגילטיק צו דער אָנוועזנהייט פונעם העלד, וואָס האָט גע־

קרוינט דאָס לאַנד מיט אַזויפיל זיגן און לאָרבערס. זיין נשמה, אַ סך גרעסער ווי זיין פאַרמעגן, האָט געמאַכט פאַרגעסן זיין אייגענע פּערזאָן אַף צו דינען אונדזוערער. ס׳איז אָן שום ספק, אַז אונדזערע איידעלע מיטבירגער וועלן אים אַרויסווייזן דאַנקבאַרקייט, ווי עס קומט אים״.

די „אַרגאָס״, וואָס איז געווען צו סאַן מאַרטינען פריער אַזוי פיינטלעך, האָט אים איצט אויסגעדריקט אַנערקענונג און געגעבן אַ ווארעמען ברוך הבא און דאָס האָט אביסל דערמוטיקט דעם גרויסן קעמפער פאַר פרייהייט. די רע־גירונג, דאַקעגן, האָט זיך געהאַלטן גלייכגילטיק. נאָר ווען ער האָט געבעטן אַ פּאַספּאָרט, האָט מען אים געגעבן אָן שום שוועריקייט. סאַן מאַרטין איז באַזוכט געוואָרן פון אייניקע פריינט און געוועזענע וואפן־חברים און אָפיצירן, וואָס האָבן מיטגעמאַכט די קאַמפּיינען אונטער זיין קאָמאַנדע. צווישן די וואָס זיי־נען געקומען אים באַזוכן, האָט זיך אויך געפונען קאָראָנעל כואַן לאַוואַזשע, שפּעטערדיקער קעמפער קעגן ראָסאַס. דער זעלבער לאַוואַזשע האָט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַ שמועס מיט גענעראַל ענריקע מאַרטינעז, שטאַרק חוזק געמאַכט פון זיין געוועזענעם שעף: „וואָס וועט איר עפּעס זאָגן צום עקס קעניג באָסע?״ און ער האָט אָנגערעדט אַף סאַן מאַרטינען, אַז ער פירט אַ גרויס פאַרמעגן קיין ענגלאַנד, און אַז דאָס מיטנעמען דאָס קינד איז בלויז אַן אויסרייד.

סאַן מאַרטין האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אריין. ער האָט געהאַט שווער צו קעמפן מיט זיין שוויגער, צו געבן אים זיין טעכטערל. די אלמנה, וואָס האָט געהאַט בא זיך דאָס קינד עטלעכע יאָר, האָט נישט געוואָלט, אַז כ׳זאָל צוגענומען ווערן בא איר דאָס אייניקל; אָבער עס האָט איר נישט גע־האָלפן. סאַן מאַרטין האָט געהאַט פאַר זיך אַ פּלאַן צו פאָרן מיטן קינד קיין אייראָפּע אַף צוויי יאָר, אז מערסעדעס זאָל באַקומען אַ דערציונג אין פראַנק־רייך. דערנאָך, אויב ס׳וועט זיין אין שטיל אין די פאַראייניקטע פּראָווינצן (אַרגענ־טינע) זאָל ער זיך אומקערן און זיך באַזעצן אַף זיין ערד אין מענדאָסאַ. אויב נישט, זאָל ער בלייבן אין אייראָפּע די גאַנצע צייט, וואָס ס׳וועט אים געצאָלט ווערן די פּענסיע פון פּערו, צו קאָנען זיך אויסהאַלטן. אין קעגנטייל, איז ווי אומרואיק ס׳זאָל זיין אין זיין פאָטערלאַנד, וועט ער זיך זען געצוואונגען אומצור־קערן אהער. אַזוי האָט ער איבערגעגעבן זיינע פריינט.

איינע פון זיינע לעצטע אַרבעטן אין בוענאָס איירעס, איז געווען דאָס לאָזן אויסבויען אַן אוהל אַפן בית־עולם פון רעקאָלעטאַ פאַר די רעשטן פון רע־מעדיאָס, און אַף דער מצבה פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי געלאָזט אויסקריצן די פּאָר ווערטער, וואָס זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן:

דאָ רוט רעמעדיאָס עסקאַלאַדאַ

פרוי און פריינדין פון גענעראַל סאַן מאַרטין.

אָך, ווי נויטיק ער וואָלט איצט געדאַרפט האָבן זיין רעמעדיאָס, די יונגע פרוי, וואָס האָט אים אַזוי פאַרגעטערט און אַזויפיל געליטן פון איינזאַמקייט אין

דער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט די באַפרייונגס־אַקציעס אין טשילע און פּערו. דער גרויסער העלד האָט ערשט איצט דערפילט, ווי טרויעריק און שווער ס׳איז דאָס לעבן אין איינזאַמקייט. נאָך אַ גרויס גליק, וואָס רעמע־דיאָס האָט אים געשאָנקען אַ קינד, מערסעדעס. און זי איז אים געבליבן אַ טרייע באַגלייטערין דאָס גאַנצע לעבן.

דעם 10טן פעברואַר 1824, האָט סאַן מאַרטין זיך פאַרשיפט אַף דער פראַנצויזישער שיף „לע באַיאָנאַי" האָבנדיק אַלס באַגלייטונג זיין קינד. פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ער איבערגעלאָזט פאַר קאָראָנעל בראַנדסען, אַ פראַנצויז פון געבורט, אַ בריוו. ער האָט זיך געזעגנט מיט אים און געזאָגט: „אין אַ שעה אַרום פאָר איך אָפּ קיין אייראָפּע מיטן ציל צו באַגלייטן מיין טאָכטער, אַף אריינצוגעבן זי אין אַ שול, און וועל מיך אומקערן צו אונדזער פאָטערלאַנד סוף יאָר, אָדער פריער, אויב די הערשער פון אייראָפּע וועלן פּרוּוון קאָמאַנדירן אונדזער גורל". ער האָט אויך געהאַט נאָך אַ לעצטן שמועס מיט זיין אַלטן פריינט גאַיאָ גאָמעז איבערגעבנדיק אים זיינע אינטערעסן אין בוענאָס איירעס, און מיט ווייסענטע לאָפּעז ארומגערעדט אין אַ לאַנגן שמועס די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד.

אָפּגעפאָרן איז ער אין דערמאָנטן טאָג (10טן פעברואַר) מיט דער האָפענונג צוריקצוקומען גאָר אינגיכן, אָבער ער האָט שוין מער קיינמאָל נישט באַטרעטן די ערד פון זיין געבורטלאַנד.

סאַן מאַרטינס אויפהאַלט אין אייראָפּע

די שיף „לאַ באַיאָנאַי", מיט וועלכער ס׳זיינען געפאָרן סאַן מאַרטין און זיין טעכטערל, האָט געוואָגלט איבערן אַטלאַנטיק וואָכנלאַנג און געקומען קיין האַווער דעם 23־טן אַפּריל 1824.

אייראָפּע האָט זיך געפונען שטאַרק צעטרייסלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע רעאַקציע אין שפּאַניע דורך פערנאַנדאָ דעם 7טן קעגן דער ליבעראַלער באַוועגונג. די פראַנצויזן זיינען געווען פאַרנומען מיט העלפן דערשטיקן די שפּאַנישע רעוואָלוציע פון 1808, וואָס האָט געהאַט געבראַכט די ליבעראַלע קאָנ־סטיטוציע פון 1812. פאַרשטייט זיך, אַז באַ אַזאַ צושטאַנד האָט מען גוט אונ־טערזוכט דאָס קומען פון פּאַסאַזשירן אין אַ שפּאַנישן און פראַנצויזישן פּאָרט, און דאָ קומט — נישט מער און נישט ווייניקער — נאָר סאַן מאַרטין, דער באַפרייער פון טשילע און פּערו. באַם פונאַנדערנעמען זיין באַגאַזש, האָט מען געפונען צייטונגען פון בוענאָס איירעס, טשילע און לימאַ, אין וועלכע ס׳זיינען געווען ידיעות וועגן דער באַפרייונגס־באַוועגונג. דאָס איז באַלד געמאָלדן גע־וואָרן דער פּאָליציי און ס׳איז געשיקט געוואָרן אַ ראַפּאָרט דער רעגירונג. דער

אינערן־מיניסטער האָט דערויף תיכּף פאַראָרדנט, אַז סאַן מאַרטין זאָל באַלד אויפגעזעצט ווערן אַף אַ שיף, וואָס זאָל אים אָפּפירן קיין ענגלאַנד „מיטן אויס־דריקלעכן פאַרבאָט צו לאָזן אים לאַנדן אין וועלכן ס'איז פראַנצויזישן פּאָרט". אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג פאַר דער רעגירונג פון פּאַריז. דער אויסערן־מיניסטער האָט געמאָלדן קיין מאַדריד און לאָנדאָן, אַז ס'איז געקומען דער שעה פון אַמעריקאַנער אויפשטאַנד און ער קומט גאַנץ מעגלעך זיך אָפּ־צוגעבן מיט נייע פּאָליטישע אינטריגעס".

געקומען איז ער קיין אייראָפּע מיט דער האָפענונג צו געפינען רו, איינ־זאַמקייט און פאַרגעסונג, און אָט האָט ער אָנגעטראָפן ווידעראַמאָל אַף אומ־צוטרוי, פיינטלעכקייט און פאַרפאָלגונג.

עס האָט זיך געשאַפן בא סאַן מאַרטינען אַ געדאַנק, אַז דער אַרגענטינער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער אין פּאַריז פירט אַן אינטריגע קעגן אים, און ער האָט אין אַ בריוו צו וויסענטע שילאַוועל זיך געקלאָגט דאַרויף.

אין האַווער איז סאַן מאַרטין געווען צוועלף טעג און דעם 5טן מאַי זיך פאַרשיפט קיין סוטהאַמפּטאָן. אין ענגלאַנד איז ער אויפגענומען געוואָרן גאַנץ גאַסטפריינטלעך. זיין אַמאָליקער פריינט, לאָרד פייף, האָט אים געהאָלפן זיך איינאָרדענען.

ער האָט באַקומען בריוו פון זיין פריינט גידאָ פון פּערו און ציישונגען און בריוו פון בוענאָס איירעס, און האָט פון זיי געזען, אַז עס ווערט געפירט קעגן אים אַ שווערער העצ־קאַמפּיין אין אַרגענטינע. אין לימאַ איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז סאַן מאַרטין גרייט זיך באַלד צוריקצוקומען קיין פּערו און פאַרפירן אַ מלחמה קעגן באָליוואַרן. פון מענדאָסאַ האָט ער באַקומען אַ בריוו פון סאַלוואַדאָר איגלעסיאַס, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „דאָ ווייסט מען, אַז איר האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ לאָרד פון ענגלאַנד. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז אַ מיידל פון דער באָרבאָן־פאַמיליע, און אין דעם איז מען דאָ אַזוי זיכער, אַז עס ווערט אפילו אָנגעגעבן דער נאָמען פונעם ענגלענדער, וואָס האָט געבראַכט די ידיעה".

אין אמתן איז דער באַפרייער געבליבן אַן אַלמן ביזן טויט און זיין גאַנצער אינטערעס אין לעבן איז געווען זיין טאָכטער.

וועגן זיין עקאָנאָמישער לאַגע אין ענגלאַנד האָט סאַן מאַרטין געשריבן זיין וואָפן־חבר, אָ'היגינס, וועלכער האָט זיך געפונען אין גלות, אין פּערו, דאַטירט 1827:

„איך וויל אייך איבערגעבן מיין לאַגע; זי איז גענוג טרויעריק: ווען איך בין געקומען קיין אייראָפּע, האָב איך פאַרטאָן נישט בלויז די 15.000 פּעזעס, וואָס זיינען מיר צוגעשיקט געוואָרן אַפן חשבון פון דער פּענסיע פון פּערו, נאָר אויך 6.000 פּעזעס פון מיין געלט אין קויפן פּערואַנער לייַ־באָנאָס, רעכענענדיק, אַז פון די פּראָצענטער פון דאָזיקן געלט און מיט דער הכנסה פון מיין דירה אין

בוענאָס איירעס, זאָל איך קאָנען אָנגיין מיט דער דערציונג פון מיין טאָכטער. פּערו איז אָבער געוואָרן באַנקראָט און אָפּגעשטעלט דאָס אויסצאָלן די דיווי־דענדן, און די הכנסה פון מיין דירה אין בוענאָס איירעס איז אַ נישטיקע, ווייל דאָס פּאַפּיר־געלט פון אַרגענטינע איז אַזוי געפאַלן, אַז אַנשטאָט 50 פּענעס, ווי עס איז געווען פריער די פּעזע, ווערט דאָ געצאָלט איצט 16 פּענעס. און אויף צו לעבן אין צוריקגעצויגנקייט, האָב איך געמוזט פאַרקויפן צו אַ נישטיקן פּרייז די הלוואה־באָנאָס, וואָס איך האָב געהאַט (איר ווערט פון 21.000 פּעזעס). עס בלייבט מיר בלויז די פּענסיע פון 9.000 פּעזעס יערלעך פון דער פּערואַנער רעגירונג, וואָס דער קאָנגרעס האָט געהאַט באַשטימט, אָבער פון דער בייגעלייג־טער קאָפּיע, וועט איר זען, אַז מען איז מיר ביז איצט שולדיק געבליבן 33.000 פּעזעס און איך דענק נישט זיי אויפצומאָנען קענענדיק די לאַגע דאָרט".

אין דאָזיקן בריוו האָט סאַן מאַרטין געבעטן באַ אָ'היגינסן צו באַמיען זיך אין לימאַ, אַז ס'זאָל אים צוגעשיקט ווערן עפּעס געלט.

פון לאָנדאָן איז סאַן מאַרטין געפאָרן קיין בעלגיע. זיין גאַנצע זאָרג איז איצט געווען די דערציונג פון זיין קינד. די קליינע מערסעדעס איז געווען זייער קאַפּריזנע און שלעכט דערצויגן. זייענדיק אַ יתומה, און אויך פריער דורך דער קראַנקהייט פון רעמעדיאָס, האָט די באַבע אַלץ נאָכגעגעבן דעם קינד און זי איז דעריבער געוואַקסן ווילד. אין אַ בריוו צו אַלאַסאַבאַל, קלאָגט זיך סאַן מאַרטין, אַז „די קליינע איז פאַרשייט און אומגעהאָרכזאַם און איך האָב געמוזט אָננעמען שטרענגע מיטלען זי צו אויסבעסערן. בשעת דער רייזע אויף דער שיף האָב איך זי געמוזט האַלטן כמעט די גאַנצע צייט פאַרשפּאַרט אין דער קאַיוטע". שפּע־טער איז זי געווען אַ מוסטערהאַפטע טאָכטער.

אויף צו דערציִען מערסעדיטאַס האָט איר פאָטער אָנגעגעבן פאָלגנדיקע אָנ־ווייזונגען (מאַקסימאַס):

1) הומאַניזירן איר כאַראַקטער און מאַכן זי פיינפילִיק אפילו מיט די אומ־שעדלעכע אינזעקטן. שטערן האָט געזאָגט צו אַ פליג, עפענענדיק איר דאָס פענצטער, אַז זי זאָל אַוועק: „גיי, אָרעם חיהלע, די וועלט איז גענוג גרויס פאַר אונדז ביידע; 2) אינספּירירן זי ליב צו האָבן דעם אמת און האַסן דעם ליגנט; 3) אינספּירירן אין איר אַ גרויסן צוטרוי און פריינטשאַפט, אָבער פאַר־אייניקט מיט רעספּעקט; 4) סטימולירן אין מערסעדעס רחמנות־געפיל צו די אָרעמע; 5) רעספּעקטירן פרעמדע אייגנטום; 6) צוגעוואוינען צו האַלטן אַ סוד; 7) אינספּירירן אין איר טאָלעראַנץ צו אַלע רעליגיעס; 8) גוטמוטיקייט מיט דער דינערשאַפט, אָרעמע און אַלטע; 9) זי זאָל ריידן ווייניק און דאָס נויטיקע; 10 געוואוינען זי צו זיין אַנשטענדיק באַם טיש; 11) ליבע צו ריינקייט און פאַראַכטן לוקסוס.

סאַן מאַרטין האָט שפּעטער מודה געווען, אַז „פאַר דער געבורט פון מיין טאָכטער, מערסעדעס, האָב איך געווינטשן, אַז ס'זאָל געבוירן ווערן אַ

אינגל. ווען דאָס איז נישט געשען, האָב איך געוואונטשן, אַז זי זאָל אין איינעם אַ טאָג חתונה האָבן מיט אַן אמעריקאַנער, אַ פּאַרמעגלעכער, און אויב מעגלעך, אַ זון פון אַ מיליטאַר, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד".

זיין וואונטש איז מיט יאָרן שפּעטער מקוים געוואָרן. זי האָט אין דעצעמבער 1832 חתונה געהאַט מיט מאַריאַנאָ באַלקאַרסע, אַ זון פון גענעראַל אַנטאָניאָ באַלקאַרסע, וואָס האָט מיטגעמאַכט די מיליטערישע קאַמפּיינען מיט סאַן מאַרטינען אין דער באַפרייאונגס-אַקציע.

וועגן דעם גאַנג פון דער דערציונג פון זיין מערסעדעס האָט סאַן מאַרטין געהאַט זיך אויסגעדריקט: „די דערציונג פון מיין מערסעדעס, אונטער מיין אויפזיכט, האָט נישט געהאַט אַלס ציל צו מאַכן פון איר, ווי מען רופט עס, אַ גראַן דאַמע, נאָר צו שאַפן פון איר אַ צערטלעכע מוטער און גוטע פרוי". און זי איז אויך אַזוי אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ ווירדיקע טאָכטער פון איר גרויסן פאָטער.

פון לאָנדאָן איז סאַן מאַרטין געפאָרן מיט זיין טאָכטער קיין בריסל. דאָ איז אַלץ געווען ביליקער און ער האָט געקענט לייכט אויסקומען מיט דער הכנסה. ער האָט פון זיין הויז אין בוענאָס איירעס באַקומען 5.000 פּעזעס, און אין בריסל האָט אים די דירה געקאָסט 1.000 פראַנק יערלעך. זיין וואוינונג איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, גוט אויסמעבלירט און די דירה האָט געהאַט אַ גרויסן גאָרטן. ער האָט זיך דעמאָלט געפילט אַזוי גוט, אַז ער האָט אין אַ בריוו צו גידאָ געשריבן, אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. דאָס גליק האָט זיך אָבער גיך געענדיקט, ווייל דורך דער מלחמה פון אַרגענטינע מיט בראַזיל איז שטאַרק געפאַלן דער ווערט פון דער אַרגענטינער פּעזע.

אין דער צייט וואָס ער האָט זיך געפונען אין בריסל, האָט ער געפירט זייער אַן אָפּגעזונדערט לעבן. דאָך פלעגט ער פון צייט צו צייט גיין צו אַ קאָנצערט. אין איינעם אַ נאָכמיטיק (אין 1827) האָט ער געטראָפן די שיינע ליידי קאָקריין, די פרוי פון זיין שונא און ער האָט זי באַצייכנט אַלס „זייער אַפּעטיטלעך" און אַביסל דיקער ווי ער האָט זי געזען באַם פּאַסיפיק.

דער מאַנגל אין געלט האָט אים אָפט געדריקט. ער האָט געשריבן זיין פּאַרוואַלטער אין מענדאָסאַ, פּעדראָ אַדווינקולאַ מאָיאַנאָ, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין הוצאות אויף דער טשאַקרע און אַז ער זאָל זי אויסהאַלטן אויפן חשבון פון די אייגענע פּראָדוקטן, און אויב דאָס וועט נישט גרייכן, וועט ער זי פאַרקויפן. ער האָט אָנגעפרעגט ווי אַזוי עס גייט מיטן גערעטעניש פון די וויינטרויבן און וואָס עס ברענגט אַריין די מיל.

פון זיינע ברידער און פון דער שוועסטער האָט סאַן מאַרטין נישט געהאַט קיין נחת. זיין ברודער כוסטאָ האָט גאַראַנטירט אין פּאַריז פאַר איינעם, מאַרקיז

דע וויניאַלאַ, אַ סומע פון 68.000 פראַנק און יענער איז געשטאָרבן, האָט מען כוסטאַן אַרעסטירט און סאַן מאַרטין-האָט געמוזט באַצאָלן דעם חוב אויף צו באַפרייען אים. זיין שוועסטער האָט געלעבט אין גרויס נויט אין שפּאַניע.

אין 1827 איז מערסעדעס קראַנק געוואָרן אַף מאָזלען און זי איז געווען אין אַ געפערלעכן צושטאַנד, וואָס האָט פאַרשאַפט איר פאָטער גרויס זאָרג, אָבער איר צושטאַנד האָט זיך באַלד געבעסערט. מערסעדעס האָט גערעדט פערפעקט ענגליש און פראַנצויזיש און זיך אַנטוויקלט צו אַ שיין און ליבע פריילין. די געסט וואָס זיינען געקומען באַזוכן סאַן מאַרטינען האָבן אים באַגריסט צו זיין דער פאָטער פון אַזאַ ליבלעכער און גוט-דערצויגענער טאָכטער. אויף איינעם אַ בריוו וואָס סאַן מאַרטין האָט געשריבן צו אָהיגינס, האָט מערסעדעס צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער: „מיין ליבער הער. אַזוי ווי איך וויים, אַז איר זענט דער בעסטער פריינט פון מיין טאַטיטאַ, וויל איך אייך בעטן מיר צו דערלויבן צוצושרייבן די דאָזיקע ווערטער, מיטן בלויזן צוועק צו באַגריסן אייך, ווי אויך אייער מוטער און שוועסטער, די וועלכע איך ווינטש מיר זייער זיי צו זען. איך בלייב צו אייער דינסט. — מערסעדעס". אָהיגינס, וואָס האָט זיך געפונען אין גלות, פונקט ווי סאַן מאַרטין, האָט געשריבן אַ וואַרעמען ענטפער זיין פריינטס טעכטערל.

די מלחמה מיט בראַזיל האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס בא סאַן מאַרטינען, און ווען נישט ריוואַדאַוויאַ וואָלט געווען דעמאָלט פרעזידענט, וואָלט ער געפאָרן זיך מיטבאַטייליקן אין איר. אין אַ בריוו צו גענעראַל מילער האָט ער געשריבן: „מיט אַזאַ מאַן ווי ער, ריוואַדאַוויאַ, אין דער שפּיץ פון דער מלוכה האָב איך נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אָנצובאָטן מיין דינסט אין דער איצטיקער מלחמה מיט בראַזיל, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז מען וואָלט זי אָפּגעוואָרפן". ווען ריוואַדאַוויאַ האָט דימיטירט, האָט סאַן מאַרטין געשריבן צו וויסענטע לאָפּעז אי פּלאַנעס: „אויב זיי (זיינע דינסטלייסטונגען) וועלן אָנגענומען ווערן, וועל איך מיך לאָזן באַלד אין וועג, אינעם גראַד וואָס די בוענאָס איירעסער רעגירונג וועט מיך באַשטימען".

סוף מאַי 1828 האָט סאַן מאַרטין זיך געפילט זייער שלעכט, ליידנדיק פון אַ שטאַרקן רעומאַטיזם. ער איז געלעגן פופצן טעג קראַנק אין ליעדזש און דעם 11טן יוני אָפּגעפאָרן קיין אייסלאָשאַפּעל (אַאַכען). דאָרט האָט זיך זיין צושטאַנד געבעסערט. ער האָט זייער געוואָלט פאָרן קיין בוענאָס איירעס ווען די מלחמה מיט בראַזיל וועט זיך ענדיקן און ער האָט געבעטן דעם גענעראַל מילער צו באַזאָרגן אים אין פאַלמוט אַ שיפסקאַרטע צו קענען פאָרן מיט אַן ענגלישער שיף. ער איז געקומען קיין לאָנדאָן אין אָקטאָבער און דעם 21טן נאָוועמבער 1828 האָט ער זיך פאַרשיפט אַף דער „קונטעס אָף טשיקעסטער", באַגלייט פון אַ דינער. אין דער פּאַסאַזשירן-ליסטע האָט ער זיך פאַרצייכנט אַף דער מוטערס פאַמיליע-נאָמען, כאָסע מאַטאַראַס. זיין טאָכטער האָט ער

איבערגעלאָזט אין אַן אינטערנאַט אונטער דער אַפּיטראָפּסות פון זיין ברודער כוסטאַ רופּינאַ, וועמען ער האָט אויסגעלייזט פונעם גאַראַנטיע־חוב.

געקומען ביז בוענאָס איירעס און זיך אומגעקערט

די רייזע פון סאַן מאַרטינען אין יאָר 1828 צוריק צו די לאַ פּלאַטאַ־ברעגן, איז געווען פון גרויס וויכטיקייט פאַר אים. ער האָט גערעכנט, אַז אַלעס האָט זיך באַרויִקט אין די פּאַרייניקטע פּראָווינצן און ער וועט קאָנען זיך איינאָרדע־נען אין מענדאָסאַ און פירן אַ רויִק לעבן. אין בוענאָס איירעס האָט ער געהאַט דאָס הויז, וואָס האָט געהערט צו זיין טאָכטער מערסעדעס, אַלס אַמאָליקע מתנה פון דער רעגירונג, און אין מענדאָסאַ האָט ער געהאַט די טשאַקרע. האָט ער געוואָלט זען, וואָס מען קאָן טון אויף צו שאַפן זיך אַ שטיקל היים, וואו ער זאָל קאָנען רויִק זיך אויסלעבן. ווען אָבער די שיף איז געקומען קיין ריאָ זשאַנעיראָ דעם 15טן יאַנואַר 1829, איז ער געוואָר געוואָרן, אַז דעם 1טן דעצעמבער (1828) איז פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס אַ רעוואָלוציע, די לעגאַלע רעגירונג איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בירגער־קריג און אַנאַרכיע.

ס'איז געווען דער אָנהויב פון קאַמף צווישן די פעדעראַלן און אוניטאַריער. אינעם פאַרטאָג פון 1־טן דעצעמבער האָט דאָס מיליטער פון גענעראַל לאַוואַזשע פאַרנומען די פּלאַסאַ וויקטאָריאַ (מאַזשאָ), און דער דעמאָלטדיקער גובערנאַטאָר גענעראַל דאָררעגאָ, זעענדיק די געפאַר, איז אַנטלאָפן פון דער פעסטונג (רעגי־רונגס־הויז) דורך אַ הינטער־טיר און זיך געלאָזט שנעל אַפּן וועג צו דרום פון בוענאָס איירעס, צו בעטן הילף בײַ ראָסאַסן, וועלכער האָט זיך געפונען מיט זיין מיליטער אין קאַניועלאַס. דעם 9טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען אַ בלוטי־קער צוזאַמענשטויס צווישן לאַוואַזשעס מיליטער און ראָסאַסעס נעבן נאַוואַראָ און לאַוואַזשע האָט געזיגט. דאָררעגאָ איז פון שלאַכטפעלד אַוועק צו בעטן הילף בײַ זיין אינטימען חבר קאָראָנעל אַנכעל פּאַטשעקאָ. מען האָט אים אָבער גע־כאַפּט און ער איז דעם 13טן דעצעמבער דערשאָסן געוואָרן.

געוואָר ווערנדיק פון די פאָרגעקומענע געשעענישן און וויסנדיק, אַז בײַ דער רעגירונגס־מאַכט אין בוענאָס איירעס געפינט זיך דער אוניטאַריער גענע־ראַל כואַן לאַוואַזשע, הינטער וועמען עס שטייט בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ, האָט סאַן מאַרטין באַשלאָסן נישט אַראָפּצוגיין פון דער שיף. זיך מישן אינעם ביר־גער־קריג האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געהאָפט און דערוואַרט צו באַ־קומען אַ רויִקן ווינקל.

אַ צייט פון דריטהאַלבן חדשים האָט די זעגל־שיף זיך געגליטשט איבערן אַטלאַנטיק, פירנדיק דעם מיסטעריעזן פּאַסאַזשיר כאָסע מאַטאָראַס, ביז זי

איז דעם 6טן פעברואַר 1829 געקומען אין די וואַסערן פון בוענאָס איירעס. די שיף האָט געבראַכט ענגלישע סחורות און געדאַרפט זיך אומקערן מיט אַ לאַדונג פעלן, פעטס, וואָל און אַנדערע אַרגענטינער פּראָדוקטן. עס האָט באַדאַרפט דויערן אַ היפּשע צייט דאָס אויפלאָדן און אָפּלאָדן און סאַן מאַרטין האָט נישט געוואָלט וואַרטן אַף דער שיף און נישט געוואָלט לאַנדן. ער האָט דעריבער אין זעלבן טאָג געשיקט אַ בריוו צום אינערן מיניסטער, בעטנדיק אַ נייעם פּאַספּאָרט אַף צו קענען פאָרן קיין מאָנטעווידעאָ. ער האָט אין זיין ווענדונג צום מיניסטער כאָסע מיגעל דיאַז וועלעז געשריבן, אַז נאָכן זיין אָפּוועזנד פינף יאָר צייט פונעם פאָטערלאַנד, קערט ער זיך אום „מיט דעם פעסטן פּלאַן צו פאַרענדיקן מיינע טעג צוריקגעצויגן אין פּריוואַטן לעבן". זעענדיק אָבער, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אַף אַזאַ אומרויקן צושטאַנד, און פאַרשטייענדיק אַז אַ באַטייליקטער אין אַ רעוואָלוציע קאָן נישט צוזאָגן און פאַרזיכערן צו בלייבן שטרענג נייטראַל, און נישט געהערנדיק צו קיינעם פון די צדדים, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאָנטעווידעאָ, פון וואַנען „איך וועל שיקן מיין ברכה, אַז ס'זאָל צוריק געשטעלט ווערן די רו און אָרדנונג". צוזאַמען מיט דעם בריוו האָט ער געשיקט אַ צווייטן, פּערזענלעך צו דיאַז וועלעז, זיין געוועזענעם אונטעראָרדנטן, ווי אַ סך אַנדערע מיליטער מענער וואָס האָבן אַקטיווירט דעמאָלט אין אַרגענטינע, באַצייכנענדיק אים מיטן טיטל „מיין חשובער פריינט" און געבעטן דאָרט אַ פּאַספּאָרט פאַר זיך און זיין דינער צו קענען פאָרן קיין מאָנטעווידעאָ.

דער מיניסטער דיאַז וועלעז האָט אַפן צווייטן טאָג אים צוגעשיקט דעם געבעטענעם פּאַספּאָרט און אַ וואַרעמען גרוס צו זיין קומען. ער האָט אויך אויסגעדריקט באַדויערן איבערן שלעכטן איינדרוק, וואָס עס האָט אַף סאַן מאַרטינען געמאַכט דער פּאָליטישער צושטאַנד פון לאַנד.

אין יענער צייט האָט סאַן מאַרטין געהאַט באַקומען פון זיין דירה אַרום 6.000 פּעזעס, אָבער דאָס געלט איז געווען אַזוי געפאַלן דורך דער מלחמה מיט בראַזיל און דורך די אומרוען, אַז אין אויסטויש האָט ער באַקומען קוים 1.500 פראַנק. אין אַרגענטינע גופא וואָלט ער פונעם דירה־געלט געקענט האָבן אַ גאַנץ גוטן נוצן. דערצו עפּעס פון דער טשאַקרע און מיל, וואָלט ער געקענט פירן אַ רויק לעבן. איצט אָבער איז זיין נייע האָפנונג צערונען געוואָרן.

די ידיעה פון סאַן מאַרטינס זיין אַף דער שיף האָט זיך פאַרשפּרייט אין בוענאָס איירעס און עס זיינען געקומען אים זען מערערע פון זיינע געוועזענע אָפיצירן, צווישן זיי דער קאָראָנעל מאַנועל דע אָלאַסאַבאַל און דער מאַיאָר אַנטאָניאָ אַלוואַרעז קאָנדאַרקאָ. זייער נייער צוזאַמענטרעף איז געווען רירנדיק. אין זיינע פאַרצייכענונגען האָט קאָראָנעל אַלאַסאַבאַל פאַרשריבן: „דער גענעראַל איז היפּש דיקער געוואָרן. זיין קאָפּ איז גרוילעך, די אויגן שטענדיק וואַכזאַם. זיין גאַנץ אויסזען האָט זיך נישט שטאַרק פאַרענדערט. כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ בריוו פון גענעראַל גידאָ און ער האָט מיר געענטפערט: „לאָמיר

גיין אין קאַיוטע". דאָרט האָט ער איבערגעלייענט דעם בריוו און מיר דערנאָך געזאָגט: „אין ריאָ דע זשאַנייראָ בין איך געוואָר געוואָרן פון דער רעוואָלוציע וואָס לאַוואַזשע האָט דורכגעפירט, און אין מאָנטעווידעאָ, אַז דאָררעגאָ איז דערשאָסן געוואָרן. דעמאָלט האָב איך פעסט באַשלאָסן צו בלייבן אַף דער שיף און פאַר קיין פאַל נישט לאַנדן, נאָר דערליידיקן דאָ אַף דער שיף דאָס נויטיקסטע און זיך אומקערן קיין אייראָפּע. מ יי ן ש וו ע ר ד, נ יי ן, קיי נ מ אָ ל וו ע ל א י ך ז י נ י ש ט אַ נ ט ב ל ו י ז ן אי ן ב י ר ג ע ר ־ ק ר י ג". דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט וועגן צושטאַנד אין לאַנד. נאָכן אָפּזיין פיר שעה מיטן גענעראַל, האָבן מיר זיך געגרייט צו גיין. דאַן האָט ער אונדז מיטגעגעבן אַ בריוו צו גידאָ. ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן באַם אַראָפּגיין אַפן שיפל, האָט ער מיר געזאָגט, אַ שטאַרק עמאָציאָנירטער, אומאַרמענדיק מיך: „זון, ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען".

די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן הודזשען, באַצייכנענדיק סאַן מאַרטינען אַלס עגאָיסט פאַר זיין נישט וועלן לאַנדן. איינע האָט אים אפילו באַצייכנט אַלס פּחדן, ווייל ער איז געקומען נאָך דער מלחמה מיט בראַזיל און נישט געקומען העלפן דעם לאַנד. פאַרן אָפּפאָרן פון דער שיף איז ער באַזוכט געוואָרן פון זיין אינטימען חבר, גענעראַל גידאָ. ער איז געווען מיט אים אַ פּאָר שעה און דערנאָך מיט גרויס עמאָציע זיך געזעגנט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי האָבן זיך געזען.

נאָכן אָפּזיין זיבן טעג אין די וואַסערן פון בוענאָס אײַרעס האָט די „קאָנטעס אָוו טשיקעסטער" אויפגעהויבן דעם אַנקער און זיך געלאָזט (דעם־12־טן פעברואַר) אַפן וועג צו מאָנטעווידעאָ, מיטפירנדיק סאַן מאַרטינען. דאָ, אין מאָנטעווידעאָ, איז ער פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן. דער קאַנאָניק ווידאַל האָט געמאָלדן זיין קומען און רעקאָמענדירט זיינע פריינט צו באַציען זיך פריינטלעך צום גאַסט. סאַן מאַרטין איז אַראָפּ פון שיף און זיך איינגעאָרדנט אין גאַסט־הויז פון קאַררערא אַף דער פּלאַסאַ מאַזשאָר און איז באַזוכט געוואָרן פון מערערע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי גענעראַל לאַוואַזשעכאַ. גאַבריעל פּערעירא האָט דערנאָך אָנגעבאָטן דעם גאַסט זיין הויז מיט דינערשאַפט און אַ דראָזשקע, אַז ער זאָל קענען פאָרן וווּ ער דאַרף און זאָל זיך פילן באַקוועם.

אורוגוויי איז דעמאָלט נאָר וואָס געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה דורכן בראַזיליענישׂ ־ אַרגענטינישן פרידנס אָפּמאַך. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג און זי האָט אויסגעקליבן דעם גענעראַל כאָסע ראָנדאָו אַלס פּראָוויזאָרישן גובערנאַטאָר. ווען ראָנדאָו איז געוואָר געוואָרן פון סאַן מאַרטינס קומען, האָט ער אים געלאָזט באַגריסן און געשטעלט צו זיין דינסט דעם קאַפּיטאַן הערמענעגילדאָ דע לאַ פוענטע אַלס אַדיוטאַנט.

אין מאָנטעווידעאָ איז סאַן מאַרטין געווען אַ פּאָר וואָכן. אין די זונטיקן פלעגט ער גיין אין קירכע דאַוונען. ער האָט געטראָפן אַ סך פון די וואָס האָבן

מיטגעמאכט די באפרייונגס אקציע אין טשילע און פערו. דער קאָראָנעל גאַר־סאַן האָט אין איינעם אַ טאָג איינגעלאַדן סאַן מאַרטינען צו אַ מיטיק מיט אַלע אָפיצירן פונעם באַטאַליאָן און דערנאָך האָבן אַלע געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט רייטנדיק.

אָנהויב אַפּריל האָט סאַן מאַרטין באַקומען גאָר אַ געהויבענעם גאַסט, זיין שוואָגער מאַנועל עסקאַלאַדאַ מיט אַ העכסט איבעראַשנדיקער ידיעה, אַז גענ. לאַוואַזשע האָט געשיקט פון בוענאָס איירעס צוויי דעלעגאַטן, דעם קאָראָנעל עדוואַרדאָ טראָלע און כואַן אַנדרעס בעללי, צו האָבן מיט אים אַ שמועס. ער האָט די דעלעגאַציע העפלעך אויפגענומען. זיי האָבן אים געבראַכט אַ בריוו פון גענעראַל לאַוואַזשע, אין וועלכן ס'האָט זיך געזאָגט קורץ: „די הערן עדוואַרדאָ טראָלע און כואַן אַנדרעס בעללי גייען אין איצטיקן מאָמענט אַרויס פון מיין הויפּט־קוואַרטיר קיין מאָנטעווידעאָ און איך האָב זיי אויטאָריזירט זיי זאָלן מיט אייך ריידן אין מיין נאָמען. זייט אַזוי גוט און הערט זיי אויס, גענע־ראַל, און נעמט אויף די געפילן פון שאַצונג און רעספּעקט פון אייער זייער דינסטגרייטן און געהאָרכזאַמען כואַן לאַוואַזשע".

דאָס איז דער זעלבער הויכער מיליטער־שעף כואַן לאַוואַזשע, וואָס האָט אַמאָל שטאַרק חוזק געמאַכט פון סאַן מאַרטין באַצייכנדיק אים אַלס „קעניג באָסע אָן דער קרוין". איצט האָט ער געשיקט דעלעגאַטן צו בעטן אים ער זאָל ווערן גובערנאַטאָר פון פּראָווינץ בוענאָס איירעס. די דעלעגאַטן האָבן געפּרוווט אויפצוקלערן סאַן מאַרטינען, אַז דאָס איז די איינציקע פּאַטריאָטישע לייזונג צו ראַטעווען דעם שלום און רו אין לאַנד. און מעגלעך אַז לאַוואַזשע האָט אין יענעם מאָמענט אויך רעכט געהאַט. סאַן מאַרטין מיט זיין פּרעסטיזש און מילי־טערישער עקספּעריענץ וואָלט אפשר געקאָנט איבערציייגן מיט לאָגיק אָדער מיט מיליטערישן כוח די קאַודיזשאָס פון די פאַרשידענע פּראָווינצן אין דער נויטי־קייט פון אויפהאַלטן אַ צענטראַלע רעגירונג און צעמענטירן די גאַנצקייט פונעם לאַנד. סאַן מאַרטין האָט עס אָבער נישט געוואָלט אָנעמען. די דיסקוסיע האָט געדויערט דריי שעה. ער האָט צולעצט קלאָר און אַנטשידן דערקלערט:

„ס'איז באַוואוסט מיין מיינונג, אַז דאָס לאַנד וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין רו, פרייהייט און וואוילשטאַנד, אויב ס'וועט נישט איינגעפירט ווערן אַ מאָנאַרכיסטישער רעזשים. אַלע יאָרן פון מיין עפנטלעך לעבן האָב איך אָפן אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע מיינונג אַז איך האַלט אַזאַ רעגירונגס־פאָרעם אַלס די איינציקע קאָנווענירנדיקסטע און פּראַקטישסטע לייזונג אין לאַנד. אַזוי ווי אָבער די מערהייט איז קעגן מיין מיינונג, וועל איך נישט גיין צעשמעטערן מיינע מיטבירגער צו צווינגען זיי אָנצונעמען אַ רעגירונגס סיסטעם קעגן וועלכן זיי זיינען קעגן, כאָטשע שפּעטער וועט מען זיך נויטיקן אין דעם נאָך טויזנט אומגליקן. לאַוואַזשען און די אַנדערע שעפן שעץ איך פּערזענלעך און קוק אויף זיי נישט מיט גלייכגילטיקייט, טראָץ זייערע יוגנטלעכע שקאָצערייען, אָבער

איך קאָן נישט אָנעמען דעם אָנבאָט. איך פאָר קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ און פון דאָרט קיין אייראָפּע, דערווייטערנדיק מיך פון א שוי־פּלאַץ צו וועלכן איך פיל מיך געבונדן דורך א סך פעדים און וועמענס אומגליק באַרירט מיך זייער".

נאָך דער דערקלערונג צו די צוויי דעלעגאַטן האָט ער אָנגעשריבן אַן ענטפער גענעראַל לאַוואַזשע. סאַן מאַרטין האָט נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן זיין געוועזענעם פעלד־אַדיוטאַנט גענעראַל לאַוואַזשע.

אין א בריוו צו אָ'היגינסן האָט סאַן מאַרטין דערקלערט דעם מאָטיוו פון זיין אָפּזאָג, אָנגעבנדיק, אַז בא דער איצטיקער לאַגע, אינעם צעפלאַקערטן קאַמף צווישן די פעדעראַלן און אוניטאַריער, דאַרף דער דערווײלטער מלוכה־שעף, פאַרשטייט זיך, פאַרטיליקן איינעם פון די צדדים. „זאָל איך עס זיין דער אויסגעקליבענער תליון פון מיינע מיטבירגער און באַדעקן דאָס לאַנד מיט מתים? ניין, פריינט מיינער! די לאַגע פונעם לאַנד איז אַזעלכע, אַז דעם מאַן וואָס וועט רעגירן בלייבט בלויז די ברירה, זיך צו אונטערוואַרפן איין צד אָדער אויפהערן רעגירן, און דאָס צווייטע נעם איך אָן".

פון אַנדערע בריוו איז צו פאַרשטיין, אַז סאַן מאַרטין האָט נישט געוואָלט דינען דער זאַך פון די אוניטאַריער, די פּאַרטיי פון זיין שונא ריוואַדאַוויאַ.

ס'איז פאַר אים נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי נאָר זיך אומצוקערן צוריק קיין אייראָפּע און בלייבן א צושויער פון ווייטן.

X

באַנקיר פון אידישן אָפּשטאַם העלפט דעם באַפרייער קויפן אַ הויז

אַ באַזאָרגטער וועגן דער נאָענטער צוקונפט האָט סאַן מארטין זיך אומגע־קערט מיט אַן ענגלישער שיף קיין פאַלמוט סוף אַפּריל 1829. דאָ האָט ער גע־ליטן פון אַן אַקצידענט באַלד באַם צוריקקומען. נאָכן אַראָפּגיין פון דער שיף האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף אַ פּאָסט־וואָגן צו פאָרן קיין לאָנדאָן, און אפן וועג האָט דער וואָגן זיך איבערגעקערט און סאַן מארטין האָט באַקומען אַ שווע־רע וואונד אין לינקן אָרעם און באַקומען אַ בלוטשטורץ, פון וועלכן זיין לעבן איז געבליבן אין געפאַר. „אויף נישט צו טאַנצן אויף די געריכטס־פּאַפּירן" האָט ער דעם אקצידענט געהאַלטן אינקאָגניטאָ. ווען זיין צושטאַנד האָט זיך געבע־סערט, איז ער געפאָרן קיין בריסל און דריי חדשים נישט ארויסגעגאַנגען פון צימער. דאָ האָט ער גענאָסן פון דער איבערגעגעבנקייט פון זיין טאָכטער.

זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. פון בוענאָס איירעס האָט ער גאָרנישט באַקומען. זיין באַפולמעכטיקטער האָט געהאַט בא זיך דאָס דירה־געלט פאַר דריי יאָר און ער האָט באַנקראָטירט. די פענסיע, וואָס די אַרגענטינער רעגירונג האָט געהאַט באַשטימט פאַר זיין טאָכטער נאָכן זיג פון טשאַקאַבוקאָ, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן נאָך אין דער צייט פון ריוואַדאַוויאַ. די לעבנסלענגלעכע פענסיע, וואָס עס האָט געהאַט פאַר אים באַשטימט דער קאָנגרעס פון פּערו איז נישט אויסגעצאָלט געוואָרן. פון טשילע האָט ער באַ־קומען זייער ווייניק. זיין טשאַקרע אין מענדאָזאַ איז אויסגעפּלינדערט געוואָרן אין יאָר 1831 און דער מאַיאָרדאָם (פאַרוואַלטער) איז אַנטלאָפן קיין טשילע.

נאָכן אָפּזיין צוויי יאָר אין בעלגיע איז סאַן מארטין מיט זיין טאָכטער און מיט זיין ברודער, כוסטאָ רופינאָ, אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז. אין אייראָפּע איז עס געווען זייער אומרויק דורך דער פּאָליטישער און סאָציאַלער באַוועגונג. אין פראַנקרייך איז אין יולי 1830 אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, און ס'איז אַראָפּ־געזעצט געוואָרן קאָרל דער 10טער און אויף זיין אָרט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס קעניג לוים פיליפּ פון אָרלאַנס.. דורך דער דאָזיקער באַוועגונג איז אויך אין בעלגיע געוואָרן אומרויק, און אוים מורא פאַר שווערע קאָנסעקווענצן, וואָס רעוואָלוציעס ברענגען אָפט, האָט סאַן מארטין באַשלאָסן אָפּצופאָרן פון

בריסל און לאָזן פאַרענדיקן די דערציִונג פון זיין טאָכטער אין פּאַריז. דעם 25טן אויגוסט 1830 איז ער אַוועק פון בעלגיע קיין פראַנקרייך און זיך באַזעצט אין פּאַריז.

גאַנץ צופעליק האָט זיך סאַן מאַרטין געטראָפן אין פּאַריז מיט זיינעם אַ געוועזענעם פריינט פון דער יוגנט־צייט, אַלעכּאַנדראָ אַגואַדאָ, אַ שפּאַנישער אַדלמאַן פון אידישן אָפּשטאַם, וועלכער איז געוואָרן אַ גרויסער באַנקיר אין פּאַריז. ביידע פריינט האָבן געהאַט געדינט אינעם מורסיאַ רעגימענט. ס׳איז דערנאָך אַוועק אַ פערטל יאָרהונדערט כמעט, אַז זיי זיינען געבליבן צעשיידט. ביידע האָבן זיך פאַרנומען אין פאַרשידענע וועגן און האָבן דורכגעמאַכט פאַרשידענע לעבנס. און אָט האָט דער גורל זיי איצט צוזאַמענגעבראַכט אין דער רי סען זשאָרזש, וואו סאַן מאַרטין האָט געהאַט זיין באַשיידענע וואוינונג. אַגואַדאָ האָט באַלד איינגעלאַדן זיין אַמאָליקן חבר אין האָטעל נעבן ווענדאָם פּלאַץ, וואו זיי זיינען באַדינט געוואָרן אויף אַ לוקסוסאַרטיקן אופן.

— „ווי אַזוי ביזטו דאָס געוואָרן אַ באַנקיר, אַגואַדאָ?" — האָט סאַן מאַרטין געפרעגט.

— „מענטש, האָט יענער געענטפערט, ווען איינער קאָן נישט ווערן דער באַפרייער פון אַ האַלבער וועלט, מעג מען אים, דאַכט זיך, מוחל זיין, וואָס ער איז אַ באַנקיר — האָט אַגואַדאָ געענטפערט אין שפּאַס.

ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, אין יענע צייטן פון מיליטער־דינסט אין מאַדריד און קאַדיז, ווען ביידע זיינען געווען יונג, אַז זיי וועלן דערנאָך זיך צוזאַמענטרעפן באַ אַזעלכע אומשטענדן? פון איין זייט אַ קעמפער פאַר באַפרייונג אין אַמעריקע, אַן אַרויסגעשטויסענער פון אַמעריקע, קראַנק און אַלט, עלנט און אָרעם, און פון דער אַנדערער זייט — אַ רייכער, זאַטער, אָנגעזעענער און גליקלעכער. אָבער נישט געקוקט אויף דעם קאָנטראַסט, האָט דאָס וואַרעמע מענטשלעכע געפיל פון אַגואַדאָ געשאַפן באַלד אַ באַנייונג אין דער פריינטשאַפט און געהאָלפן סאַן מאַרטינען אַרויסקומען פון דער נויט. אַגואַדאָ איז געקומען פאַר סאַן מאַרטינען אין יענעם מאָמענט ווי אַ דערלייזער.

אין זיין ווערק „היסטאָריאַ דעל ליבערטאַדאָר דאָן כאָסע דע סאַן מאַרטין" גיט איבער דער היסטאָריקער כאָסע פּאַסיפיקאַ אָרטוראָ פּאָלגנדעס וועגן אַלעכּאַנדראָ אַגואַדאָ:

געבוירן איז אַלעכּאַנדראָ אַגואַדאָ אין סעווילִיאַ דעם 29טן יולי 1784 אַלס זון פונעם גראַף דע מאָנטעליריאָס, און איז אַריין אַלס קאַדעט אין מיליטער־דינסט אינעם אינפאַנטעריע רעגימענט פון כאַען דעם 26טן פעברואַר 1798. אין דאָזיקן רעגימענט איז ער געווען דריי יאָר מיט פינפטהאַלבן חדשים קאַדעט און דעם 13טן יולי 1801 איז ער דערהויבן געוואָרן צום גראַד פון אונטעראָפיציר און צוויי חדשים שפּעטער, דעם 12טן סעפּטעמבער, דערהויבן געוואָרן צום גראַד פון לייטענאַנט. דעם 23טן יולי 1810 איז ער געווען סקוואַדראָן־שעף און

דעם 18טן אפּריל 1812 געוואָרן קאָראָנעל. פון באַען איז ער אַריבער צום רע־גימענט אין קאַמפּאָ מאַיאָר.

און פּונקט ווי סאַן מארטין האָט אויך אגוּאדא מיטגעמאַכט מלחמות און זיך אויסגעצייכנט אין קאַמפּן אין דער פעסטונג פון סאַנטיאַגאָ, און בשעת דער שפּאַנישער מלחמה מיט פּאָרטוגאַל — געקעמפט אין באַדאַכאָז. ער איז געווען צוויי יאָר אין דער פאַרשאַנצונג פון גיבראַלטאַר און דריי יאָר אינעם גאַרניזאָן פון סעוטא. ער האָט אין לויף פון זיין מיליטערישער קאַריערע זיך באַטייליקט אַקטיוו אין די שלאַכטן פון טודעלאַ, באַם לאָגראָניאָ־דורכגאַנג, קאַראַסקאַסאַ, אין סאַנטאַ קרוז דע לאַ סאַרזאַ און אין וועלעז. ער האָט אין יאָר 1811 מיטגעמאַכט דעם קאַמפּיין אין עקסטרעמאַדוראַ, זיך באַטייליקט אין דער באַלאַגערונג און איינגעמען די פעסטונג פון אָליווענזאַ און באַדאַכאָז; זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט פון אַלבוערא און אַ גאַנצע רייע אַנדערע ערטער, קעמפנדיק קעגן די פראַנצויזן, ענגלענדער און פּאָרטוגעזער.

אין יאָר 1815 איז ער געווען פעלד־אַדיוטאַנט אינעם שטאַב פון מאַרשאַל סאָולט. דעמאָלט האָבן די פראַנצויזן זיך פולשטענדיק צוריקגעצויגן און שפּאַניע האָט צוריק איינגעשטעלט די מאָנאַרכיע מיט פערנאַנדאָ דעם 7טן אַלס קעניג. אגוּאדא האָט אין יענעם יאָר פאַרלאָזט דעם מיליטערדינסט און אַוועק קיין פּאַריז, אַף צו באַזעצן זיך דאָרט.

ער האָט אָנגעהויבן פירן גרויסע געשעפטן, פאַרבינדנדיק דעם מסחר צווישן שפּאַניע און פראַנקרייך, און אין זעלבן יאָר 1815 איז ער אַריבערגעגאַנגען צו באַנק־אָפּעראַציעס. דער שפּאַנישער קעניג פערדינאַנד 7טער האָט אין אגוּאדא דערזען אַ פעיקן פינאַנציסט און אים באַשטימט אַלס זיין באַנקיר. אגוּאדא איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 31 יאָר.

פּונקט ווי אין מיליטערדינסט, האָט עס געגליקט דעם יונגן באַנקיר אין זיינע פינאַנציעלע געשעפטן. אין 1823 האָט ער געמאַכט דער שפּאַנישער רע־גירונג אַ הלוואה פון 500.000 פעזעטאַס פוערטאַס און שפּעטער מיט פינף יאָר (אין 1828) ווען פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן געפאָדערט בא דער שפּאַנישער רעגירונג גרויסע סומעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אַז שפּאַניע איז זיי שולדיק, און די מאַדרידער רעגירונג האָט זיך קעגנגעשטעלט דער פאָדערונג, האָט פראַנק־רייך געדראָט מיט אַ נייער אָקופּאַציע. ס׳איז דעמאָלט אונטערגעקומען אגוּאדא און געבראַכט צו אַן אויסגלייך, דערגרייכנדיק אַז ס׳זאָל אָפּגעוואַרט ווערן מיט דער צאָלונג און ס׳זאָל נישט גערעכנט ווערן קיין פּראָצענט.

פאַרן דאָזיקן דינסט דער שפּאַנישער קרוין און דעם לאַנד האָט פערנאַנדאָ 7טער אויסגעצייכנט אגוּאדאָן מיטן טיטל מאַרקיז דע לאַס מאַריסמאַס דעל גוּאַדאַלקיוויר.

אגוּאדא האָט אין פראַנקרייך געקויפט הייזער און גיטער און געוואָרן אַ העכסט אָנגעזעענער באַנקיר און מאַגנאַט. ער האָט געשטיצט בילדונג און קונסט

און זיך אָפּגעגעבן מיט וואוילטעטיקייט. ער האָט פּאַטראָניזירט פאַרשידענע אויסגאַבעס אין פּאַריז, געשטיצט טעאַטער, ליטעראַטור, מוזיק און מאַלעריי. ער האָט אין זיין הויז געהאַט אָפט זייער געהויבענע געסט. די ווענט אין זיין פּאַלאַץ זענען געווען באַצירט מיט קונסט־מאַלעריי, האַבנדיק צווישן די בילדער אייניקע פון רובענס, רעמבראַנדט, טיטציאַנא, וואַן דיק, קאָרעגיאָ, מאָראַלעס, טינטאַרעטאַ, גרעקאָ און אַנדערע באַרימטע קונסט־מאַלער.

אינעם זעלבן יאָר, וואָס ער האָט געבראַכט צו אַן אויסגלייך צווישן פראַנק־רייך און שפּאַניע, וועגן דער דעקונג פון די געפּאָדערטע צאָלונגען, אין 1828, האָט דער פראַנצויזישער קעניג לויס דער 18טער אויסגעצייכנט אגואדאן מיטן מעדאַל פון ערנלעגיאָן און דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט אים געגעבן די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, און ער איז געוואָרן אינטענדענט פון דער געמיינדע עווריי. דאָס איז געווען יענץ שטעטל, אין וועלכן אגואדא האָט געהאַט זיין שאַטאָ פּטי בורג, נעבן וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס היסטאָריש געוואָרענע הויז גראַן בורג, וואָס גענעראַל סאַן מאַרטין האָט געקויפט מיט דער הילף פון אַגואַדאָן.

אַלעכאַנדראָ (אָדער אַלעקסאַנדער) אגואדא האָט אויפגעגעבן זיינע באַנק־געשעפטן און זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אין גאַנצן דער פאַרוואַלטונג פון זיינע הייזער און גיטער, אין דער אינטענדענסיע פון זיין שטעטל עווריי. ער איז געווען בירגערמייסטער דאָרט פון 1831 ביז 1840. שוין אַ צייט פריער האָט ער געגרינדעט אַ שול פאַר אינגלעך און מיידלעך אין עווריי. דער גרונטשטיין איז געלייגט געוואָרן דעם 23טן אָקטאָבער 1828, און ס'איז בייגעווען דעם אַקט דער קאָמפּאָזיטאָר ראָסיני, וועלכער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין הויז פון אגואדאן. אין זעלבן יאָר האָט ער געשאָנקען אַ שטיק ערד אַף צו שאַפן אַ בית־עולם אין עווריי. אין 1832 האָט אגואדא געלאָזט אויסבויען אַ הענג־בריק איבער דער סענאַ, אַז די באַפעלקערונג פון עווריי זאָל האָבן אַ דורכגאַנג איבערן טייך פון איין ברעג אַפן אַנדערן. די דאָזיקע בריק האָט אים געקאָסט 700.000 פראַנק גאָלד, און די בריק טראָגט נאָך היינט דעם נאָמען „אגואדא־בריק".

זיין פרוי, קאַרמען וויקטאָריאַ מאָרענאָ, האָט אים געבוירן דריי אינגלעך און דער עלטסטער פון זיי האָט באַקומען דעם נאָמען אַלעכאַנדראָ, דער מיטל־סטער אָלימפּיאָ און דער אינגסטער אָנעסיפאָ. די קינדער און קינדס־קינדער פונעם מאַגנאַט אַלעכאַנדראָ אגואדא זיינען געבליבן בא די מאַרקיז־טיטלען, ווייל לויט דעם באַשלוס פון פערנאַנדאָ 7טן, אונטערצייכנט דעם 11טן יוני 1829, האָט דער טיטל מאַרקיז דע לאַס מאַריסמאַס דעל גוואַדאַלקיוויר, מיט וועלכן דער באַנקיר אַלעכאַנדראָ אגואדא איז באַשאָנקען געוואָרן, באַדאַרפט איבערגיין אַף דור־דורות. די קעניגין איזאַבעל די 2טע האָט דעם 13טן אַפּריל 1852 באַשטע־טיקט די אָנהאַלטונג פונעם מאַרקיז־טיטל פאַר די אָפּשטאַמער פון אגואדא.

ווען אגואדא האָט געמאָלדן אין יאָר 1830, אַז ער וויל קומען קיין שפּאַניע

געשעפטלעך, האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום געבעטן באַם קריגס־מיניסטעריום צוצושטעלן באַם גרענעץ פון פראַנקרייך אַ מיליטערישע באַגלייטונג פאַר אגואדא צו זיכערן זיין לעבן, און עס איז באַלד געשיקט געוואָרן אַ מיליטערישע אָפּטיילונג אָפּצוואַרטן דעם גאַסט. דאָס זעלבע איז געווען באַ זיין אָפּפאָרן צוריק קיין פראַנקרייך אָנהויב 1831. אַ קעניגלעכע פאַראָרדענונג דאַטירט דעם 22טן פעברואַר 1831 האָט געלויטעט: „דער קעניג, אונדזער הער, האָט באַשטימט, אַז ס'זאָל פאַר דאָן אַלעקסאַנדראָ אגואדא, וואָס פאָרט אַרויס מאָרגן פאַרטאָג דריי אַזייגער אויפן וועג צו פראַנקרייך, געגעבן ווערן אַ באַגלייטונג פון ניין מאַן, פונעם מאַדרידער סקוואַדראָן לייכטע רייטער, צו באַגלייטן אים צו דריי מאַן אין דער רייע".

אגואדא, ווי געזאָגט, האָט געהאַט אַ סך הייזער און גרויסע לענדערייען אין פראַנקרייך, אָבער זיין באַליבטסטער פּלאַץ פאַר אים איז געווען זיין פּאַלאַץ שאַטאָ פּטי בורג באַ דעם ברעג פון דער סענאַ, אינעם שטעטל עוורי, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט אין יאָר 1827. דאָס דאָזיקע קליינע שטעטל — דעמאָלט אַ דאָרף — געפינט זיך 25 קילאָמעטער פון פּאַריז צווישן די סענאַ בערגלעך אויפן וועג צו פאָנטאַבלאָ.

אָט דער אַלעקסאַנדראָ אגואדא, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון רעגימענט צו רעגימענט, פון שלאַכט צו שלאַכט און דערנאָך פון מסחר צו פינאַנצן, איז געוואָרן די הויפּט־שטיצע פאַר סאַן מאַרטינען אין דער נויט־צייט.

די פריינטשאַפט צווישן אגואדאָן און סאַן מאַרטינען האָט זיך אָנגעהויבן אין צייט פון מיליטערדינסט. אין 1808 איז אגואדא אַריבערגעגאַנגען פונעם רעגימענט פון כאַען צום רעגימענט פון קאַמפּאָ מאַיאָר, און דאָרט האָבן זיך ביידע — אגואדא און סאַן מאַרטין — געטראָפן און געשלאָסן פריינטשאַפט. די דאָזיקע פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט ביז סאַן מאַרטין האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן שפּאַניע און גיין העלפן דער באַפרייונג פון זיין געבורטלאַנד.

ס'איז נישט באַוואוסט גענוי דער טאָג פון זייער ניי באַגעגעניש. סאַרמיענטאָ האָט אין זיינס אַ ווערק אָנגעגעבן, אַז סאַן מאַרטין און אגואדא האָבן זיך געטראָפן אין פּאַריז אין 1824, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. אָרטעגאַ גיט אָן דעם דאַטום פון 1828 אָדער 1830, וואָס איז מער וואַרשיינלעך.

נעבן אגואדאָס פּאַלאַץ פּטי בורג האָט זיך געפונען דאָס הויז גראַן בורג. געהערט האָט עס פריער צו אַ געוועזענעם הויכן אָפיציר פון אינזשעניערן קאָרפּוס מיטן נאָמען פראַנץ בערליער, און אגואדא האָט געראַטן סאַן מאַרטינען דאָס הויז צו קויפן און דערביי אים געהאָלפן מיט געלט. צי איז די הילף געווען אַ מתנה אָדער ער האָט עס געליען סאַן מאַרטינען, איז נישט אויף קלאָר באַוואוסט. באַצאָלט האָט סאַן מאַרטין פאַרן הויז 13.500 פראַנק (אָדער 5.000 אַרגענטינער פּעזעס, לויט דעם געלט־ווערט פון יענער צייט). דער קויף איז

געמאַכט געוואָרן דעם 25טן אַפּריל 1834 און דעם 5טן יוני פון זעלבן יאָר איז סאַן מאַרטין געפאָרן קיין קאַרבעיל איינצושרייבן דאָס הויז אויף זיין נאָמען אין רעגיסטער פון אייגנטומס.

דאָס הויז גראַן בורג האָט געהאַט אַ שטח פון 6.800 קוואַדראַט מעטער באָדן, מיט אַ גרויסן גאָרטן. דער בנין איז באַשטאַנען פון אַן אונטערשטן און אויבערשטן שטאָק. אין אונטערשטן שטאָק איז געווען אַ סאַלאָן, עסצימער, פאַר־ווײַלונגס־צימער, קיך און באָד־צימער. אויפן ערשטן שטאָק זיינען געווען פינף שלאָפצימערן און דריי צימערן פאַר דער דינערשאַפט. אויסער דעם איז אונטן געווען אַ שטאַל פאַר פערד און אַן אָפּטיילונג פאַר וועגענער. אַרום הויז זיינען



דאָס הויז גראַן בורג, אין וועלכן סאַן מאַרטין האָט געהאַט זיין היים

געווען גערטנער פון פרוכט־ביימער און פון גרינצייג. סאַן מאַרטין האָט דאָ גע־מאַכט פאַרשידענע אויסבעסערונגען און זיך געפילט גאָר גליקלעך אין דאָזיקן זומער־הויז. דאָ האָט סאַן מאַרטין געוואוינט פערצן יאָר פון 1834 ביז 1848.

וועגן סאַן מאַרטינס לעבן אין גראַן בורג האָט סאַרמיענטאָ געשריבן: „סאַן מאַרטין האָט זיך דעפיניטיוו באַזעצט אין פראַנקרייך אין די שטילע ברעגן פון דער סענאַ, וואו ער וואוינט מיט דער איינציקער טאָכטער פון זיין פרוי דאָניאַ רעמעדיאָס דע עסקאַלאַדאַ. אין גראַן בורג איז דער גענעראַל סאַן מאַרטין געווען אַ פּשוטער פאַמיליע־פאָטער און קולטיווירער פון אַ קליינער נחלה, וואָס ער האָט געקויפט פאַר אַ סומע פון דער פּעראואנער רעגירונג, און וואוהין עס

פלעגן קומען אפט אמעריקאנער, וואס האבן געוואלט האבן דעם כבוד צו זען אים".

סארמיענטא האט אנגעגעבן אין זיין ווערק א סך נישט פינקטלעכע דאטן וועגן סאן־מארטינען און אויך די דאטן וועגן קויף פונעם הויז זיינען נישט ריכטיקע.

דער טשילענער פובליציסט וויקוניא מאקקענא שרייבט אין זיינע „רעוועלאסיאנעס אינטימאס" גאנץ אנדערש וועגן גראן בורג: „דער מארקיז דע לאס מאריסמאס (אגוואדא) האט געהאט א זומער־רעזידענץ, א פרינצן־פאלאץ, מיטן נאמען פטי בורג, א שעה רייזע מיט דער באן אף דער ליניע פאריז—פאנטאבלע און סאן מארטין פלעגט אים אפט אהין באגלייטן און אף דער עצה פון זיין פריינט האט ער געקויפט דעם שכנישן שלאס, א קליין דארפיש הויז פארן פרייז פון 5.000 פעזעס. דאס איז די בארימטע פאסעסיע גראן בורג, וואס אייניקע רייזנדע האבן פארוואנדלט אין א פאלאץ, ווען אין אמתן איז עס געווען א פשוטער דארפישער בנין". און וויטער שרייבט מאקקענא: „צו דער זעלבער צייט איז אים געקומען צו הילף דער גרויסער באנקיר אגוואדא, זיין אלטער חבר פונעם רעגימענט פון מורסיא, וועלכער האט אין זיין (סאן מארטינס) נויט אים אויסגעשטרעקט אן איידלמוטיקע, פרייגעביקע האנט פון א פריינט. מיט זיין הילף איז מעגלעך געווען צו קויפן דאס הויז גראן בורג, א פאר לעגוועס פון פאריז".

א יאר שפעטער, אין אפריל 1835, האט סאן מארטין געקויפט א הויז אין פאריז אף דער נייער סאנקט זשארזש גאס נומער 1. דאס דאזיקע הויז האט געהאט אף זיך נישט גערעקטע היפאטעקן און סאיז פארקויפט געווארן אין ליציטאציע (רעמאטע) האט עס סאן מארטין געקויפט פאר 140.200 פראנק, צו צאלן אין צוויי קוואטעס. די ערשטע קוואטע פון 79.000 פראנק האט ער איינגעצאלט דעם 23טן סעפטעמבער 1835 און מיט צוויי טעג שפעטער האט ער באצאלט דעם רעשט. דאס געלט דערצו זאל האבן געבראכט זיין איידעם פון ארגענטינע.

מאריאנא באלקארסע, סאן מארטינס איידעם, איז אפגעפארן פון פאריז סוף 1832 קיין בוענאס איירעס, מיט זיין יונגער פרוי מערסעדעס, מיטפירנדיק א פולמאכט איינצומאנען דעם חוב וואס ס'איז געקומען סאן מארטינען אלס לוין. די רעגירונג פון פראווינץ בוענאס איירעס, דעמאלט אונטער ראסאס, האט אנערקענט דעם חוב, אבער ס'איז דערקלערט געווארן, אז מ'קען עס נישט באצאלן, ווייל עס האנדלט זיך אין א זייער הויכער סומע און זי איז נישט פארגעזען אינעם מלוכה־בודזשעט.

סאן מארטין האט געהאט אין בוענאס איירעס א הויז, וואס איז געבליבן אלס מתנה פאר זיין טאכטער און געהאט טשאקרעס אין מענדאסא און טשילע. און באלקארסע האט א טייל פון די פארמעגנס פארקויפט און איבערגעשיקט

זיין שוועער קיין פראַנקרייך. מיט אַט דעם געלט זאָל סאַן מאַרטין האָבן געקויפט דאָס הויז אין פּאַריז.

אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס סאַן מאַרטין האָט געהאַט הייזער אין פראַנקרייך און טשאַקרעס אין אַרגענטינע, האָט ער געלעבט כּמעט אין אָרעמ־קייט.

אַגוּאַדאָ געשטאָרבן

צוליב פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן אָדער געשעפטלעכע, פלעגט אַגואַדאָ אָפּט פאָרן קיין שפּאַניע. באַ איינער פון זיינע רייזעס (וואָס איז געווען די לעצטע) האָט ער געוואָלט מיטנעמען זיין פריינט סאַן מאַרטין. און ווי גערן וואָלט סאַן מאַרטין מיטגעמאַכט אַזאַ רייזע! ווידעראַמאָל זען דעם סעמינאַר, וואו ער האָט געלערנט, און די פּלעצער, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט; זען קאַסטיליע, פון וואַנען עס האָט געשטאַמט זיין מוטער און באַזוכן דעם קבר פון דער מו־טער אין אָרענסע, גאַליציע; ווידעראַמאָל זיין אין מורסיאַ, סעווילייאַ און קאַדיז. איז פאַראַנען דען אַנגענעמערס אינעם לעבן? ווי אַזוי אָבער פאָרט מען קיין שפּאַניע, ווען ער, אַ געוועזענער קאָראָנעל פון קאַוואַלעריע אין שפּאַניע איז געוואָרן אַ רעבעלישער גענעראַל און אַזוי בלוטיק געקעמפט קעגן דער שפּאַנישער הערשאַפט? זיין חבר איז אָבער בייגעקומען אַלע שוועריקייטן. אַגואַדאָ האָט באַקומען פאַר אים אַ פּאַספּאָרט און אַ דערקלערונג פון דער מאַדרידער רעגירונג, אַז ער מעג קומען און ער וועט אויפגענומען ווערן ווירדיק, אָבער אָן דעם מיליטערישן טיטל. אין אַסטוריאַס האָט געוואוינט זיין שוועסטער, די אַלמנה מאַריאַ עלענאַ, און ער וואָלט זי וועלן זען. ער וואָלט וועלן זען אַ סך באַקאַנטע, פריינט און קרובים, אָבער ווי אַזוי וועט ער פאָרן קיין שפּאַניע אָן זיין ראַנג אַלס אַרגענטינער גענעראַל און באַהאַלטן זיינע טיטלען אַלס גרינדער פון די אַמעריקאַנער רעפּובליקן? ניין, ער קאָן אַזוי נישט פאָרן. דאָס וואָלט געווען פּחדנות. ס'איז נישט מעגלעך געווען זיין חבר אים איבערצורייד ן, און אַגואַדאָ איז אַליין געפאָרן.

יענע רייזע איז געווען די לעצטע פונעם גרויסן באַנקיר. ווען אַגואַדאָ איז געפאָרן פון אָוויעדאָ קיין כיכאָן האָט אָנגעיאָגט אַ שטאַרקער שניי־שטורעם און געצוואונגען דעם רייזנדן צו פאַרלאָזן דעם דיליזשאַנס. ער האָט זיך גע־לאָזט גיין און איז אַוועק אָן באַגלייטונג אין אַ פאַלשער ריכטונג איבער די פאַרשנייטע פעלדער און געקומען אַ דערשעפּטער קיין כיכאָן. ער איז אַריין אין אַ גאַסט־הויז, און אַנשטאָט זיך צו לייגן אין בעט אַף אָפּצורוען און אויס־וואַרעמען זיך, איז ער, אויס אַנשטענדיקייט, אַ פאַרפרוירענער געגאַנגען צום טיש, ווייל ס'איז געווען מיטיקצייט, און זיצנדיק אַ רגע באַם טיש איז ער אָן אַ וואָרט צו זאָגן געשטאָרבן. דאָס איז געווען דעם 12טן אַפּריל 1842.

פאַר זיין פאָרן קיין אַסטוריאַס, ווי עפּעס אַ געדאַנק וואָלט אים פאָרויס־געזאָגט די פאַטאַליטעט, איז אַגוּאַדאָ געווען בײַ אַ נאָטאַר אין פּאַריז און גע־שריבן אַ צוואה אין שפּאַניש און פראַנצויזיש. דאָרט האָט ער פאַרשריבן אַלס יורשים זיינע דריי קינדער: אַלעכּסאַנדראַ, אָלימפּיאַ און אָנעסיפאָ, צו גלייכע טיילן. פאַר זיין פרוי מאַריאַ דעל קאַרמען מאָרענאָ „אַלס לעצטן באַווייז פון מיין ליבע גיב איך און לאָז איבער אַ לעבנסלענגלעכע פּענסיע פון 72.000 פראַנק יערלעך אויסצוצאָלן האַלביערלעך אָדער דריימאָנאַטלעך. אויסער דעם אַ סומע פון 250.000 פראַנק. די העלפט אין געלט און די אַנדערע העלפט אין זילבער, וועש, מעבל, בילדער, וועגנער און אַנדערע זאַכן, אַף אויסצוקלייבן זיך לויט איר וואונטש". דערצו איז אין דעם טעסטאַמענט אָנגעגעבן, אַז די איינריכטונג אין דער פרוים שלאָפצימער געהער איר פולשטענדיק, פונקט ווי איר צירונג און אַלעם אַנדערע, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אירס.

דאָס פאַרמעגן, וואָס אַגוּאַדאָ האָט געלאָזט, איז געשאַצט געוואָרן אין זעכציק מיליאָן פראַנק.

ער האָט אין דער צוואה פאַרשריבן אויך געוויסע סומעס פאַר דער דינער־שאַפט און דאָס צירונג, אויסצייכענונגען און אַ סומע פון 30.000 פראַנק פאַר די אַפּהיטער און אויספירער פונעם טעסטאַמענט. אַלס אַפּהיטער פון דער דורכ־פירונג פון דער צוואה האָט ער באַשטימט ד אָ ן כ אָ ס ע ד ע ס אַ ן מ אַ ר ט י ן, גענעראַל קאַפּיטאַן פון טשילע, מוסיע פּעלשע, אַרכיטעקט און מוסיע ה. קווער (אַגוּאַדאָס באַפולמעכטיקטער). אויסער דעם ווערט געבעטן דער פּרעזידענט פונעם טריבונאַל פון דער ערשטער אינסטאַנץ, מוסיע בעלעימע, אַכטונג צו געבן, אַז דער טעסטאַמענט זאָל אויסגעפירט ווערן.

יעדער פון די אַפּיטראָפּסים זאָל באַקומען אַ לוין פון 4.000 פראַנק יערלעך, אויסער דער אַנטשעדיקונג פאַר דער פאַרנומענער צייט. אַגוּאַדאָס פּערזענלעכע צירונג זאָל האָבן באַקומען אינגאַנצן אָדער אַ טייל דערפון גענעראַל סאַן מאַרטין. דער צירונג־עקספּערט האָט עס געשאַצט אין אַ ווערט פון 31.504 פראַנק. סאַן מאַרטין האָט דאָס צירונג פאַרקויפט און דאָס געלט איז אים צו־נוץ געקומען אַ שטיק צייט.

אַגוּאַדאָ האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ביבליאָטעק, אַ גרויסע גאַלעריע פון קונסט־מאַלערייען און מערערע הייזער.

דער טויט פון אַגוּאַדאָן איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר סאַן מאַרטינען און ער האָט אין בריוו צו זיינע פריינט שטאַרק באַדויערט זיין שטאַרבן.

אין יענער צייט, וואוינענדיק אין גראַן בורג, איז עס אויסגעקומען סאַן מאַרטינען צו האָבן אַ זייער אומאַנגענעמען אינצידענט מיט מאַנועל מאָרענאָ, וועלכער איז געווען אַרגענטינער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער אין לאָנדאָן. מאָרענאָ זאָל האָבן געהערט, אַז סאַן מאַרטין זאָל האָבן געמאַכט אַ געהיימע רייזע קיין שפּאַניע און זיך אויסגעדריקט זייער באַליידיקנדיק קעגן באַפרייער,

מיינענדיק, אַז סאַן מאַרטין פֿירט אָן אַ מאַכינאַציע קעגן דער אַרגענטינער רע־גירונג. סאַן מאַרטין איז דערפֿון שרעקלעך אויפֿגעברויזט געוואָרן און אַריינגעשיקט מאָרענאָן אַ בריוו מיט אַ שאַרפֿן פּראָוואָרף. מאַנועל מאָרענאָ האָט דערויף זיך פֿאַרענטפֿערט מיט פֿולסטן רעספּעקט צו סאַן מאַרטינען, אָבער דער לעצטער האָט אַ לאַנגע צייט זיך נישט געקענט באַרויִקן דערפֿון.

די קראַנקייט האָט אויך שטאַרק דערקוטשעט סאַן מאַרטינען. ער האָט געליטן שווער פֿון דער גאַל און לעבער און האָט געמוזט חדשים לאַנג זיין אויף קוראַציע. „אַן אַלט הויז, פֿון אַלע זייטן רינט" — האָט ער זיך געקלאָגט אין אַ בריוו אויף זיין קראַנקן קערפּער, און ער רימט זיין וואוילטעטער אַגואַדאָ, וואָס אָן זיין הילף וואָלט אים אויסגעקומען צו שטאַרבן אין אַ שפּיטאָל.

מערסעדעס חתונה געהאַט

אַ קליין שמיקל צייט איז געווען אַ גליקלעכע פֿאַר סאַן מאַרטינען. דאָס איז געווען אין די פֿאָר יאָר וואָס ער האָט געוואוינט אין גראַן בורג און אַגואַדאָ האָט נאָך געלעבט. אין דעצעמבער 1832 האָט חתונה געהאַט זיין טאָכטער מערסעדעס מיט מאַריאַנאָ באַלקאַרסע. דאָס איז געווען קורץ נאָך דעם ווי מער־סעדעס און איר פֿאָטער זענען קראַנק געווען אויף דער כאָלעריע. די חתונה איז געפּייערט געוואָרן אין פּאַריז און סאַן מאַרטין איז געווען גאָר גליקלעך. דער איידעם איז געווען איינער פֿון די מענטשן וועלכע ער האָט זיך אייביק גע־וואונטשן, אַן אַרגענטינער און אַ זון פֿון אַ מיליטאַר. דער פֿאָטער זיינער, גע־נעראַל אַנטאָניאָ גאָנסאַלעז באַלקאַרסע, האָט געדינט אַלס אַדיוטאַנט פֿון סאַן מאַרטין אין צייט פֿון באַפֿרייאונגס־קאַמפּיין אין טשילע און מיטגעמאַכט די זיגרייכע שלאַכט אין מאַיפּו.

אין אַ בריוו צו דער מחותנתטע, דעם חתנס מוטער, דאָמינגאַ בוטשאַרדאָ באַלקאַרסע, האָט סאַן מאַרטין געהאַט געשריבן נאָך דער פֿאַרלאָבונג פֿון מער־סעדעס: „גאָט האָט געהערט מיין געבעט. אויב, ווי איך דערוואַרט, איר וועט צושטימען צו דער חתונה וועט עס זיין פֿאַר מיר אַ גרויסע פֿרייד".

און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געקומען די גוטהייסונג פֿונעם חתנס מוטער, די אַלמנה פֿון באַלקאַרסע דעם זיגער פֿון סואיפּאַטשאַ און מאַיפּו, און די דאָזיקע פֿרייד האָט ער נישט באַהאַלטן פֿאַר זיך אַליין נאָר געשריבן וועגן דעם צו אָהיגינסן: „שוין צוריק מיט פֿינף יאָר האָב איך געווינטשן חתונה צו מאַכן מיין טאָכטער מיטן יונגן באַלקאַרסע, סעקרעטאַר פֿון דער אַרגענטינער געזאַנדשאַפֿט אין לאָנדאָן, דער עלטסטער זון פֿון אונדזער ערווירדיקן און פֿאַרשטאָרבענעם פֿריינט. זיין גייסט איבערשטייגט זיין עלטער פֿון 24 יאָר. ער איז ליבלעך, געבילדעט, און מאַכט זיך באַליבט און רעספּעקטירט פֿון אַלע

מיט וועמען ער קומט אין באַציונג. ער האָט נישט מער קיין פאַרמעגן חוץ זיין ערנהאַפטיקייט אין פולער מאָס. דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב געוואונטשן, צו מאכן גליקלעך מערסעדעסן".

נאָך דער חתונה איז דאָס יונגע פּאָרל געפאָרן, אין פעברואַר 1833, קיין בוענאָס איירעס וואו מאַריאַנאַ האָט געוואָלט אַרבעטן אין מסחר, און אגואדא, דער גרויסער באַנקיר האָט מיט אַ פרייער האַנט געגעבן באַלקאַרסען 14.000 פעזעס. אין בוענאָס איירעס האָט מערסעדעס באַשאָנקען איר מאַן מיט אַ מיידעלע, און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן מאַריאַ מערסעדעס. שפּעטער מיט צוויי יאָר האָבן באַלקאַרסע און מערסעדעס זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך און די „מענדאָסינער" ווי סאַן מאַרטין פלעגט אָפט רופן זיין טאָכטער האָט געבוירן אין 1836 אַ צווייט מיידעלע און זי האָט באַקומען דעם נאָמען כאָסעפאַ. און דער זיידע איז געווען איבערגליקלעך.

עס פלעגן אין גראַן בורג קומען אָפט צו באַזוך אַרגענטינישע און פראַנצויזישע פּערזענלעכקייטן. צווישן די וואָס האָבן אים באַזוכט האָבן זיך געפונען אַלבערדי, סאַרמיענטאָ, פלאָרענסיאָ באַלקאַרסע (אַ ברודער פון זיין איידעם) און אַנדערע. ער האָט אָפּגענומען גרוסן פון אַרגענטינע. דאָרט האָט אָנגעהויבן הערשן ראָסאַס און עס זיינען פאָרגעקומען שחיטות איבער די אוניטאַריער. צו גלייכער צייט האָט ער געהערט פון די באַפרייאונגס־קאַמפן, וואָס עס פירן אָן גענעראַל לאַוואַזשע און גענעראַל כאָסע מאַריאַ פאַז. ער האָט אַלץ געוואונטשן און געהאָפט צו קאָנען זיך נאָך אומקערן קיין אַרגענטינע.

אין איינעם אַ בריוו צו אַ פריינט האָט ער געשריבן: „די ווינטערדיקע קעלט פאַרשאַרפט מיר די ווייטיקן און איך מוז איבערלאָזן מיין זומער הויז, אָבער מאָרגן קער איך מיך אום אַהין אַף נישט צו פאַרלאָזן מיין ווינקל, ביז דער האָריזאָנט איבער בוענאָס איירעס וועט זיין אַזעלכער וואָס וועט מיר מעגלעך מאַכן זיך אומצוקערן אין יענעם לאַנד אַף צו לאָזן דאָרט מיינע ביינער".

דער געזונטצושטאַנד איז געווען ווי אַ טאָג. אַמאָל בעסער און אַמאָל ערגער. אין אַפּריל 1833 האָט ער געשריבן צו מאַריאַנאָ אַלוואַרעז אין פּערו: „דער איינפלוס פון דאָזיקן ווינטער איז נישט געווען אַזאַ שעדלעכער אַף מיין געזונט ווי איך האָב גערעכנט דורך דער שוואַכקייט וואָס איך האָב געפילט סוף האַרבסט. דריי אָדער פיר נייע אַנטצינדונגס אַטאַקעס אַפן מאָגן זיינען פאַרשוואונדן דורך אַ פּאָר טעג ליגן צו בעט און אַ שטרענגע דיעטע. אויב עס וועט זיך נישט פאַרערגערן , געפין איך מיך אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד אַף אונטערצונעמען אַ ווייטע רייזע צו די בעדער, אַף וועלכע איך לייג גרויס האָפענונג צוריקצוקומען צום געזונט". דאַמאָלס איז סאַן מאַרטין אַלט געווען קוים 55 יאָר.

גרויס פרייד האָט אים פאַרשאַפט דער באַזוך פון אַרגענטינער אָדער טשילענער. עס איז געקומען אים באַזוכן דאַניעל גידאָ ספּאַנאָ (אַ זון פון זיין פריינט גידאָ), וואָס האָט שטודירט אין פּאַריז: עס זיינען געקומען קיין גראַן בורג

פראַנציסקאַ און אַנטאַניאַ טעקאַרנאַל, טשילענער, וואָס האָבן געמאַכט אַ רייזע איבער אייראָפּע; אַ זון פון גענעראַל פּריעטאַ, אַ יונגערמאַן וועמען סאַן מאַרטין האָט אַלס אינגל אָפּט געהאַלטן אױף דער שויס בשעת זיין באַזוך אין פּריעטאָס הויז אין טשילע אין דער צייט פונעם קאַמפּיין. עס איז געקומען דעם גענעראַל פּינטאָס אַ זון, אַ טשילענער, מיט אַ בריוו פון זיין פאָטער, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „איך בעט אייך, גענעראַל, צו בענטשן מיין זון. דאָס איז זיין איינציקער וואונטש, און זאָל דאָס זיין פאַר אים אַ סטימול, נישט אָפּצונייגן קיינמאָל פונעם ערנוועג".

מערסעדעס, ווי געזאָגט, האָט באַשאָנקען איר פאָטער מיט צוויי אייניקלעך, און זיי, די קליינע אייניקלעך, זיינען געווען די פרייד און גליק פונעם גרויסן זיידן. האָט אַ קינד זיך צעוויינט האָט סאַן מאַרטין באַלד זיך גענומען עס באַרואיקן, דערלאַנגענדיק אים אַלערליי שפּילצייג, דערציילנדיק מעשהלעך און אויפטשעפּענדיק אָפּן קליידל מעדאַלן, יענע מעדאַלן, וואָס ער האָט באַקומען פאַר אויסצייכענונגען אין שלאַכטן.

זייער אָפּט פלעגט סאַן מאַרטין באַזוכט ווערן פון דעם יונגן אַרגענטינער דיכטער פלאָרענסיאָ באַלקאַרסע, מערסעדעסעס שוואָגער. אין אַ בריוו צו זיין ברודער אין בוענאָס איירעס האָט ער אין 1838 געשריבן: „איך האָב דאָס פאַרגעניגן צו זען די פאַמיליע אַ זונטיק יאָ און דעם אַנדערן נישט. איך וואָלט געגאַנגען אַלע וואָך ווען די שיפן וואָלטן דאָ געפאָרן נאָרמאַל. דער גענעראַל געניסט אָפּן בעסטן אופן אַ רואיק, איינזאַם לעבן וואָס ער האָט אַזוי געוואונטשן. אין איינעם אַ טאָג האָב איך אים געטראָפן רייניקן די פּיסטוילן וואָס ער האָט. אַ צווייט מאָל האָב איך אים געטראָפן באַ סטאָליערײַ. שטענדיק האָט ער באַ וואָס צו זיין באַשעפטיקט. מערסעדעס גיט זיך אָפּ מיט די קינדער, און זיי ווערן וואָס אַ טאָג שקוצעוואַטער. די עלטערע פאַרשטייט שוין פראַנצויזיש און שפּאַניש, כאָטש זי רעדט נאָך נישט גוט. און די קלענערע, זאָגט דער זיידע, אַז זי קאָן נישט איינרוען אַ מינוט".

די לעצטע יאָרן פונעם באַפרייער

דאָס לעבן אין גראַן בורג איז אין אַלגעמיין דורכגעגאַנגען גאַנץ צופרידנשטעלנדיק פאַר סאַן מאַרטינען. אין אַ געווויסער מאָס האָט ער דאָ געהאַט די רו וועלכע ער האָט אייביק זיך געוואונטשן. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען די טאָכטער מיט די אייניקלעך. אָבער אויך דאָס באַקומען באַזוכן אָדער זען זיך מיט פרישע מענטשן האָט אים פאַרשאַפט פרייד.

אין איינעם אַ טאָג אין 1843 איז געקומען קיין פּאַריז דער יונגער כואַן באַוטיסטאַ אַלבערדי, דער שפּעטערדיקער שעפער פון בארימטן ווערק, „באַזעס".

ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון דער באַלאַגערטער מאָנטעווידעאָ און קומען קיין פראַנקרייך. דאָ האָט ער אין הויז פון מאַנועל כאָסע דע גערריקאַ אין פאַריז זיך געטראָפן מיט סאַן מארטינען, און אַלבערדי איז געבליבן איבערראַשט פונעם עלעגאַנטן אויסזען און דער שפּראַך פון סאַן מאַרטין. דעם 1־טן סעפּטעמ־בער האָט אַלבערדי, אויף דער איינלאַדונג דורך באַלקאַרסע, אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין גראַן בורג. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געווען וועגן וואָס צו ריידן. אַרגענ־טינע האָט זיך געפונען אונטער דער דיקטאַטור און טיראַניי פון ראָסאַס, און כאָטש סאַן מאַרטין איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון גוואַלד־רעזשימען האָט ער שטילערהייט סימפּאַטיזירט מיט ראָסאַס דעם מלוכה־מאַן וואָס איז אימ־שטאַנד אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער טעריטאָריע און די סואָווערעניטעט פון לאַנד.

ס'איז שפּעטער אַביסל, אין 1844, געקומען קיין פּאַריז דער אַרגענטינער דיכטער, פלאָרענסיאָ וואַרעלאַ, וועמען ראָסאַס האָט געהאַט באַצייכנט, אַלס „אַגיטאַטאָר פון ערשטער ליניע, בייזוויליקער און פאַרדאַרבענער". עס איז געלונגען וואַרעלאַן זיך אַרויסצוכאַפּן פון מאָנטעווידעאָ און קומען קיין פאַריז צו ווירקן לטובת דער אונטאַרישער באַוועגונג. דעם 7־טן אַפּריל האָט ער באַזוכט סאַן מאַרטינען אין גראַן בורג, און ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו עסן מיטיק. נאָכן ענדיקן דעם מאָלצייט האָט דער יונגער באַלקאַרסע געזאָגט:

„פּאָטער, אויב איר ווילט, וועלן מיר טרינקען פאַר וואויל פון אונדזער גאַסט".

סאַן מאַרטין האָט אָנגענומען; און הויבנדיק דעם בעכער האָט ער געזאָגט אַ פּאָר ווערטער פאַר וואַרעלאַן. דאַרויף האָט דער גאַסט געענטפערט: „איך וועל שטאַרבן איצט צופרידענער, נאָך דעם ווי איך האָב געזען דעם מאַן וועמען אונדזער פאָטערלאַנד איז דאַנקבאַר פאַר די אָפּגעהאַלטענע זיגן". סאַן מאַרטין אַ גערירטער פון די ווערטער פון דעם קעמפערישן יונגערמאַן האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און אַ זאָג געטאָן: „באַרבאַרן! איר קאָנט זיך נאָך אַלץ נישט זעטיקן נאָך אַזויפיל יאָר פאַרפאָלגן די ערלעכע מענער?"

ווי באַוואוסט, איז וואַרעלאַ מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן אין מאָנטעווידעאָ (דעם 20טן מערץ 1848) דורך אַ ראָסיסטישער מערדער־האַנט.

נאָך די באַזוכן פון אַלבערדי און וואַרעלאַ איז געקומען נאָך אַן אַרגענטינער יונגערמאַן אין גראַן בורג. ער איז געקומען פון טשילע און געבראַכט סאַן מאַר־טינען אַ בריוו אונטערצייכנט פון גענעראַל לאַס העראַס און דאַטירט אין סאַנ־טיאַגאָ דעם 18־טן אָקטאָבער 1845.

לאַס הערראַס האָט אין דאָזיקן בריוו פאַרגעשטעלט דאָמינגאָ פאַוסטינאָ סאַרמיענטאָ, וועלכער איז דעמאָלסט אַלט געווען 36 יאָר, אַ יונגערמאַן אַ ליטע־ראַטור קענער, אַ דערציער און אַ פּאַטריאָטישער קעמפער. דערנאָך זיינען אין בריוו געקומען אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער. סאַן מאַרטין האָט אָנגעקוקט דעם

גאַסט און עס זיינען אים געקומען זכרונות אין געדאַנק: לאַס העראַס, די אַנדן, טשאַקאַבוקאַ און מאַיפּו. לאַס העראַס מיט אים אין טשילע און דערנאָך אין פּערו. מען האָט אַרומגערעדט די לאַגע אין טשילע, פּערו און אַרגענטינע. סאַן מאַרטין האָט זיך דערמאָנט אין סאַרמיענטאָס פּאָטער קלעמענטע, וועלכער האָט געבראַכט קיין סאַן כואַן די ידיעה וועגן זיג אין טשאַקאַבוקאַ. זיין איצטיקער גאַסט איז דעמאָלסט געווען אַ אינגל פון זעקס יאָר.

נאָך אַ לאַנגן שמועס האָט סאַרמיענטאָ מודה געווען אַז ער איז געקומען הערן פון סאַן מאַרטינס ליפּן אייניקע געשעענישן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. סאַן מאַרטין האָט דאַרויף טרוקן געענטפערט: „מיינע פּאַפּירן זיינען

גענעראַל סאַן מאַרטין אויף דער עלטער

אין אָרדענונג". אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער יונגער סאַרמיענטאָ געגעבן אין פּאַריז אַ קאָנפערענץ אין היסטאָרישן אינסטיטוט פון פראַנקרייך איבערן אינטערוויו פון גוואַיאַקיל.

אַלע געסט וואָס זיינען געקומען פון אַרגענטינע, מאָנטעווידעאָ און טשילע האָבן דערציילט וועגן דער טיראַניי פון ראָסאַס, אָבער סאַן מאַרטין האָט זיך נישט געלאָזט מיטרייסן פונעם היציקן פּאַטריאָטישן ברען פון די קעמפערישע יונגעלייט. ער איז געבליבן מיט זיין מיינונג, אַז כאָטש ס'איז צו פאַרדאַמען די טיראַניי האָט מען אָבער צו פאַרדאַנקען ראָסאַסן וואָס ער האָלט אויף די גאַנצייקט פון לאַנד.

סאַן מאַרטין און ראָסאַס האָבן זיך נישט געקאַנט פּערזענלעך און נישט געהאַט קיין שריפטלעכע באַציִונגען ביזן יאָר 1838, נאָר ווען סאַן מאַרטין איז געוואָר געוואָרן, דעם 8־טן אויגוסט פון דערמאָנטן יאָר, אַז דער פראַנצויזישער פלאָט אין לאַ פּלאַטאַ געביט, אָנגעפירט פון אַדמיראַל לע בלאַנק, דראָעט צו אַטאַקירן בוענאָס איירעס, האָט דער באַפרייער געשריבן אַ בריוו צו ראָסאַסן, אין וועלכן ער האָט געשילדערט דעם פּאַרוואָס ער איז געצוואונגען צו לעבן אין גלות און דערקלערט זיין גרייטקייט צו קומען קיין בוענאָס איירעס און זיך שטעלן צו דינסט דעם פאָטערלאַנד. צו די דריי טעג נאָכן באַקומען אַ ידיעה וועגן דער נוצלעכקייט פון זיין קומען, וועט ער פאַרלאָזן פראַנקרייך און זיך שטעלן „צום באַפעל וואוהין איר וועט מיך דאַרפן. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועל איך מיך צוריקציִען אין אַ ווינקל — אין פאָטערלאַנד אויב עס וועט מיר געגעבן ווערן זיכערקייט און רו, אָדער אין קעגנטייל וועל איך מיך אומקערן קיין איירָאָפּע, אויב כ׳וועל נישט קאָנען לאָזן מיינע אַלטע ביינער אינעם פאָטערלאַנד וואו איך בין געבוירן".

ראָסאַס האָט אין אַ בריוו דעם 24־טן יאַנואַר 1839 געענטפערט מיט אַ באַדויערן איבער „די פינצטערע געשעענישן וואָס האָבן געצוואונגען אונדזער באַפרייער צו לעבן אין גלות". ער באַגריסט אים פאַר זיין אָנערקענען דאָס „אומרעכט פון זיינע פאַרפאָלגערס" און דאַנקט אים פאַר דעם „נאָבעלן אָנבאָטן זיינע לייסטונגען" דערקלערנדיק, אַז ער וועט אין נויטיקן פאַל אויסנוצן דעם אָנבאָט.

דערביי האָט ראָסאַס געשריבן אַז ער וואָלט זייער וועלן אַז סאַן מאַרטין זאָל זיך אומקערן אַהיים, אָבער ער האַלט עס נישט פאַר ראַטזאַם איבער דער שווערקייט פון דער ים־רייזע. ער קאָן אָבער אַ סך אויפטאָן פאַר דער רעפּובליק, באַמיִענדיק זיך בײַ די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

ס׳איז דערנאָך פאָרגעקומען אַן אָפטער בריוועטויש צווישן סאַן מאַרטינען און ראָסאַסן. דער דיקטאַטאָר האָט דעם 17־טן יולי 1839 באַשטימט סאַן מאַרטינען אַלס געזאַנדטן אין לימאַ, אָבער דער באַפרייער האָט דעם פּאָסטן נישט געוואָלט אָננעמען איבער פאַרשטענדלעכע טעמים.

אַ קורצע צייט שפּעטער ווערט סאַן מאַרטין געוואָר פון דער דערמאָרדונג פון ד"ר מאַסאַ אין בוענאָס איירעס, און פון שווערע פאַרפאָלגונגען מצד דער טיראַניי פון ראָסאַס און ער שרייבט אין אַ בריוו צו זיין פריינט גרעגאָריאָ גאָמעז דעם 21־טן סעפּטעמבער 1839: „איך קוק זיך צו מיט אַ טיפן געפיל צו די געשעענישן אין אונדזער אומגליקלעך פאָטערלאַנד, און דאָס ערגסטע פון אַלעם איז וואָס איך זע נישט קיין מיטל אַז די לאַגע זאָל זיך בעסערן. דו קאָנסט גוט מיינע געפילן און דעריבער קאָן איך נישט גוטהייסן די אויפפירונג פון גענעראַל ראָסאַס, ווען איך זע די פאַרפאָלגונגען פון די ערנהאַפטסטע מענער פון אונדזער לאַנד. די דערמאָרדונג פון ד"ר מאַסאַ איבערצייגט מיך אַז די

רעגירונג פון בוענאָס איירעס שטיצט זיך בלויז אויף גוואַלד. אָבער נישט געקוקט דאַרויף וועל איך קיינמאָל נישט איינשטימען, אַז וועלכער ס'איז זון פונעם לאַנד זאָל זיך פאַרבונדן מיט אַן אויסלענדישע מלוכה קעגן זיין פאָטערלאַנד".

ד"ר מאַנועל וויסענטע מאַסאַ איז געווען פרעזידענט פון דער לעגיסלאַטור פון פּראָווינץ בוענאָס איירעס, און ער איז דערשטאָכן געוואָרן אין דער לעגיסלאַטור גופא.

דער פריער דערמאָנטער בריוו איז דער איינציקער דאָקומענט, אין וועלכן סאַן מאַרטין האָט פאַרדאַמט די טיראַניי פון ראָסאַס.

אין אָקטאָבער 1845 ווערט סאַן מאַרטין געוואָר אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן דערקלערט קריג דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע און ער שרייבט אין אַ בריוו צו גענעראַל גידאָ זיין פאַרדאַמונג קעגן דער נייער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, אַרויסטרעטנדיק מיט שאַרפע ווערטער קעגן „די צוויי גרויסע וועלט־מאַכטן וואָס האָבן זיך פאַראייניקט צו באַגיין דעם גרעסטן און אומגערעכטסטן אָנגריף וואָס קאָן באַגאַנגען ווערן קעגן אַן אומאָפּהענגיקן שטאַט". ער שרייבט דאָרט ווייטער: „איצט מער ווי קיינמאָל נישט פיל איך אַז דאָס געזונט וואָלט מיר נישט דערלויבט צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג פון די הייליקסטע רעכטן פון אונדזער פאָטערלאַנד, רעכטן וואָס די אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער וועלן חרטה האָבן פאַר דעם נישט פאַרטיידיקן זיי, אָדער ווייניקסטנס פּראָטעסטירן קעגן יעדער אינטערווענץ פון די אייראָפּעישע מלוכות".

די לעצטע טעג

דער געזונטצושטאַנד איז ביסלעכווייז געבראָכן געוואָרן באַן סאַן מאַרטינען. זייט 1845 האָט זיך אָנגעהויבן באַ אים די אָפּשוואַכונג פון דער ראיה (זע־קראַפט) און דריי יאָר שפּעטער האָבן די קאַטאַראַקטן אים געהאַט אַזוי פאַרטונקלט די שוואַרצאַפּלען אַז ער האָט מער נישט געקאָנט אַרבעטן. זיין טאָכטער פלעגט אים לייענען די צייטונגען און געשריבן די בריוו, און ער האָט זיי קוים אונטערגעשריבן. דער קאָפּ איז געוואָרן פולשטענדיק גרוי. נישט געקוקט אָבער אויף דעם האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אינטערעס וועגן די געשעענישן אין די אַמעריקאַנער לענדער און באַזונדערס אין אַרגענטינע. ער איז געבליבן מיט דער האָפענונג אַז ס'וועט קומען אַ צייט פון דעמאָקראַטישע רעזשימען אין אַמעריקע, אָבער דערווייל מוז מען דולדן אין אַרגענטינע דעם רעזשים פון אונדזער דאָן כואַן מאַנועל, ווי ער פלעגט רופן ראָסאַסן.

אין פאַריז האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון 1848, און סאַן מאַרטין האָט באַשלאָסן, בכדי צו זיין ווייט פונעם צענטער פון דער געשעעניש איבערצולאָזן אויף אַ שטיק צייט זיין זומער־הויז אין גראַן בורג און זיך באַזעצן אין

בולאָניע סור מער. פון דאָרט איז לייכטער אַרויסצופאָרן קיין ענגלאַנד אין פאַל די רעוואָלוציע וועט זיך פאַרשאַרפן. דאָ אין בולאָניע האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין אַ דירה אַף דער גאַס גראַן רי 105. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פּראָוויזאָרישע דירה ביז די לאַגע וועט אים מעגלעך מאַכן אומצוקערן צו זיין זומער־הויז, אָבער ס'איז געבליבן שוין זיין לעצטע דירה.

די קאָרעספּאָנדענץ האָט ער נאָך פאָרגעזעצט מיט דער הילף פון זיין טאָכטער. אין אַ בריוו דאַטירט אין בולאָניע סור מער דעם 2־טן נאָוועמבער 1848, געשריבן צו ראָסאַס, האָט סאַן מאַרטין געמאָלדן וועגן זיין אַריבערציען זיך אַהער און שילדערט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג באַצייכענענדיק זי אַלס ריין סאָציאַלע. צולעצט האָט זיך געזאָגט: „דאָס איז דער לעצטער בריוו וואָס ווערט געשריבן מיט מיין האַנט. נאָך דריי יאָר קאַטאַראַטן זע איך באַטאָג קוים וואָס איך שרייב, און טו עס מיט גרויס אָנשטרענגונג. עס בלייבט מיר אָבער די האָפענונג צו לאָזן אָפּערירן די אויגן קומענדיקן זומער און צוריקבאַקומען די ראיה. אויב דער רעזולטאַט זאָל זיין נישט אַזעלכער ווי איך דערוואַרט, האָב איך נאָך גענוג רעזערוו כוחות: די רעזיגנאַציע און די גלענצנדע וואַכזאַמקייט פון מיין פאַמיליע". דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען דער לעצטער בריוו צו ראָסאַס. עס זיינען געקומען נאָך צוויי בריוו שפּעטער, איינער דאַטירט דעם 29־טן נאָוועמבער 1848 און דער אַנדערער דעם 6־טן מאַי 1850. אין לעצטן דאַנקט סאַן מאַרטין פאַר באַשטימען זיין איידעם באַלקאַרסע אַלס אָפּיציר פון דער אַרגענטינער געזאַנדשאַפט אין פראַנקרייך.

סאַן מאַרטין האָט געפילט אַז עס הויבט זיך אָן דערנענטערן דער סוף, אָבער ער איז נישט אַרומגעגאַנגען צוליב דעם צעטראָגן. ער האָט נישט אויפגעגעבן די האָפענונג נאָך צוריקצובאַקומען זיין זעקראַפט. און אומרואיק האָט ער נישט געהאַט וואָס צו זיין, ווייל שטאַרבן איז מענטשלעך, און אַ צוואה האָט ער געהאַט שוין געשריבן מיט יאָרן צוריק. די צוואה האָט ער געשריבן אין איינעם אַ ווינטער אינאָוונט דעם 23־טן יאַנואַר 1844, געשריבן מיט דער אייגענער האַנט, און דאָרט האָט זיך געזאָגט:

„אין נאָמען פון גאָט דעם אַלמעכטיקן, וועמען איך קען אַלס שעפער פון דער וועלט, זאָג איך, כאָסע דע סאַן מאַרטין, גענעראַליסימוס פון דער רעפּובליק פּערו און גרינדער פון איר פרייהייט, גענעראַל קאַפּיטאַן פון טשילע און בריגאַדע גענעראַל פון דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע, נעמענדיק אין אַכט מיין שלעכטן געזונט צושטאַנד, דערקלער איך דורכן דאָזיקן טעסטאַמענט פאָלגנדעס". עס קומט דאָרט אָן אָנזאָג, אַז זיין טאָכטער מערסעדעס, פאַרהייראַט מיט מאַריאַנאָ באַלקאַרסע, בלייבט די יורשטע; ס'זאָל געגעבן ווערן זיין שוועסטער מאַריאַ עלענאַ אַ פּענסיע פון טויזנט פראַנק יערלעך; „די שווערד וואָס האָט מיך באַגלייט אין דער גאַנצער מלחמה פון אומאָפּהענגיקייט אין זיד־אַמעריקע זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם גענעראַל פון דער אַרגענטינער רעפּובליק, דאָן כואַן

מאַנועל ראָסאַס, אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פון צופרידנקייט וואָס איך האָב געהאַט אַלס ארגענטינער, זעענדיק זיין פעסטקייט, מיט וועלכער ער האָט אויפגעהאַלטן דעם כבוד פון דער רעפובליק קעגן די פּרעטענזיעס פון די אויס־לענדער וואָס האָבן זי געוואָלט דערנידעריקן". דערנאָך קומט אַן אָנזאָג, נישט צו מאַכן אים קיין שום פּאָמפּיעזע לויה. ער וויל אָבער אז דאָס האַרץ זאָל געבראַכט ווערן קיין בוענאָס איירעס. ער דערקלערט אז ער בלייבט קיינעם גאָרנישט שולדיק און דריקט צולעצט אויס אָנערקענונג זיין טאָכטער און דעם איידעם, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט. עס קומט דערנאָך אַ צוגאָב, אַז די פאָן פון פיסאַראָ, דער דעראָבערער פון דער אינקאַ אימפּעריע, זאָל אומגעקערט ווערן קיין פּערו. דאָס איז די פאָן וואָס דער קאָנגרעס אין לימאַ האָט געהאַט געשאָנקען סאַן מאַרטינען.

ער האָט נישט געוואָלט קיין פּאָמפּיעזע לויה, קיין גלחים מיט גלעקער און בילדער, נאָר אַ פּשוטע באַערדיקונג. דאָס האַרץ — האָט ער געשריבן אין טעסטאַמענט — זאָל געשיקט ווערן קיין בוענאָס איירעס.

זיין געזונט צושטאַנד איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער און ער איז מיט דער צייט אין גאַנצן בלינד געוואָרן.

אין יולי 1850 האָט סאַן מאַרטין געבעטן מען זאָל אים פירן אין דעם וואַרמבאַד פון ענגהיען, לעבן פּאַריז. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם אַרגענטינער פּעליקס אַריאַס, אַ ליבעראַלער פּובליציסט וואָס האָט געקעמפט קעגן ראָסאַסן. סאַן מאַרטין האָט זיך זייער דערפריייט מיט אים, האָט גערעדט מיט אים וועגן די וועלדער פון טוקומאַן און די גערטנער פון קוזשאָ. ער האָט גערעדט מיט גרויס בענקשאַפט און געזאָגט: „טראָץ דער אַנאַרכיע אינעם לאַנד דורך דער טעטיקייט פון די קאַודיזשאָס האָף איך אויף אַ גוטער צוקונפט אין יענע לענדער".

דעם 13־טן אויגוסט האָט דער קראַנקער זיך געפילט זייער שלעכט, נאָר ער האָט עס נישט געוואָלט אַרויסווייזן דער טאָכטער. ער האָט די ווייטיקן באַ־האַלטן אין זיך. מערסטעדעס איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים געצערטלט און געפרעגט ווי אַזוי ער פילט זיך, און ער האָט שטילערהייט אין פראַנצויזיש אַ זאָג געטאָן — Cest lorage qui mene au port! — „עס איז דער שטורעם וואָס קלאַפּט אין דער טיר". ער האָט דערפילט דעם אָנקום פון פאַטאַלן טאָג.

שבת דעם 17־טן אויגוסט 1850 האָט ער אויפגעוואַכט פרי. ער האָט געבעטן די טאָכטער זי זאָל אים אַרומפירן אַביסל איבער דער שטוב. דערנאָך האָט זי אים פאָרגעלייענט די צייטונגען. דערוואַרטנדיק דאָס קומען פונעם מעדיקער ד"ר זשאַקסאָן האָט ער אָנגעשיט אין טאַבאַק־שקעטעלע טאַבאַק, אויף מכבד צו זיין דעם דאָקטער. מערסעדעס האָט נישט אָפּגעטרעטן אַ מינוט פונעם פאָטער.

קורץ נאָך 2 אַזייגער נאָכמיטיק האָט ער געפילט העפטיקע מאָגן קרעמפּן.

דער מעדיקער האָט אים געוואָלט איינריידן אַז די וויטיקן וועלן זיך באַלד באַרואיקן, אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי. צולעצט האָט סאַן מאַרטין געבעטן אים צו לייגן אין בעט פון זיין טאָכטער און מען האָט זיין וואונטש נאָכגעגעבן. מיט אַמאָל האָט ער באַקומען קאָנוואולסיעס און ער האָט מיט קוים הערבאַרע ווערטער געבעטן דעם איידעם אַרויסצושיקן מערסעדעסן. ס'איז געקומען אַ לעצטער זיפץ און מיט דעם האָט כאָסע דע סאַן מאַרטין אויסגעהויכט זיין נשמה, אַן גסיסה.

ס'איז געווען דעמאָלסט דריי אַזייגער באַטאָג. אַרום שטאַרבנדיקן זיינען געווען די טאָכטער, דער איידעם, דער מעדיקער ד"ר זשאַקסאָן, דער אַדוואָקאַט זשעראַר, דער טשילענער געזאַנדטער פראַנציסקאָ כאַוויער ראָסאַלעס, וואָס איז געקומען אייליק פון פאַריז, און ער האָט געמאָלדן דערנאָך די ידיעה זיין רעגי־רונג אָפיציעל: „ער האָט געענדיקט דאָס לעבן אין די אָרעמס פון זיין פאַמיליע מיט דער רואיקייט פון אַ צדיק".

אינאָוונט זיינען געקומען צוויי באַרמהאַרציקע שוועסטער צו זאָגן תפילה מיט דער טאָכטער און אייניקלעך פאַר דער רו פון דער נשמה. זיי האָבן צו־נויפגעלייגט די הענט פונעם טויטן אָפן האַרץ און אַריינגעלייגט צווישן זיי אַ צלמל. אָפן טיש זיינען אָנגעצונדן געוואָרן צוויי ליכט. צוויי טעג שפּעטער, דעם 19־טן אויגוסט, איז דער טויטער קערפּער אַריינגעלייגט געוואָרן אין דריי אָרנס, צוויי פון האָלץ און איינער פון צינק און ער איז באַערדיקט געוואָרן אין דער נאָטרדאַם קירכע פון בולאָניע.

געשטאָרבן איז סאַן מאַרטין אַ סך שענער ווי גענעראַל באָליוואַר. יענער איז געשטאָרבן מיט צוואָנציק יאָר פריער אין עלנט און אָרימקייט, ווייט פון די פעלקער וואָס ער האָט באַפרייט, און סאַן מאַרטין האָט דערלעבט דעם עלטער פון 72 יאָר, און אַרום זיין קראַנקנבעט האָט זיך געפונען זיין גוט־דער־צויגענע טאָכטער מיט איר מאַן, און ער האָט ביזן טויט געהאַט אַ נאָמען און אָנזען.

די ידיעה פון סאַן מאַרטינס טויט איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן און פרעסע און פרייוואַט האָבן קאָמענטירט דאָס געשעעניש. גענעראַל אַלוועאַר איז געווען דעמאָלסט אין ניו יאָרק און ער האָט אין אַ בריוו צו גענעראַל טאָמאַס גידאָ גע־מאַכט אַ הספד איבער דעם פאַרלוירענעם אַמאָליקן פריינט. ווען ראָסאַס איז געוואָר געוואָרן וועגן טויט פון סאַן מאַרטין האָט ער באַלד געלאָזט וויסן באַל־קאַרסען אַז באַ דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן די רעשטן פונעם נפטר אַריבער־געפירט ווערן קיין בוענאָס איירעס אָפן חשבון פון דער קאָנפעדעראַציע.

די רעשטן פון באַפרייער געבראַכט קיין אַרגענטינע

נאָכן טויט פון סאַן מאַרטין איז די געבליבענע פאַמיליע, די טאָכטער מיטן מאַן און קינדער אַוועק פון בולאָניע סור מער צוריק קיין פּאַריז. דאָס הויז פון גראַן בורג איז פאַרקויפט געוואָרן, און ס'איז געקויפט געוואָרן אַ הויז אין ברונאַי.



דער מאַוזאָליי פון גענעראַל סאַן מאַרטין

דאָרט אין נייעם הויז איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן צימער דאָס מעבל, פּאַפּירן, דאָקומענטן און רעליקוועס פון סאַן מאַרטין. אין 1861 איז דער

אָרן מיט די רעשטן פון סאַן מאַרטין געבראַכט געוואָרן פון דער קאַטעדראַל אין בולאָניע אין דער קירכע פון ברונאָי.

דאָס פאַרשפּרעכן פון ראָסאַס צו ברענגען קיין בוענאָס איירעס די רעשטן פונעם גראַן קאַפּיטאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן, ווייל אָנדערהאַלבן יאָר

פאַקסימיל פון דעם בראָנזענעם אָנדענקס־טאָוול, וואָס די דאַיאַ האָט אין נאָמען פון דער אידישער קאָלעקטיוויטעט אויפגעשלאָגן זונטיק דעם 13טן אויגוסט 1950 אפן מאָנומענט, וואָס געפינט זיך אַף סעררא דע לא גלאָריאַ, מענדאָסאַ, אַלס אָנשלוס צו דער פייערונג פונעם הונדערטסטן יאָרטאָג פון סאַן מאַרטינס טויט.

נאָכן טויט פון סאַן מאַרטין איז אַרגענטינע באַפרייט געוואָרן פון דער טיראַניי פון ראָסאַס און דער דיקטאַטאָר האָט געמוזט אַנטלויפן קיין ענגלאַנד. אורקיסאַ איז געווען דער ערשטער צו לאָזן באַערן דעם אָנדענק פון סאַן מאַרטין אין פּאַ־ראַנאַ. אין 1862 אונטער דער פּרעזידענץ פון מיטרע איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער מאָנומענט אַף דער פּלאַסאַ רעטיראָ און אין 1880 זיינען געבראַכט געוואָרן די רעשטן פון סאַן מאַרטין קיין בוענאָס איירעס.

דעם 25־טן מאַי 1877 איז אין טעאַטער קאָלאָן דורכגעפירט געוואָרן אַן אויסעראָרדנטלעך גרויסער פעסטיוואַל, אַף צו זאַמלען געלט אַריבערצוברענגען די רעשטן פון באַפרייער. נאָך די רעדעס וואָס עס האָבן געהאַלטן כאָסע מאַנועל עסטראַדאַ און גענעראַל ניקאָלאַס דע לאַ וועגאַ, האָבן די דיכטער, מאַרטין קאַראַ־

נאַדא, בערוואַסיאַ מענדעז, אַלעגאַריאַ וו. אַנדראַדע, עסטאַניסלאַאָ דעל קאַמפּאָ און כוליאַ ע. מיטרע רעציטירט פון זייערע שאַפונגען. אַנדראַדאַ האָט זיך דער־מאָלסט אויסגעצייכנט מיט זיין פּאָעמע „אָדלער נעסט”, וועלכע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם און איז לאַנג קאָמענטירט געוואָרן.

מיט דריי יאָר שפּעטער, דעם 19־טן מאַי 1880, האָט דער פּרעזידענט ניקאָלאַס אַוועזשאַנעדאַ אונטערצייכנט אַ דעקרעט, אין וועלכן עס איז אָנגענומען געוואָרן דער טאָג און דער אופן פון ברענגען אַהער די רעשטן, און דעם 28־טן מאַי זיינען די רעשטן געבראַכט געוואָרן קיין בוענאָס איירעס מיט דער טראַנס־פּאָרט־שיף ווילאַרינאַ, און זיינען באַערדיקט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּ. צווישן די בייוועזנדע האָט זיך געפונען דער אַלטער גענעראַל פּריאַס און אַנדערע וועטע־ראַנען, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם קאַמפּיין פון סאַן מאַרטין. די אורנע מיט די רעשטן געפינט זיך אינעם מאַוזאָליי פון דער קאַטעדראַל.

מאַריאַנאַ באַלקאַרסע, דער איידעם פון סאַן מאַרטין, האָט אויסגעפירט די צוואה פון זיין שווער. מערסעדעס, סאַן מאַרטינס טאָכטער, איז געשטאָרבן דעם 28־טן פעברואַר 1875. איר טאָכטער מאַריאַ מערסעדעס איז געשטאָרבן אַלס מיידל, אין 1860, און מאַריאַנאַ באַלקאַרסע איז געשטאָרבן דעם 20־טן פעברואַר 1885, אין עלטער פון 75 יאָר. געבליבן איז בלויז דאָס צווייטע אייניקל סאַן מאַרטינס, כאָסעפאַ, און זי האָט חתונה געהאַט אין פּאַריז מיט פערנאַנדאָ גוטיע־רעז עסטראַדאַ. זי איז עס געוועזן די וואָס האָט איבערגעשיקט פון ברונאַי, פראַנק־רייך, דעם אַרכיוו פון איר זיידן צו גענעראַל מיטרע, און ער האָט עס באַנוצט צו שרייבן דאָס גרויסע ווערק „די געשיכטע פון סאַן מאַרטין און די עמאַנציפּאַציע פון זיד־אַמעריקע”.

מיט דריי יאָר צוריק זיינען געבראַכט געוואָרן פון שפּאַניע קיין אַרגענטינע די ביינער פון גענעראַל סאַן מאַרטינס עלטערן, כואַן דע סאַן מאַרטין און גרעגאָריאַ מאַטאָרראַ.

דעם אַרגענטינער פאָלק איז געבליבן הייליק דער אָנדענק פון גרויסן באַפרייער און אונדזער רעגירונג האָט דאָס היינטיקע יאָר 1950, אינעם הונדערטסטן אַניווערסאַר פון סאַן מאַרטינס טויט, פּראָקלאַמירט אַלס **יאָר פונעם באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין.**

דער הונדערטסטער יאָרצייט

ס'איז געווען אַן אייביקער הייסער ווּאונטש פון סאַן מאַרטין אין צייט פון זיין לעבן אין גלות, צו קאָנען זיך אומקערן אין זיין געבורטסלאַנד און זיך אויסלעבן רויק די יאָרן. און אויב דאָס איז נישט מעגלעך, זאָלן כאָטש זיינע ביינער באַקומען די אייביקע רו אינעם לאַנד וואו ער איז געבוירן. ער האָט דעמדאָזיקן ווּאונטש אויסגעדריקט באַ פאַרשידענע געלעגנהייטן אין שמועסן און אויך אין בריוו. ווען ער האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געזען, אַז ס'איז נישט מעגלעך אַז זיין גרויסער חלום זאָל מקוים ווערן, האָט ער אין דער צוואה אויסגעדריקט זיין לעצטן ווּאונטש, אַז זיין האַרץ זאָל כאָטש איבער־געפירט ווערן קיין בוענאָס איירעס.

מיט יאָרן שפּעטער נאָך זיין טויט איז זיין ווּאונטש דערפילט געוואָרן. זיינע רעשטן זענען געבראַכט געוואָרן קיין בוענאָס איירעס און אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס יראת הכבוד פון דער רעגירונג און פאָלק. די רעשטן פונעם גרויסן פראָסער זענען באַגלייט געוואָרן צו דער אייביקער רו מיט עמאָציע און ליבע מצד דעם פאָלק, פאַר וועמענס באַפרייונג ער האָט אַזוי קרבנותפול געקעמפט.

דער טאָג פון סאַן מאַרטינס יאָרצייט, דער 17טער אויגוסט, איז אין גאַנצן לאַנד געפייערט געוואָרן יאָר־יערלעך דורך אַלערליי אַקטן, דערמאָנענדיק מיט ליבע דעם באַפרייער. און נישט בלויז אין אַרגענטינע, נאָר אויך אין טשילע און פּערו, וואו סאַן מאַרטין האָט פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט, ווערט געפייערט זיין יאָרצייט.

ביים דערנענטערן זיך פון יאָר 1950, האָט אונדזער רעגירונג, אונטער דער פּרעזידענץ פון גענעראַל כואַן דאָמינגאָ פּעראָן, באַשטימט אַז דאָס יאָר פונעם סענטענאַר פון סאַן מאַרטינס טויט זאָל באַצייכנט ווערן אַלס „יאָר פונעם באַ־פרייער גענעראַל סאַן מאַרטין", און אין דאָזיקן יאָר האָט דאָס אַרגענטינער פאָלק, דורך פאַרשידענע אַקטן, באַערט דעם אָנדענק פונעם העלדישן שעף פון דער אַנדן־אַרמיי. וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, היסטאָרישע געזעלשאַפטן, סטו־דענטן אָרגאַניזאַציעס, עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע קערפּערשאַפטן און אַרבע־טער סינדיקאַטן האָבן דורכגעפירט באַערונגס־אַקטן אויף פאַרשידענע אופנים.

באַערונגס־אַקטן פאַר סאַן מאַרטינען האָבן אויך דורכגעפירט פאַרשידענע קאָלעקטיוויטעטן, צווישן זיי די אידישע. די „דאַיא", וואָס רעפּרעזענטירט דעם

אָרגאַניזירטן אידישן ישוב, האָט געבילדעט אַ ספּעציעלע באַערונגס־קאָמיסיע און די דאָזיקע קאָמיסיע האָט דורכגעפירט פאַרשידענע אַקטן, צווישן זיי ספּעציעלע גאָטעס־דינסטן און דאָס לייגן פון אַ בלומענקראַנץ באַם סאַן מאַרטין מאָנומענט אין בוענאָס איירעס. דאָס זענען געווען גרויסע מאַניפעסטאַציעס פון אידישער לאָיאַליטעט צום לאַנד און זיין גרויסן פּראָסער. דער קולמינאַציע אַקט איז געווען דאָס אויפהענגען אַ בראָנזענעם טאָוול אַפן מאָנומענט פון סעררא דע לאַ גלאָריאַ אין מענדאָסאַ, ביי וועלכן עס זענען בייגעווען אידישע דעלעגאַציעס פון גאַנצן לאַנד. בוענאָס איירעס איז באַם דאָזיקן גרויסן אַקט געווען פאַרטרעטן דורך פאָרשטייער פון די גרעסטע אינסטיטוציעס און דאָס זעלבע די קהילות פון כמעט אַלע שטעט פון אַלע עקן לאַנד.

ערב דעם טאָג פונעם יאָרצייט, מיטוואָך דעם 16טן אויגוסט, האָט דער קאָמיטעט פון דער „דאַיאַ” פאַר באַערונג פונעם באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין, אַרויסגעלאָזט אונטערן קעפּל „אָנשלוס פון דער אַרגענטינער אידישער קאָלעקטיוויטעט אין גרויסן אזכרה אַקט פאַרן באַפרייער, אין טאָג פון זיין 100טן יאָרצייט” פאָלגענדיקן קאָמוניקאַט:



דער מלוכה־פּרעזידענט גענעראַל כואַן דאָמינגאָ פּעראָן (רעכטס); דער פּרעזידענט פון פּאַראַגוויי, ד״ר טשאַוועס; די פרוי פונעם מלוכה־פּרעזידענט, עוואַ דואַרטע דע פּעראָן, און דער אַוויאַציע מיניסטער סעסאַר ראול אָכע, בשעת דער מיליטערישער דעפּיליע ביי דער פייערונג פונעם הונדערטסטן יאָרטאָג פון סאַן מאַרטינס טויט, דעם 17טן אויגוסט 1950.

„מיט אויסערגעוויינלעכער איינשטימיקער התלהבות, וואָס נאָר דער ליכטיקסטער פון די פּראָסערס האָט געקענט דערוועקן צו זיין פיגור און צום גרויסן פאַרנעם פון זיין ווערק, פייערט דאָס אַרגענטינער פאָלק, מיט עקזאַלטירטן פּאַטריאָטישן אייפער, אין אַ ווירדיקן אַפּאָטעאָן, זיין

באַערונג צום באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין, אין דעם סענטענאַר זינט ער איז אַריבער צו דער אומשטערבלעכקייט.

„און די אידישע קאַלעקטיוויטעט, אַלס אומאָפּטיילבאַרער, אינטע־גראַלער גליד פונעם פאָלק פון דער סאַנמאַרטינער נאַציאָן, געפינט זיך גייסטיק און אַקטיוו אָנוועזנד אויף דער גערעכטער באַערונג פונעם באַ־פרייער פון די פעלקער, לערער פון מאָראַלישער שלימות און הויפּט־אינס־פּיראַטאָר פון דער אַרגענטינישקייט, דערפאַר ווייל פאַר אַלע אַרגענטי־נער אידן, פונקט ווי פאַר אַלע איבעריקע לאַנדגענאָסן פון אַנדערע גלויבנס און שטאַמען, דינט די אייציקע פּערזאָנאַליטעט פונעם פאָטער פון דער פאַטריע, אַלס פירער איבער דעם ליכטיקן וועג פון ליבע צו דער אַרגענטינער ערד, פון מענטשלעכער פאַרברידערונג און פונעם פרידן און פּרוכטבאַרער און שעפערישער אַרבעט.

„דער קאָמיטעט פון דער אַרגענטינער אידישער קאַלעקטיוויטעט, אויף צו באַערן דעם באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין, וואָס האָט די פּראָטע־זשירונג פון דער „דאַיאַ״, און פון דער גאַנצער אידישער געמיינשאַפט, וואָס זי רעפּרעזענטירט, פאַרוואַנדלט אין דעם אויסדרוק פון דעם סאַנ־מאַרטינער סענטימענט פונעם אידנטום פונעם לאַנד, האָט קאָנקרעטי־זירט אין פאַרשידענע אַקטן די אידישע באַערונג פאַרן גרעסטן העלד, דעם אומבאַשפּרענקלטן פּגמלאַזן באַפרייער, און אין דער פייערלעכער שעה אין וועלכער עס פאַלט אויס דער צענטענאַר פון זיין טויט, ווידערהאָלט ער, אַן איבעריק מאָל, מיט דעם טיפן צער, וואָס עס רופט אַרויס די היסטאָרישע געשעעניש: זיין אַבסאָלוטן פלאַמיקן אַנשלוס אין דער העכ־סטער באַערונג, וואָס די באַהערדן און דאָס פאָלק, די נאַציאָן אין איין־איינציקן באַנד, טיילט צו דעם באַפרייער. צוזאַמען מיטן קאָמיטעט, שליסט זיך אָן די אידישע קאַלעקטיוויטעט אין דער אזכרה פאַרן רומ־פולסטן פאַרשטייער פונעם געמיינזאַמען פאָטערלאַנד, אין דעם דאָזיקן ״ענקווירדיקן 17טן אויגוסט פון 1950.״

און „די פּרעסע״ האָט אין זעלבן טאָג געבראַכט אַ לייט־אַרטיקל אונטערן קעפּל „מאָרגן, דער גרויסער טאָג פון אַלע אַרגענטינער״, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט:

„דאָס גאַנצע לעצטע יאָר פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אין אַרגענטינישן לאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יאָר פון באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין, און אַלע אַרגענטינער, אָן אונטער־שיד פון גלויבן, אָפּשטאַם, שפּראַך און פּאָליטישע איבערצייגונגען, דער־מאָנען כסדר דעם מוטיקן קעמפער פאַר פרייהייט, וואָס האָט אַריבערגע־שפּאַנט די אַנדן קעגן די אימפּעריאַליסטישע הערשער און האָט דאָס אַרגענטינער לאַנד, איינעם מיט אַ גרויסן טייל פון גאַנץ דרום אַמעריקע,

באַפרייט פון פרעמדן פּאָליטישן יאָך, פון פאַרשקלאַפטקייט און אומטאָלעראַנץ.

„און דער מאָרגנדיקער טאָג ווערט באַזונדער געווידמעט דעם באַפרייער, צוליב דעם, וואָס עס ווערט הונדערט יאָר זייט ער איז אַוועק אין דער אייביקייט. אומעטום, וואו מענטשן וועלן זיך מאָרגן צונויפקומען, דערוואַקסענע און קינדער, אין געבעט־הייזער, שולן פאַר קינדער,



פרעזידענט פעראָן באַגריסט איינעם פון די רעגימענטער בשעת דער פייערונג. פונעם סענטענאַר פון סאַן מאַרטינס טויט.

קלובן וועט דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין און אים פאָרשטעלן אַלס דאָס דאָזיקע, וואָס ער איז געווען און פאַרבליבן: מוטיקער קעמפער פאַר פאָלקס־פרייהייט און פאָלקס־וואוילזיין און עכטער פאַטריאָט און לערער פון טאָלעראַנץ און פריינטשאַפט פון מענטש צו מענטש און געטריישאַפט די בעסטע און שענסטע פרינציפן פון מענטשלעכקייט.

„און די אידישע קאָלעקטיוויטעט אין לאַנד פילט זיך אין אָט דעם טאָג באַזונדער נאָענט צו דעם גאַנצן אַרגענטינער פאָלק און צו אַלע איינוואוינער, וואָס דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם גרויסן באַפרייער, וואָס איז געווען און וועט פאַרבלייבן אַלס מוסטער פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער, אַרגענטינער און וועלט־מענטשן בכלל. ער האָט מיט זיין אייגענעם לעבן געוויזן, אַז זיין טאַט איז פאַר אים דאָס זעלביקע, וואָס זיין וואָרט. ער האָט כסדר געלעבט באַשיידן און ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט

פאַרמאָגט, אוועקגעגעבן זײַן לאַנד, זײַן פֿאָלק און דער גאַנצער מענטשהייט.

„און מיט אַלע אידישע קינדער פֿון לאַנד און מיט אַלע דערוואַקסענע אידן וועט מען מאָרגן לערנען די לעבנס־געשיכטע פֿון דעם באַפֿרייער. מען וועט זי לערנען אין די שולן, אין די געבעט־הייזער און אומעטום, וואו אידן וועלן זיך צונויפֿקומען. און אידישע תפילות וועלן פֿאַראייניקט ווערן מיט דעם אַרגענטינער הימן, דעם ליידנשאַפֿטלעכן געזאַנג צו פֿריי־הייט און מיט די עכטע פּאַטריאָטיש־אַרגענטינישע געזאַנגען.“

אַרגענטינער אידן האָבן אויך גענומען אויף זיך צו פֿאַרייביקן סאַן מאַרטינס נאָמען דורך פֿלאַנצן אין מדינת ישראל אַ וואַלד אויפֿן נאָמען פֿון אַרגענטינער פּראָסער. דער דאָזיקער וואַלד זאָל געפֿלאַנצט ווערן אויף די בערג פֿון יהודה, באַם קאָרידאָר וואָס פֿירט צו ירושלים. דער סאַן מאַרטין וואַלד זאָל האָבן מינדעסטנס הונדערט טויזנט ביימער.

אין טאָג פֿון 17טן אויגוסט 1950 זענען דורכגעפֿירט געוואָרן גאָטעסדינסטן און מיליטערישע פּאַראַדן באַ וועלכע עס איז בייגעווען דער מלוכה פּרעזידענט גענ. פּעראָן מיט זיין פֿרוי עוואַ דואַרטע דע פּעראָן, וויצע פּרעזידענט קיכאַנאָ, רעגירונגס־מענער, פּאַרלאַמענטאַריער און דאָס פֿאָלק. אין מיליטערישן פּאַראַד האָבן זיך באַטייליקט אויך קאַדעטן פֿון טשילע, פּערו און פּאַראַגוויי. ס׳איז אויך בייגעווען דער פּרעזידענט פֿון פּאַראַגוויי, דר. טשאַוועס. דער קולמינאַציע־אויסדרוק פֿון דער סענטענאַר־פֿייערונג איז געווען דאָס קלינגען פֿונעם גלאָק פֿון הואַרא, פּערו, יענער גלאָק וואָס האָט געמאָלדן דאָס קומען פֿון סאַן מאַרטין מיט זיין באַפֿרייונגס אַרמיי אויף פּערואַנער ערד אין 1821. פּונקט אין דעם מאָמענט וואָס האָט דערמאָנט דאָס שטאַרבן פֿון סאַן מאַרטין, 14.58 אזייגער, האָט דער מלוכה פּרעזידענט גענעראַל פּעראָן דורך אַ הויכרעדער געמאַכט אַ רוף: „איך לאַד איין דאָס פֿאָלק פֿון דער רעפּובליק צו אַ מינוט שטילזיין, אין באַערונג פֿונעם גרויסן קאַפּיטאַן“. און ווען די מינוט איז אַוועק, האָט ער מיט אַ העמערל געגעבן דריי קלעפּ אין היסטאָרישן גלאָק, מיט אינטערוואַלן פֿון צוואַנציק סע־קונדן פֿון איין קלאַפּ צום צווייטן. נאָך יעדן קלאַפּ אין גלאָק האָט אַ באַטעריע פֿון פֿיר קאַנאָנען אָפּגעפֿייערט אַ זאַלפּ.

דער דאָזיקער היסטאָרישער גלאָק איז געבראַכט געוואָרן פֿון פּערו קיין בוענאָס איירעס ספּעציעל צו דער סענטענאַר־פֿייערונג פֿון סאַן מאַרטינס יאָרצייט.

דער הונדערטסטער יאָרצייט פֿון סאַן מאַרטין איז געפֿייערט געוואָרן דורך אַלערליי אַקטן אין טשילע, פּערו, אורוגוויי און אין אַלע אַמעריקאַנער לענדער. אויך אין אייראָפּע האָט מען געפֿייערט דעם אָנדענק פֿון באַפֿרייער. באַזונדערס איינדרוקספֿול זענען געווען די אַקטן אין בולאָניע סור מער, וואו סאַן מאַרטין האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם.

אויך מדינת ישראל האָט זיך מיטבאַטייליקט אין די פייערונגען, און אַף אַ גאַנץ באַזונדערן אופן. ס'איז אײַנעם טאָג פון סענטענאַר פון סאַן מאַרטינס טויט געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון אַ סאַן מאַרטין הײם באַם ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות. דאָס דאָזיקע הויז אָפּן נאָמען פון סאַן מאַרטין זאָל



דער פּלאַץ, וואו עס ווערט געפּלאַנצט דער סאַן מאַרטין וואַלד אין ישראל

דינען אַלס אָפּרו־פּלאַץ פאַר לאַטיין־אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטער, פאָרשער און אַנדערע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן. די לאַטיין־אַמעריקאַנער געסט וועלן אין סאַן מאַרטין הויז פון רחובות געפינען אַ באַקוועמע היים בשעת זייער באַזוך אין ישראל.

אַזוי האָט געפייערט אַרגענטינע און אַזוי האָט געפייערט אַמעריקע און די גאַנצע וועלט דעם הונדערטסטן יאָרצייט פון גענעראַל סאַן מאַרטין.

עס מאַכט נישט אויס וואָס סאַן מאַרטין האָט נישט פאַרענדיקט מיטן שונא אין פּערו. עס מאַכט נישט אויס וואָס נאָך דעם צוזאַמענטרעף מיט באָליוואַר אין גוואַיאַקיל האָט דער קאַפּיטאַן פון דער אַנדן־אַרמיי זיך צוריקגעצויגן. באַ זיין פאָלק און באַ דער וועלט בלייבט ער אַנערקענט און פאַרערט אַלס אידעאַלער און אומאייגננוציקער קעמפער פאַר פרייהייט. זיין נאָמען בלייבט אָן אַלע אייביקייטן גרויס.

אַרגענטינע שטאָלצירט מיט איר גרויסן זון כאָסע דע סאַן מאַרטין.

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט פונעם אויטאָר	3
זשאַפּעזשו	7
די עלטערן פון כאָסע דע סאַן מאַרטין	11
אין דינסט פון דער שפּאַנישער קרוין	12
באַקענט זיך מיט דער באַפרייונגס־באַוועגונג	15
סאַן מאַרטין קערט זיך אום קיין אַרגענטינע	18
עס ווערט אָרגאַניזירט דער גראַנאַדיר סקוואַדראָן	20
די חתונה פון סאַן מאַרטין	23
די לאוטארע לאָזשע	24
די שלאַכט בּאַ סאַן לאָרענסאָ	28
סאַן מאַרטינס צוזאַמענטרעף מיט בעלגראַנאָ	33
סאַן מאַרטין שאַפט אַן אַרמיי אין נאָרדן	37
אויפגעגעבן דעם פּלאַן צו אַטאַקירן אַלטא פּערו	41
סאַן מאַרטין גובערנאַטאָר פון קוזשאָ	45
די געשעענישן אין טשילע	50
דורכגעפאַלן אַלוועאַרס אַ שפּיצל	53
סאַן מאַרטין פאַרלאָזט דעם גובערנאַטאָר־פּאָסטן	55
אינערלעכע רייבונגען און מיליטערישע נידערלאַגעס	59
צוזאַמענרייד מיט פּוערערדאָן	60
לעצטע צוגרייטונגען צום מאַרש איבער די קאָרדיליערן	62
דער אַרויסמאַרש צו די אַנדן	67
דער זיג אין טשאַקאַבוקאָ	71
דער זיג געפייערט אין בוענאָס איירעס	76
צוזאַמענטרעף פון סאַן מאַרטין מיט קאַררעא	77
אַרגענטיניש־טשילענער מיליטערישע אַליאַנץ	81
דער ערשטער צוזאַמענשטויס אין זיד טשילע	85
פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון טשילע	86
די נידערלאַגע בּאַ קאָנטשא ראַזשאַדא	89
דער זיג ביי מאַיפּו	95

זייט

גרויסע געלט זאָרגן	102
פּועירערדאָן פאַרלאָזט די רעגירונג	107
געקומען קיין פּערו	111
פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון פּערו	117
אינטריגעס קעגן סאַן מאַרטין	121
ערב צוזאַמענטרעף מיט באָליוואַר	124
געקומען קיין גוואַיאַקיל	129
דער דורכפאַל באַם צוזאַמענטרעף	133
גרויס פאַרביטערונג פון סאַן מאַרטין	137
דער פּראָטעקטאָר אבדיקירט	143
זיך אומגעקערט קיין טשילע	149
געשטאָרבן רעמעדיאָס עסקאַלאַדע	151
סאַן מאַרטין פאַרלאָזט אַרגענטינע	155
סאַן מאַרטינס אויפהאַלט אין אייראָפּע	158
געקומען ביז בוענאָס איירעס און זיך אומגעקערט	163
באַנקיר פון אידישן אָפּשטאַם העלפט דעם באַפרייער קויפן אַ הויז	168
אַגואַדאָ געשטאָרבן	175
מערסעדעס כאַסענע געהאַט	177
די לעצטע יאָרן פונעם באַפרייער	179
די לעצטע טעג	183
די רעשטן פון באַפרייער געבראַכט קיין אַרגענטינע	187
דער הונדערטסטער יאָרצייט	190

Este libro **"General San Martín el Libertador"** (en Idisch) de N. Fruchter, se terminó de imprimir el día 20 de Septiembre de 1950, Año del Libertador General San Martín, en los Talleres Gráficos de Zlotopioro Hnos. Gascón 1231 — Buenos Aires — Rep. Argentina

INSTITUCIONES Y PERSONALIDADES DE LA COLECTIVIDAD QUE APORTARON PARA LA FINANCIACION DE ESTE LIBRO

Diario "DI PRESSE"
Asociación Mutual Israelita Argentina (Comunidad de Buenos Aires)
D.A.I.A. (Deleg. Asoc. Isr. Arg.)
Escuela "Schólem Aléijem"
Banco Israelita del Río de la Plata
Cooperativa de Crédito "Caballito"
Cooperativa de Crédito "Villa Crespo"
Unión Central Israelita de Polonia
Sociedad Israelita de Lemberg
Sociedad Israelita Besarabia
Corporación Comercial Isr.
Unión Israelita de Varsovia
Unión Central Isr. de Galitzia
Banco Comercial de Buenos Aires

Absatz y Messingier
Becher Jaime
Chervin Carlos
Dolinsky Jacobo
Glocer Miguel
Hofer Pedro
Hirsch David
Jaritansky B.
Kantor Hnos. Daicz y Grokop
Kasner Mauricio
Knobel Boris
Kraitzer Jacobo
Kweller Hnos.
Kupferschmidt Máximo
Laib Hnos.
Leiva Moisés
Lichtenstein Simón
Lerman Dawid (Optico)
Matrajt Sujer
Pincus Marcos
Polak Hnos. y Kohan
Reiter Salomón
Rozental Wolf
Ruzal Josue
Stempel Jacobo
Sawelsky Lázaro
Sicorsky Hnos.
Schlaen Abraham
Vajlis Juan
Wysypka José

Comisión organizadora:
Dr. L. Zytnitzky, M. Tabakschneider, Z. Mazur y J. Strajer

CAPITULO VI.

La derrota en Cancha Rayada. — Dispersión del Ejército Unido. — Famosa retirada del ejército de Las Heras. — Reorganización del Ejército Unido. — Los realistas atraviesan el río Maipo. — El triunfo de Maipú. — Grandes preocupaciones económicas. — Retiro de Pueyrredón del gobierno. Págs. 89—110

CAPITULO VII.

Creación de la escuadra. — Su composición. — El dominio del mar pacifico. — Campaña naval de Cochrane. — Desembarco en Paracas. — La ocupación de Pisco. — La entrevista de Miraflores. — Los realistas abandonan Lima. — El Protector del Perú. — Gobierno de San Martín en Lima. — Intrigas contra el Libertador. — En vísperas del encuentro con Bolivar. Págs. 111—128

CAPITULO VIII.

La llegada a Guayaquil. — La entrevista sin testigos. — Fracaso de la conferencia. — Desengaño de San Martín. — Abandona Guayaquil de regresa a Lima. — Instalación del Congreso Constituyente. — El Protector renuncia a su puesto. Págs. 129—148

CAPITULO IX.

El Libertador retorna a Chile. — Ingratitud de los chilenos. — Se traslada a Mendoza. — La muerte de Remedios de Escalada. — San Martín se exila de la Argentina. — Sendero de soledad. — Su arribo a Europa. — Maestro de su hija. — Su vuelta a Buenos Aires y su exilio definitivo. Págs. 149—167

CAPITULO X.

Banquero de origen judío ayuda a San Martín a adquirir una propiedad. — Las visitas en Grand Burg. — La muerte de Aguado. — El casamiento de Mercedes. — El gran abuelo con sus nietos. — Los últimos años del Libertador. — Sus horas postreras. — Su muerte. — Los restos mortales de San Martín son repatriados a la Argentina. — Celebración del primer centenario de su muerte. Págs. 168—193

INDICE

CAPITULO I.

Prefacio. — Yapeyú. — Los padres de José de San Martín. — Su juventud. — Al servicio de lo Corona de España. — Muerte del general Solano. — Las sociedades secretas. — La campaña contra Napoleón. — San Martín trata relación con el movimiento del liberación. Págs. 3—17

CAPITULO II.

San Martín y Alvear retornan a la Argentina. — La organización del regimiento de granaderos a caballo. — Su casamiento con Remedios de Escalada. — La logia Lautaro. — La batalla de San Lorenzo. Págs. 18—32

CAPITULO III.

La marcha de San Martín a Tucumán. — El abrazo con Belgrano en Yatasto. — San Martín toma el mando del ejército del norte. — Renuncia al plan de invadir el Alto Perú. — Enfermedad de San Martín. — Deja el mando del ejército del norte. Págs. 33—44

CAPITULO IV.

San Martín intendente de Cuyo. — Los acontecimientos en Chile. — Fracaso de una actitud de Alvear. — San Martín abandona su puesto de gobernador. — Rozamientos internos y derrotas militares. — La entrevista con Pueyrredón. — Un día de trabajo de San Martín. — Ultimos preparativos para el cruce de la Cordillera de los Andes. Págs. 45—66

CAPITULO V.

El cruce de los Andes. — La invasión combinada por Uspallata y Los Patos. — Ocupación del punto estrategico de Chacabuco. — Errores de Marcó. — La batalla y el triunfo en Chacabuco. — Se celebra el triunfo en Buenos Aires. — El encuentro de San Martín con Carrera. — Alianza militar argentino-chilena. — La diplomacia de la alianza. — El primer choque de armas en el sud de Chile. — Se proclama la independencia de Chile. Págs. 67—88

OBRAS CONSULTADAS

RICARDO LEVENE — Historia de la Nación Argentina

BARTOLOME MITRE — Historia de San Martín y de la emancipación sudamericana

HECTOR G. RAMOS MEJIA — Historia de la Argentina

RICARDO ROJAS — El Santo de la Espada

CARLOS IBARGUREN — San Martín Intimo

JOSE PACIFICO ORTERO — Historia del Libertador don José de San Martín

★

los recursos para formar en Mendoza su soñado ejército. En su Cuartel General de Plumerillo es creado el Ejército de los Andes. Desde todos los confines de la extensa Provincia de Cuyo, que comprende, hoy día, las provincias de Mendoza, San Juan y San Luis, se presentan jóvenes para enrolarse en el Ejército de Liberación. Las mujeres de Mendoza ofrecen sus joyas para la Gran Causa. La esposa de San Martín, junto con otras damas patricias de Mendoza, tejen la bandera que le serviría de antorcha en la Marcha de la Liberación.

Aquel ejército contaba con los más grandes jefes militares de la época: Las Heras, Lavalle, Paz, Dorrego y otros, quienes más tarde lucharon durante años por la independencia de nuestra República.

El ejército, conducido por el Gran Capitán, cruzó los Andes, venció a los españoles en Chacabuco y en Maipú y alcanzando luego la costa del Perú, expulsó al enemigo de Lima.

Pero el Libertador no pretende ninguna recompensa material por todas esas victorias. No quiere ser ni rey ni jefe de Estado. No busca títulos ni rangos. El Lima es proclamado Protector y acepta desempeñar este puesto, sólo por poco tiempo, pues las circunstancias así lo exigen.

Mas con la liberación de Lima y El Callao aún no está completada la liberación de Perú, por lo que San Martín procura obtener el apoyo de otro esforzado luchador por la Libertad, que está con sus ejércitos en el Ecuador. Tiene lugar una conferencia entre ambos jefes. Bolívar rechaza el pedido de ayuda: "No hay sitio para dos Libertadores" en América del Sur, afirma Bolívar, y San Martín cede su lugar al Libertador del Norte.

Llegan luego los penosos años del exilio. El Libertador de medio continente se retira de la vida pública y se dedica íntegramente a la educación de su hija. En su patria cunden las revueltas. Caudillos y montoneras cometen desmanes en las Provincias y en Buenos Aires y los gobiernos se suceden unos tras otros. No le fué dado al prócer gozar de la paz que anhelaba.

El autor de este libro, dedicado a venerar la memoria del Gran Capitán, General San Martín, espera que el mismo será recibido con idéntico cariño al que fué escrito y que es el que también inspira a la Sociedad de Escritores y Periodistas Israelitas para auspiciar su edición.

N. FRUCHTER.

PREFACIO DEL AUTOR

La biografía del Gran Capitán de los Andes, que publicamos aquí, describe una época preñada de sucesos tormentosos, de revoluciones y contrarrevoluciones, de luchas de liberación y de caudillismo. Aquel período de principios del siglo XIX, lleno de conmociones en Europa, también trajo consigo la liberación de los pueblos de las Américas y fué al General San Martín a quien el destino eligió para desempeñar el papel decisivo en esta liberación.

Las inquietudes de la época alcanzaron también a los hombres y así fué de agitada la vida del Libertador y al de los próceres de nuestra historia como Pueyrredón, Belgrano, Alvear, Rivadavia y otros, que ocuparon altos cargos en el Gobierno y en el ejército.

En este libro se relata la grandeza de San Martín ocmo organizador y creador de las fuerzas del ejército y su total renunciación en lo que se refiere a sus intereses prsonales, al llevar a cabo la magna obra. El lector hallará en esta biografía de San Martín una clara visión de su vida privada y de sus campañas militares. Lo vemos en pleno apogeo, a la edad de 34 años, como avezado jefe militar, dedicado a la formación del regimiento de Granaderos a caballo, que tanto se distinguió en la victoria de San Lorenzo y luego, como organizador del ejército en Tucumán para la planeada ofensiva sobre el Alto Perú.

Aunque su salud comienza a quebrantarse, no abandona la idea de perseguir al enemigo y libertar totalmente a su patria. Comprende que sólo con la campaña a través de Chile y Lima será posible aplastar para siempre al enemigo que quiere sojuzgar por la fuerza a los países conquistados. A pesar de su precario etado de salud, no ceja en su empeño de elaborar su plan que obtiene el pleno apoyo del Director Supremo Pueyrredón. Habiendo sido designado Gobernador de Cuyo, dispone de todos

N. FRUCHTER

GENERAL SAN MARTIN
EL LIBERTADOR

★

Editado por la Sociedad de Escritores y Periodistas
Israelitas en la Argentina

Bajo el auspicio de
D.A.I.A
Comité de la Colectividad Israelita Argentina
de Homenaje al Libertador Gral. San Martín

BUENOS AIRES
Año del Libertador General San Martín 1950

GENERAL SAN MARTIN